STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10963

TSVEY KHAVEYRIM

Leib Kvitko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קוויטקאָ

צוויי כאוויירי

(ליאם און פעטריק

ספעציעל באארבעט פאר דער שול

פארלאג „עמעס" מאָסקווע 1933

ל. וואָרטמאנ.

לייב קוויטקאָ.

לייב קוויטקאָ, איינער פונ די באַדײַטנדיקסטע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, איז געבוירנ ארומ 1895 יאָר אינ דאָרפ גאָלאָסקאָוואָ (פּאָדאָ-ליע). פונ זײַנע ייִנגסטע קינדער-יאָרנ אָנ האָט ער געפירט א לעבנ פול ארבעט אונ מי, וואָגלעניש אונ נויט. צו צענ יאָר האָט ער שוינ געארבעט אינ א דראטש (מאסלאָבוינע), ווו מע האָט אים געצאָלט 16 קאָפּעקעס א טאָג. ער האָט אויסגעפּרוווט א גאנצע רײ פּראָפעסיעס — געארבעט אלס גארבער, שטעפער, פארבער, אאוו., אינ ניקאָלײַעוו, כערסאָנ, אָדעס, קיִעוו. אזוי האָט זיכ געצויגנ זײַנ לעבנ בּיזנ 1917 יאָר. צו דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע איז ער געווענ אינ קיִעוו, אונ דעמלט טאקע האָט ער אָפּגעדרוקט זײַנ ערשטע ליד אינ דער איינטאָגיקער צײַטונג „דאָס פרײַע וואָרט“. אינ 1918 יאָר האָט ער ארויסגעלאָזט א ביכעלע קינדער-לידער, אונ פונ דעמלט אָנ פארנעמט די קינדער-שאפונג א באַדײַטנדיק אָרט אינ זײַנ דיכטונג. אהער געהערנ זײַנע ביכער: „ריגג אינ רינג“, „יונגע בויערס“ אא.

אינ 1919 יאָר איז ארויס ל. קוויטקאָס לידער-בוכ „טריט“, מיט וועלכנ ער האָט פארנומענ א באַדײַטנדיק אָרט אינ דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. אינ די לידער פונ דעם ביכל קומענ צומ אויסדרוק די שטימונגענ פונ די האָרעפּאשנע קליינבירגערלעכע פאָלק-מאסנ, וואָס ציִענ זיכ צומ פּראָלעטאריאט, אָבער גלײַכצײַטיק אויכ די וואקלדיקײַט אונ צעטומלטקײַט פונ די דאָזיקע קליינבירגערלעכע שיכטנ, אָט די אלע ווידערשפּרעכיקע שטימונגענ האָבנ זיכ אָפּגעשפּיגלט אינ קוויטקאָס ביכל „טריט“. ער איז „צוגעוואָקסנ צו זײַנ גרויסנ הײַנט“. שטארקע בילדער, פריידיקע מונטערקײַט אינ פארבינדונג מיט דעמ „גרויסנ הײַנט“ זאָגנ איידעס, אז אינ אימ יוירט א גרויסע קראפט. ער וואָלט „א יונגנ אָקס דעמ קאָפּ פארלענדט“. אָבער דער דיכטער, פּונקט ווי דער שיכט, וועלכנ ער דריקט אויס, ווייס נאָכ ניט קיינ ריכטונג-

וועג פאר דער דאָזיקער קראַפטפולער מונטערקייט, און דערפאר גייט ער צוזאמען מיטן ציקל „ליכטיקער שאָטן“, א צווייטן ציקל „טונקעלער שאָטן“, און די ביידע מאָטיוון פלעכטן זיך איבער אין גאנצן ביכל „טריט“; עפּעס מאָנט בא אים א „בלינדער טאַם“. דער דיכטער פילט, אז די טייַנע צו אים איז א גרויסע, שווערע און וויכטיקע, נאָר אין וואָס זי באשטייט קאָן ער קלאָר ניט פאָרמולירן. אָט די צעטומלטקייט און די וואקלונגען גייען דורך ווי א גרונט-שנור דורך דער דיכטונג פון ביכל „טריט“. דעם דיכטערס אומבאַדינגט פּאָזיטיווע באַציִונג צו דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פּאָעמע: „דער רויטער שטורעם“, אין וועלכער ער באַגריסט די רעוואָליוציע און ווי ער רייַסט דרייסט מיטן גאנצן נאציאָנאליסטישן קלאָפּערגעצייַג, וואָס האָט דעמלט געבאלעבאַטעוועט אין א היפּשן טייל פון דער, יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, ער גייט מיטן „ברודער גוי“ אין אלגעמיינעם קאמף פאר א נייַער, ליכטיקער, גרויסער צוקונפט. דאָ איז געקומען צום אויסדרוק דער פאקט, אז א טייל קליינבירגערלעכע שיכטן האָבן זיך ענגער אָנגעשלאָסן אָן דער רעוואָליוציע און אָנגעהויבן פארשטיין, אז די איינציקע מעגלעכקייט פון באַפרייַונג ליגט אינעם וועג אינייינעם מיטן פּראָלעטאריאט, און דער דיכטער נעמט אויף פריי־דיק די רעוואָליוציע, ווי א מעכטיקן רויטן שטורעם.

צום באַדויערן גייט קוויטקאָס דיכטערישע אנטוויקלונג אין ניט קיין גראָדער ליניע, ארויף, צו דער פּראָלעטארישער דיכטונג. אין דער שאַפונג זייַנער זייַנען פאראן אָפטע דורכרייַסן, וואָס דריקן אויס סיי קליינבירגערלעכע וואקלונגען אין שווערע מאָמענטן פון דער רעוואָליוציע סיי די ווירקונג פון קלאסנפייַנטלעכע שטימונגען. דער ערשטער דורכרייַס זייַנען א באַשטימטער טייל לידער אין בוך „1919“, אין וועלכע מיר געפינען א נאציאָנאליסטישן ענטפער אף די פּעטליורישע פּאָגראָמען אף אוקראַינע. דער זינגער פון „רויטן שטורעם“, וואָס האָט אין יאָר 1919 מיט זייַן פּאָעמע באַגייַסטערט אופנענומען די רויטע ארמיי און אזוי אנטשיידן געריסן מיט אלע רעאקציאָנערע שאָוויניסטישע טראַדיציעס, איז אין א גרויסן טייל לידער פון זייַן בוך „1919“ געוואָרן דער רופאָר פון די זעלבע נאציאָנאליסטישע קויכעס. דאָס ביכל „1919“ איז גרעסטנטיילס אָנגעשריבן ניט אין ראטנפארבאנד, נאָר אין בערלין, וווהין קוויטקאָ איז אָפּגעפאָרן אין 1921 יאָר.

אָט די אָפּגעריסנקייט פונ ראטנפארבאנד האָט אַנ סאָפּעק אויכ מיטגעווירקט צו שאפנ די פרעמדע שטימונגענ אינעם ביכל „1919".

לייב קוויטקאָ האָט זיכ אינ קאָוונע באטייליקט אינ אומלעגאלע קאָמוניסטישע אויסגאבעס. אינ בערלינ אונ האמבורג האָט ער זיכ אָנגעשלאָסנ אָנ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעט אינ דייטשלאנד. פונ 1923 ביז 1925 יאָר האָט ער געארבעט אינ האמבורגער האפנ אונ אָנטייל גענומענ אינ פאראנטוואָרטלעכער פארטיי-ארבעט: זיינ דערפא-רונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער דייטשישער ארבעטער-באוועגונג האָט ער געגעבנ אינ דעם בוכ דערציילונגענ „ריאָגראנדער פעל" אונ אינ א ריי לידער, וואָס זיינענ שפּעטער ארייַנ אינעם בוכ „געראנגל".

דאָס בוכ „געראנגל", וואָס איז ארויס אינ יאָרנ פונ באָלשעוויסטישנ אָנגריפ אפ אלע פראָנטנ אונ פארשארפטנ קלאסנקאמפ (1929), האָט ווידער אָפּגעשפּיגלט דעם דיכטערס וואקלונגענ. אינ דעם זעלבנ בוכ גייענ ארייַנ מאָטיוונ פונ רעוואָליוציאָנערנ ארבעטער-קאמפ אינ דייטשלאנד, מאָטיוונ פונ קאמפ קעגנ דער קליינבירגערלעכער, „באלעבעסלדיקער סטיכיי" (שוואָגערלעכ) אונ גלייכצייטיק די טרויעריק באוווסטע „שארזשנ" וואָס האָבנ אויסגעדריקט קלאסנפייַנטלעכע ווירקונגענ אינ דער באציונג צו דער פארטייישער אָנפירונג מיט דער ליטעראטור.

פונ 1930 יאָר גייט ל. קוויטקאָס דיכטערישער וועג מער גראָדליניק אפנ וועג פונ אָרגאניש באנעמענ אונ איבערגעבנ אינ זיינ שאפונג די רעוואָליוציע, די סאָוועטישע ווירקלעכקייט. זיינ גרויסע לעבנס-דערפא-רונג פונ די קינדער-אונ יוגנט-יאָרנ האָט ער סומירט אינ ערשטנ באנד „ליאַם אונ פעטריק", וואָס כאפט ארום די יאָרנ זינט דער ערשטער רעוואָליוציע (1905) ביז דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע. אינ צווייטנ באנד, אפ וועלכנ דער שרייבער ארבעט איצט, וועלנ געשילדערט די יאָרנ פונ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע אונ בירגערקריג. קוויטקאָ האָט אויכ באהאנדלט טעמעס פונ אונדזער סאָציאליסטישער בויונג. זיינ ביכל „טראקטער צעכ" איז אויסגעוואָקסנ אלס רעזולטאט פונעם דיכטערס ארבעט אפנ טראקטער-זאוואָד". דאָס ביכל „אָנגריפ אפ וויסטעס" איז א באנד פארצייכענונגענ וועגנ טורקסיב. אינ זשורנאל „פראָליט" האָט ל. קוויטקאָ אינ 1932 יאָר אָפּגעדרוקט א ציקל רויטארמייישע לידער. איצט ארבעט ער אפנ II באנד „ליאַם אונ פעטריק" אונ אפ די ווייטערדיקע טיילנ פונ „יונגע לייעס", א פאָעמע, וואָס באהאנדלט דעם בירגערקריג.

אינ א זוניקנ טאָג

1.

שטענדיק פֿארטאָג איז ליאמענ אזוי גרינג דער שלאָף. דורכ די הײַטלעכ פֿונ די אויגנ גײט דורכ די העלקײַט. פֿארטאָג קענ מענ אפֿילע פֿארשלאָפֿענערהײט פֿילנ, צי די זונ איז ערשט באם אָנהײב טײַכ, צי שױנ אפֿנ הויכ-הויכנ בארג מיסט, לעבנ הײזאגמערנ, אונ גליטשט זיכ מיטנ מיסט אינ טאָל ארײַנ.

ליאמס אײוורימ דערפֿילנ שוינ אלײנ, אז די באָבע איז פֿונעמ בעט ארויס: ס'איז גראמ געוואָרנ, אינ די דארע לאנגע פֿיסלעכ זײַנע — צענערעקטע, צעגראבלטע, אומגעוואשענע, — שטרעקנ זיכ פֿארשלאָפֿנ אויס; אײנ פֿוס טרעפֿט אינ לאָכ פֿונ דער קאָלדרע אונ ווערט אויכ באשײַנט פֿונ דער זונ, ווי די צוגעמאכטע אויגנ.

„אײַ", — ד'אכט זיכ ליאמענ אינ שלאָף, אז סאלי געלע-גאָלדעס צײלט אימ די פֿינגערלעכ פֿונעמ אויסגעשטרעקטנ פֿוס אונ רופֿט אָנ יעדנ פֿינגערל — הינדעלע: „אײנ הינדעלע, נאָכ אײנ הינדעלע". טוט ער מיטנ פֿוס א פֿיצ — פֿאלט סאלי אומ, כאפּט ער איר פֿיסל אָנ, צײלט איר אויכ די פֿינגערלעכ: „אײנ הינדעלע, נאָכ אײנ הינדעלע". — אונ מײַנ טאטע, — זאָגט ער סאלינ, — וועט ברענגענ א מאשינ, וואָס עסט שטרוי. אונ כ'האָב א גאָלד-פֿראָשעק מיט גאָלד. אָט באלד וועל איכ אויסוואקסנ, וועל איכ אימ דערלאנגענ. ער ליגט אפֿנ קארניז. וועל איכ אימ ארײַנשיטנ אינ בוג: ווער סע וועט זיכ אויסבאָדנ, — וועט ווערנ א גאָלדענער.

— קומ זיכ באָדנ, — האָט סאלי געזאָגט.

— נײנ, דאָס אײַז גײט נאָכ אפֿנ בוג.

דער בוג איז צעגאָסנ פֿונ לוקיאנאָווס הויף ביז איבער די קוזניעס. אלע קוזניעס זײַנענ אינ וואסער. אנטקעגנ דער זונ זעט מענ ערשט, ווי דאָס וואסער איז קאלעמוטנע-בלאָטיק. פֿריִער זײַנענ געגאנגענ גרויסע שטיקער אײַז, אונ דעמ פֿארנאָכט האָבנ עפּשער הונדערט מענטשנ מיט

צענ שטריק אונ קאדאָלעס געשלעפּט. זײַנענ אײַנמיטנ בוג, דאָרט, ווו זומער איז א קעסל, אָנגעפאלנ גאנצע בערג מיט אײַז אפנ פאראָם אונ ניט געלאָזט גײנ צומ ברעג. הונדערט יארידניקעס האָבנ אים געשלעפּט אפנ ברעג, אונ די אײַז-קופּעס האָבנ ניט געלאָזט, אלעמאָל איז צוגעקומענ א שטיק אײַז, זיכ אָנגעלײגט אפ די אנדערע שטיקער אונ געהאָלפנ שטופּנ דעמ פאראָם. אראָפּ, אראָפּ, — צו אלדי רוכעס. איז אפנ פאראָם געוואָרנ א גוואלד, א געיאָמער, די בעהײמעס — רעווענ, די פערד — הירזשענ, אונ הײזאגטערס שאָפּ האָבנ זיכ געשטעלט אײנע אפ דער צווײטער.

ביז — די קאדאָלע האָט זיכ איבערגעריסנ, די הונדערט יארידניקעס אפנ ברעג זײַנענ מיטנ שטיק קאדאָלע אומגעפאלנ, אונ דער פאראָם האָט געטאָנ א שפּרונג אָפּ אונ א דרײ, אונ א שטעל זיכ מיט דער זײַט ארופּ.

ליאמ האָט זיכ איבערגעקערט מיטנ פּאָנעמ צו דער וואנט אונ די קאָלדרע ארופגעצויגנ.

אײַנמיטנ בוג, דאָרט, ווו זומער איז דער קעסל, שטײט ליאמע אײנער אלײנ אפ א שטיק אײַז, ס'איז אימ פּיטש-נאס, אָט ווערט עס אימ פארטראָגנ ערגעצ. אונ פונדערווײַטנס, פונוואנענ דער בוג הײבט זיכ אָנ, שווימט אײנע, גאָר א גרויסע שטיק אײַז, שווימט אהער אונ אפ איר שטײט א קוניע אונ רויכערט זיכ. ס'איז נאָכ ווײַט. דאכט זיכ, אז אינ דער קוניע ארבעט מענ אפ דער קאָוואדלע: א גרויסער אונ א קלײנער האמער קלינגענ, ווי גלעקער — אײנס נאָכ אײנס. מיטאמאָל האקט עס ארײַנ אינ ליאמעס שטיק אײַז, אונ ליאמע שפּרינגט ארופּ אפ דער קוזניע. א פערד שטײט פארהויבנ א פוס אונ ווארט, מע זאָל עס צוקלאפּנ א פּידקאָווע.

איצטער גײענ קלײנע שטיקלעכ אײַז, אונ אלע אינגערפרי זעט מענ, אז דער בוג טרעט אָפּ.

אינ די גריבער בלײַבנ פיש אונ „קאטשקע-זיליע". אומעטומ שמעקט מיט „קאטשקע-זיליע"-קרײַטעכצער. צו בעני סטעלמאכ אינ שטוב איז אויכ ארײַנ דער בוג. ווענ דער בוג איז אוועק פונ דאָרט, האָט ער איבערגעלאָזט א פולע קיכ מיט קארפּנ. אונ אינ צעבער איז געלעגנ א לעוויאָסנ, מיט פליספעדערנ, ווי הענט. אז די בעניכע האָט גענומענ דעמ מעסער אימ צו צעשנײַדנ, האָט דער לעוויאָסנ אופגעעפנט א מויל אונ

געזאָגט: „מײַן מאמע האָט מיך קיינמאָל ניט געוויגט, און אײַער צעבער איז מיר וויל-געפעלן, אַבֿ, דאָליא מאָיא“.

אָט איז אָנגעלאָפן בערעלע קאטשקע, — אזא לאנגער ווערגעלעצ, — מיט זײַן שוועסטערל סאלי בא דער האנט. כאפט ליאמע אראָפ דאָס היטל פונעם קעפל און ווײַזט:

— זע, אהא, איך האָב ניט קיין פארכל, און סאלי האָט יאָ. — און ליאמע ווארפט זיך אראָפרײַסן פון סאלין דאָס שאלעכל, נאָר סאלי כאפט זיך מיטביידע הענטלעך באמ קאָפ, זי לאָזט ניט.

שטרעקט אויס בערעלע קאטשקע די הענט און באווײַזט זיי:

— אהא! און דו האָסט אויך צו זעקס פינגער אינ א האנט? און מיט א הײַטל זײַנען זיי בא דיר צונויפגעוואקסנ? אָט, בא מיר איז, ווי בא א קאטשקע. קומ — וועסטו זען, ווי איך קלעטער אפ די באָנטינעס!

ליאמ קען בערעלעס מויער. געלע-גאָלדעס אײַנפאָר-מויער איז די גרעסטע שטוב אינ דער וועלט: ליאמע האָט שוינ אמאָל געפרווט גײן ארום דער שטוב, צו דערזען א סאָפ; איז ער ארום און ארום גע-גאנגען דעמ מויער, ארום און ארום — און קיינ סאָפ איז ניט געווען. נאָכאמאָל און ווידעראמאָל געלײַסטלטע טירנ און מיעסע ווענט פון שטיי-נער, און אָנ אנ עק טויבנ, און אָנ אנ עק ראָבנ. און ווידער דאָס זעל-ביקע: אונטער איינ גוואלדאָוונעמ שינדל-דאך — איז אָנ א שיר שטיב-לעך מיט שטיינערנע ווענט, מיט געלײַסטלטע טירנ, מיט גרויסע טויערנ. בערעלע קאטשקע גייט מיט זײַנ סאלינ ארײַנ אינ א טויער, נאָר ליאמ גייט ניט. ער האָט מוירע פאר זייער הויפ, בלײַבט ער אינ דרויסנ.

בערעלע קאטשקע טוט סאלינ א הייב ארופ ערגעצ אפ זייערע פאר-לאָזטע בוידעמער, און פונ דאָרטנ קריכנ זיי ארויס אפנ באלקאָנ — ליא-מע זאָל זיי זען.

און דער באלקאָנ האלט זיך קוימ — די דריקלעך זײַנען איבערגע-פוילט, זיי הענגען אינדערלופטנ, און ווען בערעלע כאפט זיך אָנ אינ זיי און שפרינגט פונ איינעמ אפנ צווייטנ, ציטערנ זיי — אָט-אָט ברעכנ זיי זיך איבער, און ער פאלט אראָפ אפ דער ערד, און ער ווערט צע-שאָטנ אפ פיצ-פיצלעך; און סאלי טוט אים נאָך:

סאלי שפרינגט אויך פונ איינ דריקל אפנ צווייטנ, שטיקלעך האָלצ קרישען זיך און פאלנ אראָפ. נאָר בערעלע כאפט אלעמאָל אונטער סא-לינ, ווען יענע גליטשט זיך שיר ניט אויס, מיטאמאָל לויפט בערעלע

אוועק פֿונעם באַלקאָן צוריק אַף די בוידעמער און קלאַפּט צו הינטער זיך דאָס אַלטע טירל, סאַלי וויל אויך נאָכלויפֿן, נאָר זי שטופּט יענע העלפֿט טיר, וואָס עפֿנט זיך ניט, קלאַפּט זי מיט די קולעקלעך און מיט די פּיסלעך, שטופּט, שטופּט, נאָר סע עפֿנט זיך ניט. טרעט סאַלי אָפּ אַף עטלעכע טריט צוריק, קעדיי אַרײַנצוקוקן אין דער אויסגעבראָכענער טאַפֿליע פֿונעם טירל. ניט אומקוקנדיק זיך, טרעט זי אַזוי אָפּ צום אָפּגעבראָכענעם פֿאַרענטש. ליאַמע דערשרעקט זיך און הייבט אויף א גוואַלד: — סאַלי הענגט אַף א האָר! גוואַלד, — סאַלי וועט אַראָפּפֿאַלן!

ליאַם פֿאַרגעסט זיך גאָר, אַז ער האָט מוירע פֿאַר זייער הויף! ער לויפֿט אַרײַן אין טויער, פֿון דעם — אין א צווייטן טויער, פֿון א צווייטן — אין א דריטן, און ווייס ניט, ווי ווײַטער. וויל ער זיך צעוויינען, דערזעט ער אַן אָפֿענע טיר, — איז מיטן גאַנצן קויעך טוט ער א פֿלי אַרײַן. דערזעט ער: סאַלי זיצט באַם טיש גאַנץ רויִק, און מיטן לעפֿל צעשמירט זי קאַשע איבערן פּאָנעם...

אַזוי כאָלעמט זיך ליאַמען. ער האָט זיך אײַנגעגראָבן מיטן קאָפּ אין קישן און ט'איז אים מיטאַמאָל קיל געוואָרן: אים האָט זיך געדאַכט, אַז די באָבע האָט פֿון אים אַראָפּגענומען די קאָלדרע. אין דער מיטלסטער לאָך האָט זי אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ, איז די קאָלדרע געוואָרן א קליידל און ווי שטענדיק גאַנצפֿרי האָט זיך די באָבע אוועקגעלאָזט מיטן שליאַך צווישן באַשטאַנעס, פֿון יענער זײַט „דילניצעס" צום טאָל, וואָס איז פֿון אַלע פֿיר זײַטן פֿאַרשטעלט, אַז נאָר דעם הימל זעט מען דאָרט פֿון אויבן, און אַף דער ערד זעט מען נאָר דעם קיואַל וואַסער קוים-קוים קנייטשן זיך אונטער די גראָזן, אונטער די זשוואָברעס.

ליאַם כאַפּט זיך אויף, דערהערט א גערייד ערגעץ, א מאָדנע גערייד.

2

די זון האָט א שלאָג געטאָן אין די אויגן. ער גייט אַזוי אין קורצן העמדל צום קיכל — די באָבע איז ניטאָ. פֿאַרבײַסט ער דעם קאָפּ צום, קאַרניז: דער גאָלד-פּראָשעק איז דאָ.

גייט ער ווײַטער, צום ערשטן צימערל, ווו מע האַלט אין איין ריידן. וואָס קען עס זײַן?

דאָס צימערל איז אויך פֿאַרגאָסן מיט זון. נאָר דער טיש איז ניטאָ, און דאָס באַנקבעטל אויך ניט. נאָר א סאַך ווײַבער זײַנען דאָ, דאָרט,

וווּ שטענדיק שטייט דער טיש, ליגט גאָר עפּעס א פּאַרדעקטס אינ ווײַסנ — א מענטש ווײַזט אויס. אונ ליכט אינ לײַכטערס ברענענ.

די באָבע זיצט פאַרוויקלט אינ א שאַל אונ די אקסלענ אויפגעהויבנ — גלײַכ ס'א גרויסע קרירע, אזש א פרעסטל נעמט דורכ. אונ די מאמע זיצט אינדרײַענ געבויגנ לעבנ די ליכט אונ ברעכט זיכ די פינגער. זי איז הייזעריק, אונ אלע מינוט רעדט זי עפּעס אומפאַרשטענדלעכע רייד.

איצט ערשט האָט עס ליאמענ א שניט געטאָנ; ניט פאַרשטאנענ וואָס, צו דער באָבענ צוגעלאָפנ:

— נעמט צו דאָס קינד פונדאנענ. — האָט א שכיינע, וויינענדיק מיט טרוקענע אויגנ געזאָגט. — פירט אוועק דאָס קינד.

סאַליס מאמע, געלע-גאָלדע, האָט ליאמענ גענומענ פארנ הענטל אונ אים ארויסגעפירט.

אײַנגעשרומפּנ איז געלע-גאָלדע געגאנגענ א קלייניקע. ער האָט זיכ געהאלטנ אינ איינ נאָכפרעגנ, וואָס דאָרט איז, וואָס האָט זיכ געטראָפנ, נאָר געלע-גאָלדע האָט געה׳סט, געקאכיכעט גיכ-גיכ, ווי זי קאָנ.

זי האָט אים ארײַנגעפירט צו זיכ אינ דער גוואלדאָוונער שטוב אונטער דעם הויכ-געלעכערטנ שינדל. אינעם ענגנ קיכל האָט די היצ געפּאַשעט פונעם אויוונ ברויט, וואָס זי באקט פאר נײַנ מײַלער. אלע מאָנטיק אונ פרײַטיק באקט זי, — ווייסט ליאם. אָט אזא מולטער ראָשטשינע פארקנעט זי, אײַנאָרע, די קלייניקע.

זי האָט ארויסגעשארט פונעם אויוונ א הייס פלעצל, עס צעבראָכנ, אפ א שטיקל א שמיר געטאָנ שמאלצ אונ געגעבנ ליאמענ.

אפ דער פריזבע איז געזעסנ קעגנ דער זונ דער זיידע בענצי, סאַליס זיידע. אונ סאלי — אויכ.

ליאם האָט זיכ צוגעזעצט, די זונ איז הייס-מעכײַע. מע קאָנ אינ איר ניט קוקנ. אונ אזא ווײַס פלעצל מיט שמאלצ האָט ער נאָכ קיינמאָל ניט געגעסנ.

— אהא, — זאָגט סאלי, — דײַנ שיינדל איז געשטאָרבנ.

— כ'ווייס, — זאָגט ליאם, — זי ליגט אפ דער ערד. מע וועט זי אוועקטראָגנ ווײַט-ווײַט. אונדזער כאָסנ וועט עכ גיינ אונ איכ — עכ.

— נעם מיכ מיט, ליאם.

— אז דײַנ מאמע וועט מיר אלע טאָג געבנ פלעצל מיט שמאלצ, וועל איכ דיכ אלע טאָג מיטנעמענ.

— אז דער זיידע בענצי וועט שטארבנ, וועל'כ גײנ אונ דיכ ניט מיטנעמענ.

— וועל'כ אליינ גײנ.

— וועל'כ דיכ צוהאלטנ.

— וועל'כ זיכ אויסרײַסנ.

— וועל'כ דיכ פּטשנ.

— זיידע בענצי, סאלי פאטשט זיכ!

דער זיידע האָט זיכ ניט גערירט, נאָר זײַנע ליפּנ האָבנ, ווי שטענדיק, זיכ געשאָקלט, גלײַכ ער האלט אינ אײנ דאווענ. ס'איז צו זײַנע פארלייגטע אויערנ קוימ דערגאנגענ, אז אינ דער צווייטער שטוב איז מענ געשטאָרבנ, איז ער פאמעלעכ אראָפּגעקראָכנ פונעמ אויוונ, אונ געלע-גאָלדע, די שנור, האָט אימ באזעצט אפ דער פריזבע. ווער געשטאָרבנ, וואָס געשטאָרבנ — קענ „צו זײַנ מויעכ ניט דערגרייכנ, נאָר די אויסגעבליאקעוועטע, אײַנגעשרומפּענע אויערלעכ זײַנע האָבנ זיכ אײַנגעהערט, געוואָלט עפּעס כאפּנ, געוואָלט דערהערנ א שאָרכ פונ יענעמ, וואָס האָט דאָ נאָענט-נאָענט צוגענומענ א מענטשנ, אונ אינ אימ, זיידע בענצינ, פארגעסנ.

ליאמ האָט אָפּגעגעסנ דאָס פלעצל, איז אימ פריילעכ געוואָרנ. ער האָט זיכ צוגעבויגנ צומ זיידע בענצי אונ, ווי די עלטערע יינגעלעכ טוענ דאָס, — אימ ארײַנגעשריִענ אינ אויער:

— זיידע בענצי, וויפל זײַנט איר אלט?!

לעבנ ליאמס שטוב איז מיטאמאָל געוואָרנ א גערודער אונ א קוויטשערײַ.

מע האָט שיינדלענ ארויסגעטראָגנ אינ דרויסנ.

די מאמע האָט הייזעריק געקוויטשעט אונ זיכ געקלאפּט מיט די קולעקעס אינ קאָפּ. ליאמ האָט געוואָלט צולויפנ צו דער באָבען, נאָר סאלי האָט אימ א ריס געטאָנ:

— לאָמיר גײנ אינאיינעמ.

יידנ האָבנ זיכ געפּאָרעט מיט דריקעס, געשריגנ אונ געאײַלט זיכ; ווײַבער מיט פארוויינטע פּענעמער האָבנ געבראָכנ די הענט, נאָר די באָבע אינ געלאטעטנ שאל איז געשטאנענ שווײַגנדיק בא דער וואנט, די באקנ פארפאליעט, ווי פונ עפּעס א שטארקער בושע, וואָס זי, די באָבע, לעבט, אונ דאָס אייניקל, די קאלע-מויד, האָט עס אויסגעכאפּט.

ביידע, ליאם און סאלי, האָבן זיך געהאַלטן באַ די הענט און גע-
וויינט אין סאַמע געדיכטעניש.

א יידענע האָט געזאָגט:

— ערשט נעכטן בין איך דורכגעגאַנגען, האָט זי געזונגען... פאַר דער כאַטענע...

—אזא ליכטיקע מויד, אזא שטיק גאָלד, — זאָגט א צווייטע, — א שטאָט קרענקט, איז גאָרניט. ווער מען טרעפט עס? — דעם אָרעמאַן נעכטן פריש און געזונט, היינט — האָסטו דיר.

— וואָס רעדסטו? די עקטיקע... טשאַכאָטקע...

— אירע גאָלדענע הענט!.. אויסגעהעפטע טישטעכער שטייען נאָך אף די ראַמען.

אינעם פאָדערהויז האָבן זיך געשטופּט אין א רעדל די כעווּרע באַ-גרעבערס. אינדערמיט איז געשטאַנען זייער ראָש, אוּוראָם גרעבנער, און דאָס גלעזל בראָנפן איז אומגעגאַנגען פון מויל צו מויל.

פון פאָרנט זיינען געלאָפן ליאם און סאַלי. נייגעריקע איז מען גע-לאָפן פון פאָרנט און זיך געהאַלטן באַ די הענטלעך.

נאָר די ווייבער האָבן אופגעהויבן א מוירעדיקע יעלאָלע. ליאמס מאַמע האָט ווי מיטאַמאָל אופגעלעבט פון פאַרטויבטקייט, אָנגעהויבן קוויטשען און זיך רייסן די האָר, קלאַפּן זיך אין האַרצן. ליאם האָט זיך אַרויס-געריסן פון סאַלין, דורכגעלאָפן צווישן די פיס פונעם אוילעם און אָנגע-כאַפּט די באָבע פאַרן קלייד, צוגעפאַלן מיטן פּנעם און אויך געוואָלט אַריינווײנען אינעם געיאָמער, נאָר מע האָט אים איבערגעשלאָגן.

ווי נאָר מע האָט זיך מיט דער טויטער אַראָפּגעלאָזט באַרג-אַראָפּ, צום בעסמעדרעש, האָבן אַלע מיטאַמאָל די פּענעמער אויסגעדרייט צום טייך, צום בריק, און מ'איז שטיל געבליבן.

— דער כאָסן פאָרט... — האָט א שושקען דורכגעשניטן דעם אוי-לעם.

אויך די גרעבערס מיט דער טויטער זיינען שטיין געבליבן, נאָר באַלד איז געוואָרן צווישן זיי א שטופּעריי, און איינער האָט זיך צעשריגן:

— קומט, קומט! — און מע איז אַראָפּ פון בערגל.

אָבער דער אוילעם האָט זיך ניט גערירט.

ווען דער כאָסן איז אַראָפּגעקראָכן פונעם וועגעלע, האָט די מאַמע ליאמס אים אַנטקעגן אופגעהויבן די הענט און אויסגעקוויטשעט:

— א בּראָכ צו אונדז, זונ מײַנער, האָסט גוט אײַנגעהאַנדלט!..

די גרעבער מיט דער מיטע זײַנען שוינ דערווײַל געשטאַנענ באַמ בעסמעדרעש, אונ ערשט ווענ דער כאָסנ האָט זיכ אָנגעבויגענערהייט אהינ א לאָז געטאָנ, האָט זיכ אויכ דער גאַנצער פאַרגליווערטער אוילעמ געריר פונעמ אָרט.

באַלד האָט דער גאַנצער אוילעמ זיכ א ריס געטאָנ אפנ וועג צומ בייסוילעמ, — איז אונטערגעקומענ געלע-גאָלדע, סאַלינ מיט ליאמענ גענומענ בא דער האַנט — אונ געפירט צומ בערגל, אהיימ. ס'האָט ניט געהאָלפנ דאָס רײַסנ זיכ, קלאַפנ מיט די פיס אונ שרײַענ.

.3

אפ דער פריזבע איז נאָכ געזעסנ דער זיידע בענצי, מע האָט אימ פאַרגעסנ אָפצופירנ אפנ אויוונ. סאַלי האָט א שטופ געטאָנ ליאמענ אפ דער פריזבע, איז ער געבליבנ זיצנ; געלע-גאָלדע האָט אַרויסגעטראָגנ צוויי רויט-פאַרבאַקענע כעכליעס פונ ברויט מיט צוויי קנאָבעלעכ, איינס געגעבנ ליאמענ, איינס סאַלינ, אַלײנ האָט געלע-גאָלדע זיכ אפגיכ אוועקגעשלעפט אהינ, וווהינ מע האָט שיינדלענ געטראָגנ.

רײַבנדיק דאָס קנאָבעלע אינ דער כעכליע, האָט זיכ ליאמ באַרויִקט, זיכ באַמיט, די כעכליע זאָל גלאַנצנ בעסער, ווי סאַליס.

ס'האָט אָנגעהויבנ רעגענענ. די קינדער האָבנ זיכ אופגעהויבנ, א קוק געטאָנ אפנ זיידע בענצי, וואָס איז געזעסנ אונ זיכ קיינ ריר ניט געטאָנ — אַלצ געמאַכט מיטנ מויל אונ געפינטלט מיט די ווײַסע ברעמענ.

ליאמ אונ סאַלי האָבנ זיכ אונטערגעקליבנ אונטערנ איבערגעקערטנ שליטנ, זיכ אײַנגעדרייט אינדרײַענ, געקײַט אונ אַרויסגעקוקט: דער זיידע רירט זיכ ניט, דער רעגנ נעצט אימ, נעצט, אונ ער הערט ניט אופ צו מאַכנ מיטנ מויל אונ פינטלענ מיט די ווײַסע ברעמענ.

דער זיידע, כאָטש ער פינטלט מיט די ברעמענ — איז ער בלינד, ס'רינט פונ אימ פונ אַלע זײַטנ: פונ די אויערנ, פונ דער נאָז אונ פונ דער באָרד רינט וואַסער, — אונ ער קענ זיכ פונ אָרט ניט רירנ.

אז מענ איז פונ דער לעווײַע צוריקגעקומענ, אונ ליאמ איז אינ שטוב אַרײַנ, האָט ער אַלעמענ געטראָפנ זיצנ אפ דער ערד.

נאָר די באָבע האָט זיכ אינעמ קיכל געפאָרעט, צעלייגט פײַער.

אלץ איז איבערגערוקט און צעוואָרפן, אלץ איז פארוויינט, און די ערד אונטער די פיס איז צעווייקט. צי האָט מען דאָ אזויפיל וואסער גע-גאָסן? צי עפשער רינט פון דער כטעליע? און אין דרויסן איז אויך נאס און קיל, וויינען גלוסט זיך.

דער מאמעס פּאָנעם און הענט זיַינען געל, די ליפּן ציטערן און פון די צוגעמאכטע אויגן הערט ניט אויף צו רינען — אָן א וואָרט ארויסצו-רעדן גיסן זיך טרערן.

שיינדלס שפּיגעלע איז פארהאנגען מיט א שווארצער שמאטע. שיינדל פלעגט א סאך ארייַנקוקן אינעם שפּיגעלע. האָר, לאנגע, ליכטיקע. פאר-וואָס האָט מען פארהאנגען דעם שפּיגל? — מע זאָל שיינדלען ניט ארויס-זען פון דאָרטן? און פארוואָס האָט מען צוגענומען דאָס טישטעך, וואָס זי האָט געשטריקט? קיינמאָל וועט זי שוין ניט קומען, שיינדל? פארוואָס? זי האָט אלעמאָל געזאָגט: „פּאָלג, ליאמע, א גאנג, אָט גיי איך דיר אויספלעכטן וואָלענע הענטשקעלעך צום ווינטער".

זי האָט שוין מאקע קנייַלעכלעך צוגעגרייט, די קענטלעך — רויטע, די שפּיץ-פינגער — גרינע, און ארום דער דלאָניע — ווייַס.

און זי וועט שוין קיינמאָל ניט קומען?.. פארוואָס?

ער האָט זיך אָנגעשפּארט אין דער מאמעס קישן, און ס'האָט זיך גרינג, גרינג געוויינט. קיינער האָט ניט באמערקט, קיינער האָט אים ניט אייַנגענומען. אזוי אנטשלאָפן געוואָרן.

דער מאָרגן-אינדערפרי איז געווען נאָך אן ערגערער. עפּעס האָט זיך דורך דער נאכט אינעם הארצן אָפּגעזעצט א שווערקייַט.

4.

ליאמען האָט עס שוין ניט אָפּגעלאָזט. ס'האָט נאָך קיינער ניט גע-ווּסט פונעם שרעקלעכן סאָד, פונעם סאָד, פארוואָס שיינדל איז גע-שטאָרבן, נאָר ער אליין האָט דערפון געוווסט.

דערשלאָגן האָט ער זיך ארויסגערוקט פון שטוב, אויסגעמיטן סא-לין און אוועק אין ריוו פון די גרעקס באשטאנעס.

ס'איז געווען נאס, נאָר ער האָט עס ניט געפילט, זיך אין גראָז ארָאָפּגעלאָזט. און אז ער האָט זיך ארומגעקוקט און דערזען, אז דער ריוו איז א הויכער און קיינער איז ניטאָ — האָט ער צוגעלייגט די קו-

לעקעס צו די אויגן און מיטאמאָל אָנגעהויבן שטיל, איינגעהאלטן כלי-פען, אָג אַן אָפּשטעל, און נאָר איין וואָרט געשעפּטשעט:
שיינדל, שיינדל!
לאנג אזוי, ביז ס׳איז אים גרינגער געוואָרן. געעפנט די אויגן: אזוי-פיל ליכטיקייט אין דרויסן; זיך דערזען אין ריוו, און דערזען א יאש-טשערקע, — אין איין רעגע צוגעשפּרונגען צו איר און איר אָפּגעהאקט דאָס ווידעלע.
דערנאָך האָט ער זיך מיט די ארבל אָפּגעווישט דאָס פּאָנעם און ארויסגעקראָכן פונעם ריוו.
אָבער א שווער הארץ איז אים פארבליבן. און דעם סאָד וועגן שיינדלס טויט וועט ער קיינעם ניט דערציילן.
שפּעטער א ביסל האָט ער מיט סאלין געקנאָטן זאמד. סאלי האָט זיך באַרימט, אז איר מאמע באקט היינט פּלעצלעך מיט מאָן, און אים וועט זי ניט געבן.
— און ווען איך וויל, — האָט ליאָמ אָנגעברויגעזט געענטפערט, — שטארבסטו, ווי מיין שיינדל.
— פארוואָס ?
— פאר דערפאר, וואָס כ׳האָב שיינדלען געשלעפּט בא די האָר. דעמלט, ווען דער בעלפער האָט מיך געכאפּט און געוואָלט אָפּגעבן אין כיידער, האָב איך אָנגעכאפּט שיינדלען בא די האָר — איז, זעסטו זיך, אין זי דערפון געשטאָרבן.
סאלי האָט זיך געכאפּט באַם פארבונדענעם קאָפּ און געזאָגט:
— כ׳האָב זיך אָבער ניט קיין האָר, אָט גיב א קוק, קיין איין האָר ניט !...
ליאָמ האָט זיך אָנגעבלאָזן און מער ניט געוואָלט שפּילן.

דער טאַטע

.1

ווען ניט די באָבע, וואָלטן מיסטאמע אלע אין שטוב אומגעקומען, ווײַל די מאָרעשכוירע און דאָס שטילע געוויין אָן ווערטער האָבן זיך אומעטום באַזעצט. מע לייגט זיך שלאָפֿן, לייגט זיך עס אויך אונטערן צודעק; מע שטייט אויף, טרעפֿט מען עס שוין וואַכנדיק. האַלט זיך ליאַם אין איין צוהערן, ארומקוקן: כּע קען זיך נאָכשלעפּן נאָך עפּעס אן אומגליק און ווידער ארויסברענגען אפֿן קאָל דעם אײַנגעשטילטן געיאָמער. מע טוט א קוק אפֿ דער מאַמען, גלויבט זיך עס.

אָבער די באָבע און דאָס קיכל רײַסן ליאַמען צו זיך: דאָס קיכל איז מילד און איז ווידער פֿול מיט היץ, מיט זון, מיט געדיכטער ציקאָריע, מיט פֿאַרבראָטענע מאַלײַעס פֿון קוקורוזע-מעל.

איידער מע קומט אין קיכל, גייט דאָס וויסטע פּאָרהויז, ווו סע שטייט דאָס צעלעכערטע וואַסער-פֿעסל; א שקראַב אין פֿײַכטן מיסט וואַלגערט זיך; אונטערן שקראַב, אין פֿײַכטקײַט, קריכן אום די גרויע פֿאַרשלאָפֿענע נעסטלעך און ווערעמלעך. דערנאָך גייט דאָס צימער, ווו דער טיש איז געווען אָפּגערוקט און שיינדל איז געלעגן אינמיטן, מיט די פֿיס צו דער טיר. איצט זיצט דאָ די מאַמע שטאַרק פֿאַרטראָגן אין זיך, נאָר די אויערן אירע שטעקן ארויס פֿון אונטערן טיכל, גרויסע, אופגעשטעלטע, ווי פֿון פּאַק-פּאַפּיר. דערנאָך גייט דאָס ליכטיקע קיכל, און פֿון יענער זײַט קיכל ווידער א וויסט אַלקערל: — אנטלויפֿן גלוסט זיך.

די באָבע האָט ארײַנגערופֿן ליאַמס שוועסטער, עלקען, און איר געזאָגט אזוי: „דו, עלקע, גיי צוריק קיין הרושקע צו דער נעגידעסטע נייען — סע דאָ ווער ס'זאָל דײַן שוועסטער באַוויינען“.

איז עלקע אוועקגעגאַנגען קיין הרושקע צו דער נעגידעסטע. צו דער מאַמען האָט די באָבע קיין האַרץ ניט געהאַט צו ריידן. די באָבע האָט

אומגעטינקעוועט די שטוב, צעעפנט די צעלעכצטע טיר און פענצטער, און דעם אינדרויסנ ארײַנגעלאָזט אינ שטוב ארײַנ.

ליאם האָט א זאָג געטאָנ:

— פאררינג מעכ צו הייזאגטערנ, אינ אָליניצע, — וואָסי ?

ער האָט זיכ געפילט אינ די קויכעס, נאָר די באָבע האָט גאָרניט געזאָגט, — עפשער ווײַל בא הייזאגטערנ האָט דער טאטע און טאָדרעס אמאָל געארבעט און זײַנע אוועק מיט ביזויינעס פונ אים.

נאָר באלד איז אונטערגעפאלנ א ווילע ארבעט: מיט דער באָבענ צו די דילניצעס און צו די שטיינ-בערגלעכ רײַסנ פאָלינ אפ בעזעמער, איבערבינדנ און טראָגנ איבער די הײַזער פארקויפנ. ליאם האָט זיכ פונדעסטוועגנ געבלאָזנ:

ער וויל אינ אָליניצע, צו די פערד.

צו דער ליכטיקײַט, וואָס ליאם האָט געהאט פונעם קיכל, פונ דער באָבענ, פונעם ארומזוכנ פאָלינ-גראָזנ, — איז אים צוגעקומענ פאמעלעכ דאָס ליכטיקע אומרויִקע געפיל פונ ווארטנ אפנ ברודער טאָדרעס, וואָס ווערט ערגעצ א גליקלעכער און גרעסערער מענטש, און אפנ טאטנ, וואָס וועט אראָפּברענגענ די לאנג-געווארטע סיטשקארניע-מאשינ, — די מאמע וועט אופהייבנ דעם קאָפּ, עלקע וועט קומענ אהיים, און ליאם וועט וואקסנ, ווי טאָדרעס.

2

ליאם איז שוינ נית קיינ שרעקעדיקער, ווענ מע איז געווענ ווײַט פונ די דילניצעס, און ליאם מיט סאלינ זײַנענ פארגאנגענ אפנ בארג צווישנ די אָנגעגליטע שטיינער און זיי האָבנ דערזענ א שלאנגענ-הויט און אינ שרעק געמיינט, ס'א שלאנג, — איז סאלי מיט א געשריי פונ בארג אראָפּגעלאָפּנ, און נאָר ליאם אליינ איז באלד געקומענ צו זיכ. צוגעגאנגענ און גענומענ די שלאנגענ-הויט אינ די הענט. אז ער האָט א וואָרפ געטאָנ די שלאנגענ-הויט אפנ בונט אָנגעפליקטנ פאָלינ, און די באָבע מיט סאלינ האָבנ זיכ ווונדערנ אָנגעבויגנ, פאָרזיכטיק און מיט איינ זײַט צום אנטלויפנ — האָט ליאמענ איבערגעראשט א פרייד און א שוידער-געפיל פאר דער אייגענער גרייס און געוואגטקײַט.

מע בינדט איבער דעם פאָלינ און מע גייט אהיים. ליאם טראָגט פארוואָרפנ אפנ אקסל די לאנגע שלאנגענ-הויט, אלע זאָלנ זענ.

די לעצטע טעג האלט אינ איינ רעגענענ. גרויסע רוישיקע ריטשקעס זײַנענ שוינ געלאָפנ, זיי האָבנ שיר די שטיבער אראָפגעטראָגנ. איבערנ גרויסנ ליימגראָבנ האָט די ריטשקע האלב-קײַלעכדיק, ווי א בויד, אריבערגעשפרונגענ אזוי, אז פונ הינטנ האָט עס דער זשוטשקעס נאָרע ניט פארטרונקענ, ס'האָט נאָר ארײַנגערונענ, אונ דאָס געוויש האָט געקלאפט אינ קאָפ ארײַנ — האָט די זשוטשקע פאמעלעכ מיטנ פיסק איבערגעטראָגנ אירע בלינדע הינטלעכ הינטער ליאמס שטוב אפ בעסערער שטרוי.

פונ פארטאָג אָנ, ס'איז שוינ שפעט — אונ דער רעגנ הערט ניט אופ. די באָבע שטייט אָנגעשפארט באמ קוימענ, פארצויגנ. אינעמ געלאטעטנ שאל; זי קוקט אינ דער ווײַט דורכנ פענצטערל אונ רעדט צו דער מאמענ, וואָס מיינט, די קינדער זעענ ניט — זיצט זי דעריבער דעמ קאָפ געבויגנ צו די קני, פארזונקענ אינ מאָרעשכוירע. נאָר ליאמ שטעקט שטילערהייט הינטער דער טיר פארטײַעט: זײַנע הונגעריקע אויגנ אונ דאָס דיקלעכע אָפענע מויל פארמעסטנ זיכ אלצ צו דערגיינ, וואָס עס קומט פאָר אינ שטוב.

— די שיכ, — זאָגט צו איר די באָבע, — וועסטו אָנטאָנ מײַנע, איכל זיכ באגיינ. נו, אונ א מאלבעש, איז — הײַנט-מאָרגנ וועט, מיסטאמע, אָנקומענ די סיטשקארניע-מאשינ. — וועס גוט זײַנ. זאָל זי נאָר אָנקומענ, ביסט א יוגנט אונ האָסט קינדער, מע טאָר אזוי בא זיכ ניט פאלנ.

די מאמע האָט צערייצט אופגעהויבנ דעמ קאָפ, זיכ פארקרימט, אונ איר גרויי שײַקל האלדז איז אזוי מיטאמאָל געוואָרנ רויט, אז ליאמענ האָט אָנגעהויבנ טראָגנ דאָס הארצ.

זי האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר די באָבע איז מיטאמאָל שטיל געוואָרנ אונ גענומענ צעלייגנ פײַער.

ליאמ האָט זיכ געבראָכנ דעמ קאָפ צו פארשטיינ דעמ טאטנס זײַנעמ· וואָס איז עס פאר א טאטע, וואָס זיצט ניט אײַנ אינ דר'היימ?.. זינט ס'האָט זיכ געטראָפנ דער אומגליק, האָט ליאמענ געעקבערט, אז ער דארפ עפעס טאָנ, עפשער גיינ אינ דער וועלט ארײַנ אימ ברענגענ, דעמ טאטנ. זאָל ער א קוק טאָנ, וואָס עס טוט זיכ אינ שטוב. „פארוואָס זײַנענ אנדערע טאטעס אינ דר'היימ?" — דאָס טראכט נאָר ליאמ אזוי, דעמ טאטנ וואָלט ער עס ניט געקענט זאָגנ, דאָס פאָנעמ וואָלט געפלאמט פאר בושע.

ער פּילט אים נאָענט, נאָענט. דורכן מעבל, וואָס ער האָט אַליין געשניצט און אויסגעמײַסטערעוועט. דורך די ביכער, וואָס ער האָט אַליין אײַנגעבונדן און אויסגעדרוקט גאָלדענע רוקנס; דורכן געשניצטן שפּיגל מיט די פּענצטערלעך, ווי לעקעכער און קוויטן, וואָס דער טאַטע האָט אַמאָל אויסגעשניצט צו האַלטן אַ זיגעריגאַל, — נאָר מע האַלט שוין לאַנג אין דעם רעפּועס, אַז ס'איז אַ מוירע דערצו צוצורירן זיך, פּילט ליאָם דעם טאַטן נאָענט, נאָענט און סע נאָגט אים שטומע טײַנעס.

פאַרוואָס הערט ער אַלעמאָל, מע זאָגט, דער טאַטע איז אַ כאָכעם, איז אַ פּריילעכע ברִיע, אַ געלערנטער?! אַז די היים איז וויסט, און שיינדל ליגט אינדר'ערד!

איינמאָל איז דער טאַטע אַפּ אַ יאָנטעוו געקומען אַהיים. דעם ערשטן טאָג האָט ער אוועקגעזעצט די קינדער באַם טיש, — ליאָמען געזעצט אַמנאָענטסטן צו זיך, געעפנט אַ בוך און דערציילט זיי וועגן אַ שיפּ אַפן שטורמישן יאַם. אַפן צווייטן טאָג איז דער טאַטע ווידער פאַרשוווּנדן.

אָט וועט ער קומען, ברענגען די סיטשקאַרניע. עפּשער וועט ער שוין בלײַבן אין דר'היים? ער וועט ווײַטער אוועקזעצן די קינדער באַם טיש, ווידער דערציילן פון אַ געעפנט בוך אַרויס, װעגן אַ שיף אַפן שטורמישן יאַם... דערנאָך וועט מען אָנעמען נײַע אָנטאָנס, קאָסטיומען, און די באָבע וועט פירן אָנקוקן אַ נײַע שטוב.

.3

די באָבע האָט אַ וויש געטאָן אַ טאָפּליע און האָט אַרײַנגעקוקט נאָך אַ וויש און נאָך אַ קוק... ליאָם איז צוגעלאָפן צו דער טיר: דערזען עטלעכע שטיקלעך רעגנבויגן, און פונעם שטיק אויסגעלײַטערטן בוג שלעפּט זיך אַן אָנגעטאַסטעוועטע פור.

ס'איז באַרג-אַרונ, — גליטשן זיך צוריק די פערד מיטן וואָגן, נאָר די פּאַסאַזשירן רירט עס ניט — זיצן אײַנגעדרייט צווישן די קלומעקעס און קעסטלעך, די קעפּ איבערגעדעקט מיט רעדנעס.

קוים איז דער באַלעגאָלע אַרופּ דעם באַרג, אַזוי איז פונעם וואָגן אַרויסגעקראָכן אַ נידעריקער ייִד, און אים אַנטקעגן איז פון דער אוי-

בערשטער גאס ארויסגעלאָפן יאָסי ליבערס ווײַב מיט די קינדער. דאָס גיבינק מיידעלע, פערעלע — אויכעט. נאָך ווײַבער און מאנסבלעג זײַנעג פונ די הײַזער ארויס; ניט קוקנדיק אפ דער בלאָטע איז מעג אנטקעגג געלאָפן דעם גאסט, זיך געוויטעט, אונ געטיאָפּקעט מיט אים צו זײַנ שטוב אונ גערעדט אפנ קאָל: דאָס איז יאָסי ליבערס אָנגעקומענ.

באלד איז געגאנגענ פונ מויל צו מויל די בסורע, אז יאָסי ליבערס איז אויך איצט — שוינ דאָס צווייטע מאָל — פאר דער צײַט פונעם ארעסט באפרײַט, ניט אָפּגעזעסנ דאָס האלבע יאָר — הייזאגטערנ אפ צעפיקעניש. איצט וועט זיך אָנהייבנ באנײַס א קאָנ: יאָסי ליבערס וועט מאסערנ הייזאגטערנ, אז ער קויפט אופ טרייפע סכוירע, די סכוירע וועט מענ טאקע בא הייזאגטערנ פאקנ, — נאָר זיצנ וועט ער ניט, ער דרייט זיך שטענדיק ארויס. זיצנ וועט דאפקע יאָסי ליבערס.

.4

איז אינמיטנדערינענ אראָפּגעקומענ א ייד פונ פאלעסטינע מיט א בריוו צו יאָסי ליבערס. יאָסי ליבערס אליינ האָט דעם בריוו ניט געקאָנט לייענענ, אונ אז מ׳האָט אים דעם בריוו איבערגעלייענט, האָבנ זיך אים גע-שטעלט טרערנ אינ די אויגנ: דער יערושאָלאימער הייליקער ראָוו בעט יאָסי ליבערס אומפירנ איבער די הײַזער דעם מעשולעכ האָראוו רעב הילעל קלײַבנ נעדאָוועס פאר דער הייליקער ערעציסראָעל.

האָט יאָסי ליבערס זיך אָנגעטאָנ אינ יאָנטעוודיקנ סערדעט אונ גע-פירט דעם מעשולעכ איבער די הײַזער.

א גאנצע כאָפּטע קינדער, אויך ליאמ, זײַנענ נאָכגעגאנגענ פונ שטוב צו שטוב; דערוואקסענע זײַנענ מיט אָפּשײַ געשטאנענ פונווײַטנ אונ זיך זאט ניט געקענט אָנקוקנ.

דער פרעפּדער איז געווענ אָנגעטאָנ אינ א רויטנ זײַדענעם כאלאט, אויסגענייט מיט גרינע שפּינוועבס-קווייטנ, אפנ קאָפּ — א ווײַסער האנ-טעכ. זײַנ אָנגעבלאָזנ פּאָנעם מיט בייזע ביסטרע אויגנ אונ זייער ברייטע באָרד, זײַנ הויכ ברייטביינערדיק געשטאלט מיטנ נאָכ העכערנ שטעקנ — האָבנ אָנגעוואָרפנ א מוירע. קיינ וואָרט רעדט ער ניט אויס, נאָר ווי מע רעדט אפ לאָשנקוידעש: „נו, אָ, אי...״

אפּדערנאַכט, באַ דער אָפענער דרויסן-טיר פון געלע-גאָלדעס אײַנ-פאָר-הויז, איז מען געשטאַנען און מע האָט אַרײַנגעקוקט, ווי אין דער גרויסער קאַלטער שטוב, באַ א וואַנט, ליגט זיך שלאָפן דער ירושאַלמי.

ניט ער טוט זיך אויס, ווי מע פּירט זיך, נאָר פאַרקערט, ער טוט זיך אָן א כאַלאַט אף א כאַלאַט — פינף, זעקס כאַלאַטן פון אַלערליי פאַרבן, — לאַנגע ביז איבער די פּיאַטעס; ער ציט זיך אויס, ווי צום שטאַרבן, און — אויס: דער אוילעם קען זיך צעגיין.

אף מאָרגן האָט די שטאָט געקלונגען, אז דאָס האָט הייזאַנטער אַראָפּ-געבראַכט אָט דעם פאַרשוין, כּיוזעק מאַכן פון יאָסי ליבערס — א סימען, זאָל מען הײַנט אָפּדערנאַכט גיין אין אַרײַנפאָר-הויז, וועט מען זען, אז דער ירושאַלמי איז גאָר א פאָקוסניק: ווער ס'וויל, קען זען, אבי מע קויפט א בילעט פאַר א גילדן.

די שטאָט האָט געקאָכט. מע האָט ניט געוווּסט, צי עס איז עמעס, צי ניין, נאָר באַלאָנים אף געבן קלעפּ פאַרן שווינדל האָבן זיך שוין געפונען, און מע גרייט זיך אף אָפּדערנאַכט.

אינאָוונט האָבן זיך אַרומגעדרייט ליאַמ מיט נאָך יינגלעך אַרום דעם שטיינערנעם אײַנפאָר, זיך געשטופּט באַם טויער צווישן אוילעם באַ די פּאָרטקעס, געהייבן די קעפּ צו די פענצטער. באַ איינער א הינטער שטער וואַנט מיט א פאַרלייגטן מויער האָט מען געקענט שיר פון אויבן אַריבערקריכן. א יינגל האָט אופגעהויבן ליאַמען און אַליין זיך אויך אַרופגעדראַפּעט, מע איז ניט אַרײַנגעשפּרונגען, נאָר אפן בוידעם אַרופ, — ווו מע האָט שוין געטראָפן א כעוורע ליגן אף די בײַכער, אין דער פינצטער, — און אונטן איז דער הויף פול און פריילעך. דאָ, אפן בוי-דעם, האָט מען זיך גערוקט אף אלע פיר צום ראַנד, נעענטער צום לעמפּל, וואָס שטייט אינמיטן הויף אף א טישל. פון די הויכע באַנטינעס אונטערן שינדל-דאַך האָט אַלעמאָל געגעבן א קאַפּע פון א טויב, צי פון א קראָ, און דער אוילעם האָט זיך געריסן פאַר בעלעכטער, וואַרטנ-דיק אומגעדולדיק, אז די פאָקוסן זאָלן זיך שוין אָנהייבן און ס'זאָל אופרײַסן דאָס צוגעגרייטע געשלעג.

דער ירושאַלמי האָט זיך באַוויזן, אָנגעטאָן אזוי פאַרביק, ווי נעכטן, ווען ער איז געגאַנגען איבער די הײַזער. דער טומל האָט באַלד אופגע-הערט, ער האָט שמאָלץ א קוק געטאָן אפן אוילעם, זיך פאַרנייגט, א קוק געטאָן אפן טישל, ווו ס'גלאַנצן פרישע פּאַטיאָקעס, אַראָפּגע-

טריפטע פון דר'הייך, פון די פויגלען פון אונטער די טונקעלע שינדלען.

ער האָט ארויסגענומען פונעם ארבל א שטיק פאפיר און אָפּגע-ווישט דעם טיש. דערנאָך האָט ער די ארבל פארקאטשעט און צוגעטראָטן צום ערשטן פּאָקוס.

שווייַגנדיק, איז ער אפגיך צוגעגאנגען צו דער מענטשן-ריי און, שווייַגנדיק, אראָפּגענומען דאָס היטל פון איינעם, צוריק צוגעגאנגען צום טיש און ארויסגענומען פון א קעשענע צוויי אייער, אוועקגעלייגט אפן טיש און זיי צוגעדעקט מיטן היטל. ער האָט ברייט צענומען די הענט פארן אוילעם, וואָס האָט מיט א פארכאפטן אָטעם קיין אויג ניט אראָפּ- געלאָזט פון אים. מיטאמאָל האָט פון אויבן פון א פויגל געטאָן א פאל א פּאָטיאָק אפן דעניק פונעם היטל, וואָס אפן טיש. אן אייַנגעהאלטענע כיכיקעריי האָט א וויג געטאָן איבער די לאנגע בענק.

דער פּאָקוסניק האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ צום טונקעלן בוידעם און אפן קאָל א זאָג געטאָן צום ערשטן מאָל אף יידיש:

— מאכ-מאכ, פייגעלע, ס'איז היימישע יידן!

ס'איז געוואָרן א פריילעכער געלעכטער, און די כעוורע, וואָס האָבן געוואָרט אָט-אָט וועט מען אָנפאלן אפן פּאָקוסניק, האָט דערפילט, אז שלאָגן וועט מען שוין ניט: ס'א פריילעכער ייד, א פּאָקוסניק.

ער האָט א הייב געטאָן די הענט. ס'איז שטיל געוואָרן:

— דאָ זייַנען פאראן אזוינע פייַנע לייַט, וואָס זאָגן, אז כ'האָב נעכטן אָפּגענארט די שטאָט. אָט לייג איך דאָ אוועק די עטלעכע קראפן און דערצו נאָך מייַן אייגענעם בייַטל מיט גינגאָלדענע דרייַערלעך און גאָל- דענע פריָאלן. דער, וואָס וועט זיך זעצן אף דעם בענקל און וועט קאָ- נען צוריק אופשטיין — באקומט דאָס גאנצע געלט. הייַדא! ווער וויל זיך זעצן?!

ס'איז געפאלן א פאכעד אפן אוילעם. א דערשטיקטער גערייד איז אומגעגאנגען צווישן זיי, מע האָט געקוקט אפן בענקל: א טאבורעט — ווי אלע טאבורעטן.

עטלעכע מינוט האָט געדויערט, קיין באלן האָט זיך ניט געפונען. איז דער פּאָקוסניק צוגעגאנגען צו בערעלע קאטשקע, האָט אים אָנגע- נומען בא דער האנט, יענער האָט זיך געוועדט, געריסן, נאָר דער פּאָ- קוסניק האָט אים מיט קויעך צוגעפירט צום בענקל און אים אוועקגע- זעצט.

ווי ער האָט זיכ נאָר אוועקגעזעצט, בערעלע, אזוי האָט עס מיט אימ אָנגעהויבנ ווארפנ.

דער קישעפמאכער האָט געשריגנ:

— שטיי אופ! שטיי אופ!

נאָר בערעלע קאטשקע האָט ניט געקענט אופשטיינ, געציטערט, געוואָרפנ זיכ אונ ניט געקענט אופשטיינ.

האָט דער אוילעמ אָנגעהויבנ שרײַענ, בעטנ זיכ באַמ קישעפמאכער, ער זאָל ראכמאָנעס האָבנ אפ א יידיש קינד אונ אימ אָפלאָזנ.

האָט דער קישעפמאכער אופגעהויבנ די הענט איבער בערעלעס קאָפּ אונ עטלעכע מאָל זיי געדרייט אינדערלופטנ.

איז בערעלע אופגעשפרונגענ, אונ די רעגע אוועק אינ דרויסנ.

אפ מאָרגנ, אז דער פּאָקוסניק איז אוועקגעפאָרנ, האָט בערעלע קאטשקע זיכ בארימט, אז פארנ זיצנ אונ ווארפנ זיכ האָט ער באקומענ דרײַ גילדנ. ליאמ האָט אימ ניט געגלויבט: ער איז זיכער געווענ, אז ס'איז אזא קישעף. אונ אפילע, אז בערעלע קאטשקע האָט אָנגעוויזנ אפ דער קוואָקע, וואָס לייגט אימ אייער אונ דארפ אימ אויסזיצנ הינדעלעכ אונ דארפ אימ מאכנ מיט דער צײַט פאר א גרויסנ קיראָלאָפּניק, — אָנגעחיזנ, אז דאָס איז די קוואָקע, וואָס ער האָט געקויפט פארנ פּאָקוסניקעס דרײַ גילדנ, — האָט זיכ נאָכ אלצ ניט געגלויבט.

5.

קוימ אמאָל איז דער טאטע ליאמס אראָפּגעקומענ פונ דער ווײַטער וועלט אונ געבראכט א גרויסע מאשינ, א סיטשקארניע. ס'איז געווענ א יאָנטעוו אפ דער גאנצער שטאָט. קינדער פונ אלע גאסנ זײַנענ זיכ צונויפגעלאָפנ אונ פאר א טאפ מיט דער האנט אפ דער איידעלער גרויסער ראָד געצאָלט מיט די בעסטע קנעפּלעכ, געריסנ גלײַכ פונ די רעקלעכ. פאר א דריי האָט מענ געצאָלט מיט פּענעס אונ מע האָט נאָכ באשטעלט אפ שפּעטער א דריי טאָנ די מעסערס אפ שטרוי. וועגנ דעמ האָט מענ מיט סאלינ אונטערגעהאנדלט, ווײַל סאלי האָט ליאמענ פארשריגנ אונ געקענט נעמענ בעסערע פּרײַזנ.

ערשט באמ ערפֿנעמענ די סיטשקארניע פונעמ וואָגנ האָט זיכ געטאָנ: אלע שכיינימ האָבנ געהאָלפנ אונ אונטערגעקרעכצט, מע איז געווענ אזוי געהיט מיט דער מאשינ, אז ס'האָט דעמ אָטעמ פארכאפּט.

דעם טאטנס שווארצע באָרד האָט ווי א גרוב ארײַנגענומען אין זיך די ריטשקעלעך שווייס, וואָס זײַנען זיך צונויפגערונען פון אלע זײַטן פּאָנעם. מיט פּארקאטשעטע ארבל האָט ער זיך רירעוודיקער, ווי די אנדערע, געדרייט ארום דער מאשין, ווי שוין א געניטער אין אזעלכע זאכן.

ער האָט אין פּאָדערהויז אָפּגערייניקט די ערד און אוועקגעלייגט פיר גלאטע קלעצלעך. אף די קלעצלעך האָט מען אוועקגעשטעלט די מאשין.

דערנאָך האָט ער אלעמען געהייסן זיך שטעלן בא דער זײַט, האָבן אלע געפאָלגט. ער האָט ארײַנגעלייגט אין זשאָלעב א ביסל שטרוי, אויסגעגלעט עס און מיט בײדע הענט עס צוגעהאלטן לעבן די מעסערס.

— דרייט! — האָט ער געזאָגט.

אלע האָבן זיך געוואָרפן צו דער ראָד. ער האָט געהייסן צוריקגיין, האָט מען געפאָלגט. נאָר ליאמ איז ניט צוריקגעגאנגען,—האָט דער טאַטע אים געהייסן דרייען.

אף דער ריינער פײַכטער ערד האָט זיך א שאָט געטאָן דריבנינקע שטרוי — א סאכ, א סאכ. די מעסערס האָבן געקוויטשעט און געבראָקט.

— גענוג! — האָט דער טאטע געזאָגט און זיך אָנגעבויגן, און אלע מיט אים. ער האָט אָנגענומען א האנט מיט געבראָקטער שטרוי, און אלע האָבן אויכ אָנגענומען. דער טאטע האָט די שטרוי מיטן פינגער אף דער דלאָניע איבערגעדרייט און געגלעט די קײַלעכינקע, פּיצינקע פאסטעכ-פײַפעלעכ און די האלבע שטרוי, וואָס זענען אויס ווי פלאס-טערלעכ.

אלע האָבן אים נאָכגעטאָן.

דערנאָך האָט ליאמס טאטע אָנגענומען א ביסל און געטראָגן צום באלעגאָלע אויסצװײַזן, ווי די פערד ועלן עס אופּנעמען.

א וואָכ נאָכאנאנד האָט מען געבראָקט שטרוי. אלע האָבן די ראָד געדרייט: די מאמע און די באָבע, און ליאם, און קעט. ליאמס טאטע האָט די שטרוי אין זשאָלעב געהאלטן און זיך געשאפט. ס'איז שוין געווען א פולע קאמער מיט סיטשקע, נאָר קיינ קוינים האָבן זיך ניט געוויזן.

אָבער דערפאר פלעגן שכיינים ארײַנקומען קלײַבן נאכעס פון דער שעפע: אלע ארבעטן קיינ איינאָרע. און סיטשקע — א גרויסער בארג. מע נעמט א ביסל סיטשקע אין דער האנט:

„ס'איז דען סיטשקע? ס'איז גאָלד".

סאלי האָט פון יעדערנס הענט געריסן די ראָד, געדרייט האָט זי אזוי פארשמייעט, אז דאָס שאלעכל איז פון שווייס נאס געוואָרן און זיך אלץ העכער ארופגערוקט. זי איז ניט אָפּגעטראָטן פון דער ראָד.

ליאמ האָט ניט געוווסט, אפ וואָס פאר א וועלט ער געפינט זיך, ער האָט געפילט אזא כייעס אין דער סיטשקע, אין דער ארבעט. איבער דער מאשין האָט ער געציטערט, זי מיט גאז אלעמאָל באַגאָסן, סע זאָל כאָלילע מיט איר גאָרניט טרעפן — ווי אפ פוטער זאָל זי גיין.

דעריבער האָט ער ניט פארשטאנען, פארוואָס זיינען די עלטערן ניט צופרידן מיט דער מאשין: פארוואָס איז די מאמע פארזאָרגט, און דער טאטע איז געוואָרן אָפּגעקילט צו דער סיטשקארניע? נו, און אז ס'איז דערוויַיל קיין קוינים ניטאָ, קען מען דען ניט בראָקן קיין שטרוי?

איז ער גליקלעך געווען, ווען איינמאָל, שוין שפעט אין דער נאכט האָט מען געקלאפט, מע זאָל גיין געבן סיטשקע.

גייט דער טאטע, און ליאמ טראָגט נאָך דאָס לעמפּל. דער קוינע איז א לאנגער ציגיינער מיט א זאק אונטער דער פּאכווע און א בייטש אין דער האנט. ווי נאָר מע האָט געעפנט די קאמער, אזוי זיינען ארייַן איינס נאָך איינס ציגיינערס, ציגיינערטעס, ציגיינערלעך.

ווילן וויל דער לאנגער צווייַ זעק, נאָר צו דער סיטשקע נעמען זיך אלע. ליאמע דרייט מיטן לעמפּל, וויל ווייזן דעם טאטן, אז די ציגיינערטעס שטאָפּן זיך אָן אין די פארטעכער, אנדערע — אין די פּאָלעס, אין טאָרבעס, אין זעקלעך. דער טאטע ליאמס דערזעט און צעשרייט זיך, לויפן זיי ארויס מיט דער סיטשקע, און אנדערע גאנ־וועגען זיך אריין.

דער לאנגער ציגיינער צעבייזערט זיך קלוימערשט אפ זייניקע, נאָר ער אייַלט זיך ניט מיטן צאָלן, יענע דערוויַיל שטאָפּן זיך ווידער אָן מיט סיטשקע. שולדיק איז דאָס לעמפּל — אוואדע דאָס לעמפּל, ווייל דאָ באשייַנט עס, און דאָ ניט.

דער טאטע האָט געכאפּט די לאָפּעטע און זיך פארמאָסטן איבערן ציגיינער; יענער האָט א וואָרף געטאָן דאָס ביסל מינץ און ארויס־געשפּרונגען.

אָפּ מאָרגן איז דער טאַטע פאַרשוווּנדן געוואָרן, ווידעראַמאָל פּלוּ-צעם, אומגעריכט.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג איז דער ציגײַנער ווידער שפּעט באַ-נאַכט געקומען, און ס'איז זיך ניט אָפּצוטשעפּען פון אים: די פערד פײַגערן, ער וועט גוט באַצאָלן.

און אַז די באָבע ליאַמס האָט די קאַמער געעפנט, איז ווידער אויס-געוואַקסן אַ גאַנצע כאָפּטע און מע האָט געשלעפּט פון אַלע זײַטן. ווי-דער די שולד פונעם לעמפּל, וואָס ליאַם האָט געהאַלטן: דאָ האָט עס באַשײַנט, און דאָ ניט.

דערנאָך, איינמאָל, האָבן די ציגײַנערס שוין קיינעם ניט גערופן. באַנאַכט האָבן זיי די סיטשקע איבערגעטראָגן פון דער קאַמער צו זיך אין דער שאַ-רע, וואָס באַם בוג.

גאַנצפרי, ווען ליאַם איז ווי שטענדיק אַרײַנגעלאָפן אין קאַמער, איז שוין קיין סיטשקע ניט געווען, און די מעסערס פון דער מאַשין האָבן געפעלט, — אין דרויסן איז געלאָפן אַ שטרויענער שפּור ביז צום בוג... נאָר די ציגײַנערס זײַנען שוין אויך ניט געווען.

אַזוי האָבן די ציגײַנער זיי געמאַכט פאַר אויס שטרוי-בראָקערס, און ליאַם און סאַלי האָבן די מאַשין אָראָפּגערוקט פון די קלע-צער, אוועקגעשטעלט אין ווינקל און פאַרוואָרפן מיט שמאַטעס און שטרוי.

באקאנטשאפט מיט פעטריקנ

1.

די מאמע ליאמס איז טויב געוואָרנ ווי א שטיק האָלצ. נאָכ שיינדלס טויט אונ דעמ טאטנס פארשווינדנ איז די מאמע שוינ אינגאנצנ געוואָרנ א טאמ. זיצט די טעג אינ דרויסנ אפ דער ערד בא דער וואנט: דעמ קאָפּ אינ די קני, די אָפּגעשטאנענע אויערנ פונ אונטערנ קאָפּטיכל שטעקנ ארויס, כאָטש זעלטנ ווענ עס דערגייט א וואָרט צו זייער געהער.

טויב, פארדומפנ, האָט זי זיכ פונ מאָל צו מאָל בא דער באָבענ דערפרעגט, פונ וואָס איז דער זיידע געשטאָרבנ, דער עלטער-זיידע, דער פעטער, — וויפל זיינענ פונ דער מישפּאָכע געשטאָרבנ פונ דער עקטיקע, טשאכאָטקע הייסט עס.

אז ליאמ פלעגט איר קומענ צו דער האנט, פלעגט זי אימ דאָס העמדל פארהייבנ אונ געזוכט אפ דער רויער בלייכער הויט עפּעס סימאָנימ, געטאפּט די ביינדלעכ, די ריפּלעכ. אפ ליאמענ איז א וויסטע שרעק געפאלנ פונ איר אויסזענ. ער פלעגט דערנאָכ אנטלויפנ צו די באשטא-נעס, אינ ריוו אריינ, זיכ גיכ פארהייבנ דאָס העמדל אונ זוכנ, טאפּנ, איינקוקנ זיכ.

אינ דרויסנ איז די זונ שוינ לאנג אופגעגאנגענ. ליאמ איז ארונטער הינטערנ שטיבל — צעלויפנ זיכ די אויגנ: אפ הייזאגטערס בארג מיסט שיינט א פרישער אויסשיט פונ א ווארעמער איבערגעברענטער סימניע-שאָלעכצ, וואָס גלאנצט קעגנ דער זונ. פונעמ גאנצנ בארג גייט א פארע. איצט איז גוט זיכ אראָפּקאטשענ פונ שפּיצ אינ טאָל אראָפּ.

ווייטער — די באשטאנעס, וואָס די גרעקנ מיט די לאנגע וואָנצעס האָבנ הייַנטיקס יאָר צעאקערט. זיי האָבנ אוועקגעשטעלט א „וואָדאָ-קאטשקע" מיט א סאכ שעפּערס אונ צעווירעט די באשטאנעס, אויסגע-לייגט פענצטערלעכ, קיינ קאווענעס אונ דיניעס וועלנ שוינ מער דאָ ניט וואקסנ, נאָר פּאטלעזשאנעס, — נאָכ בעסער.

פאראיאָרנ האָט ליאמ גֿעכאַפּט קלעפּ איבער די קאווענעס. ס'איז געווענ טונקל אונ אומעטיק: אינ שטיבל — קאַלט פונ דער מאַמעס אונ דער באָבעס זיצנ אײַנגעוויקלט אונ שווײַגנ, אונ אינ דרויסנ איז די זאַמד אונטער די פּיס פּײַכט, אונ וווּ די זונ איז פאַרגאַנגענ, איז פונ די פּײַערנ נאָר אַש געבליבנ. א קאווענ האָט זיכ געגלוסט. אײַנגעבויגענערהייט איז ער אריבערגעקראָכנ דעמ ריוו, — דער היטער איז ווײַט אינ קורינ, באַמ צווייטנ עק באַשטאַנ, אונ וועט ניט זענ; אָפּגעפּליקט אונ ארונטערגעלייגט אונטערנ רעקעלע. — טראַכ מיט דער בײַטש איבערנ קאָפּ! — האָט ער אראָפּגעלאָזט דעמ קאווענ פאַרנ היטערס פּיס. „צע נע אומיסנע...“ — האָט ליאמ אויסגעשאָסנ אונ זיכ צעווײַנט. ווענ סאַלי ווייסט, ווייסט עס שוינ די גאַנצע שטאָט, מע וואָלט געקײַכט פאַר געלעכטער: „צע נע אומיסנע...“

גאָר נאָענט, צווישנ די גרעקס באַשטאַנעס אונ ליאמס שטוב, שטייענ דרײַ אונ גראָבנ די ערד. קלומקעס ליגנ, וואַלגערנ זיכ. ליאמ איז נעענטער צוגעלאָפנ אונ זיכ צוגעזעצט. א פּויערטע אונ נאָכ איינער א יונג האָבנ געגראָבנ אונ געוואָרפנ די ערד אינ גרוב, וואָס הינטער ליאמס שטוב. אונ דער דריטער, אינ ליאמס עלטער, האָט צעפּלאָנטערט שטריקאָפּ ליאמענ האָט מענ זיכ ניט אומגעקוקט. די באָבע איז אונטערגעקומענ, א „גוט-מאָרגנ“ געזאָגט דער פּויערטע אונ געטריבנ ליאמענ זיכ אָנטאָנ.

— „סוסידרו“! — האָט די פּויערטע אופגעהויבנ איר דערשוויצט פּאָנעמ צו דער באָבענ, — מאָזשע סיקירו פּאָזיטשיטע?

— גיי ברענג די האַק, — האָט די באָבע געהייסנ ליאמענ.

שפּעטער האָט זיכ ליאמ דערוווּסט, אז דאָס בויענ זיי זיכ א „זעמליאנקע“, זיי וועלנ זײַנ שכײנים. ער איז דעמ טאָג אָפּגעזעסנ נעבנ נײַעמ גראָבנ, האָט געהאָלפנ האַלטנ די שטריק אָפּ אופשטעלנ די פּאַלאַטקע; ער מיטנ נײַעמ קלײנינקנ שאָכנ האָבנ געהאַלטנ שטריק; פּעטריק, הייסט ער, ווײַזט אויס.

סאַלי איז אָנגעלאָפנ:

— זע, איכ זוכ דיכ שוינ אזוי לאַנג, קומ גיכער!

— גיי, גיי, — האָט זיכ ליאמ אָנגעבלאָזנ, זעסט דאָכ, מיר בויענ א שטוב.

סאַלי איז צו אונ אימ א צופּ געטאָנ בא די האָר.

פּעטריק האָט אָנגעבויגענערהייט ערנסט געקוקט אַף איר: וואָס טראָגט זי עס אין אַזאַ וואַרעמענע אײַנדרויסן אַ שאַלעכל ביז די אויגן, און וואָס צופּט זי יענעם אַזוי בײַ די האָר.

.2

ליאַם האָט פּעטריקן געבראַכט צו סאַלין אין אײַנפּאָר־הויז. סאַלי האָט צונויפגעשלעפּט די שכײניש קינדער און אין אײנעם פון די פאַרוואָרפענע קאַמערן געשפּילט זיך אין סאָלדאַטן. אין קאַמער איז געשטאַנען אַ לאָשעקל, וואָס בערעלע קאַטשקע האָט געקויפט אַפן יאַריד פאַרן גילדן.

אַלעמאָל פלעגט ער קויפן אַ לאָשעקל, מיט גוואַלד עס געשטופּט אַבּרעק אין פּיסק אַרײַן, ס'זאָל אויסוואַקסן אַ גרויסער אָגער; נאָר דאָס לאָשעקל האָט געוואָלט מילך, — איז דאָס אָפּגעשטאַנען אַ פּאָר טעג און געפּײגערט. בערעלע האָט עס געשלעפּט בײַם עק איבער די גאַסן, צו די דילניצעס, און עס דאָרט אָפּגעשונדן. ער האָט קײנמאָל ניט געוואָלעוועט, אַז די כעוורע קינדער זאָלן נאָכגײן אָדער כאַפּן אַ שינד בײַם לאָשעקל.

אויך דאָס איצטיקע לאָשעקל האָט צוריק אויסגעשפּיגן דעם אָברעק, וואָס בערעלע האָט עס אַרײַנגעשטופּט אין שײנעם מאַטעווען פּיסק אַרײַן, און ס'האָט נאָר געוואָלט שקאַפּע־מילך. סאַלי האָט עס געכאַפּט, די כעוורע האָבן עס געהאַלטן, און כאַלי איז אַרופגעקראָכן דערויף.

צווישן די כעוורע איז דערוויַיל געשען אַ גרויסע זאַך. ליאַם מיט פּעטריקן האָבן זיך צעפּאַטשט. מע האָט זיך פאַרמאָסטן איבער די קעפּ, נאָר מע האָט געטראָפן אין דער לופט. דאָס געשלעג האָט פּלוצעם צעפּלאַמט: מע האָט זיך ניט געקענט אויסגלײַכן מיט דער ריטשקע, וואָס לויפט פון ליאַמס שטיבל גלײַך פאַר פּעטריקס קעלער און שווענקט אונטער די טרעפּ.

אַז פּעטריק האָט פאַרשטאָפּט די ריטשקע, האָט דאָס וואַסער אָנגעהויבן אַרײַנרינען צו ליאַמען אין קאַמער. האָט ליאַם מיט דער לאָפּעטע נאָך טיפער געמאַכט די פריִערדיקע ריטשקע, און פּעטריק — פאַרקערט. ביז מע האָט זיך געכאַפּט שלאָגן. סאַלי איז אין דער צײַט צוגעשפּרונגען: אַ רעגע פאַרצויגן ענגער דאָס שאַלעכל אַפן קאָפּ, מיט דער גאַנצער האַנט הין און צוריק אַ ווישׁ געטאָן די נאָז און זיך אַרײַנגעלאָזט

אין געשלעג. זי האָט געטיילט בארנעס אפ וואָס די וועלט שטייט. דערנאָך די ייִנגלעך צענומען און אָפּגעטעמט:

— נעמט די לאָפּעטעס, וועלן מיר אָפּפירן די ריטשקע אין אן אַנדער זײַט.

מע האָט אָנגעבלאָזענע זיך געכאַפּט צו די לאָפּעטעס. פון דעמלט אָן גייט שוין די ריטשקע גוט, און ביידע מײַדן אויס צו ריידן וועגן איר. ווײַל ביידן דאַכט זיך, אַז גענעדיקט האָט מען זיך ביז טויט — אַז בלויז האָט זיך אַפּ דער ערד געגאָסן.

נו, מע האָט זיך אויך געפּאַטשט מיט די לישנעוואַטער כעוורע, ווײַל איינמאָל זײַנען עטלעכע מענטשן מיט קאָקאַרדעס און מיט אַזעלכע מאַשינקעס אַראָפּגעקומען און פאַרפאָרן צו סאַלין אין אײַנפאָר-הויז, די רוסישע מענטשן מיט זייערע שיינע מאַשינקעס האָבן געזאָגט, אַז דאָס זײַנען זיי געקומען באַקוקן און באַטראַכטן דעם גרויסן באַרג, וואָס פון יענער זײַט בוג, עפּעס וואַקסט דאָרט אַזאַ מין פעט אײַזן, צי וואָס האָט זיך די שטאָט געוויגט.

איז סאַלי אַ באַלן געווען נאָכגיין די מענטשן מיט די קאָקאַרדעס אַפּ יענער זײַט בוג צום גרויסן באַרג. זען, ווי מע געפינט אויצרעס. זי האָט מיטגעשלעפּט ליאַמען און פעטריקן, וואָס פאַר אַ שכייניש קינד זי האָט געווען, האָט זי געשריגן, צעיאָגט און פאַרכומעט מיטן שאַלעכל ביז די אויגן:

— מיר גייען אָנקוקן דעם אויצער!..

נאָך פון יענער זײַט בוג באַם שלאַנבאָן זײַנען געשטאַנען דאָרפיינגלעך, און וויבאַלד די מענטשן מיט די קאָקאַרדעס זײַנען דורכגעגאַנגען דעם שלאַנבאָן, האָבן זיי געכאַפּט שטיינער און אָנגעהויבן יאָגן סאַלין מיט די קינדער צוריק. ס'איז אָנגעלאָפן בערעלע קאַטשקע; ער האָט זיך אָבער ניט געוואָלט לאָזן אין געשלעג. ער האָט געהייסן די קינדער שטיין פונוויַיטנס און וואַרטן — ער וועט איבעררײדן, — וועט מען דורכלאָזן. בערעלע איז צוגעגאַנגען צו דער בריק, מע האָט אים דורכגעלאָזט, ער האָט זיך אַפּ סאַלין און די קינדער אפילע ניט אומגעקוקט, ווי ניט זײַן אײַסעק.

צום בוג האָט מען געטריבן הייזאַגטערס פערד און קי. האָט סאַלי' מיט דער כעוורע, מע זאָל זיי פון יענער זײַט ניט זען, זיך צוגערוקט אײַנײנעם מיט די בעהיימעס צום בריק און אָנגעהויבן שיטן שטײַנער.

ס'איז געוואָרנ א געשריי — פונ דאָרט האָט מענ געשלײַדערט צוריק; מע האָט געכאפּט אינ באק ארײַנ, אינ קאָפּ, נאָר אפּ א רעגע ניט שטײנ געבליבנ. ס'האָט זיכ אָבער הײזאנטערס טרײַבער ארײַנגעמישט, אויכ די פערד אונ די בעהיימעס: מע האָט זיכ צעפּאָלאָכעט, געשפּרונגענ אײנס איבערנ אנדערנ. אונ סאלי מיט די קינדער האָבנ טאקע דעמ בארג מיטנ פּעטנ אײַזנ ניט געקענט זענ, נאָר סײַווי איז פונעמ בארג גאָרניט ארויסגעקומענ: די קאָקארדעס האָבנ געזאָגט, אז קײנ שומ פּעט אײַזנ איז דאָרט ניטאָ אונ קײנ שומ אוצרעס געפינט מענ דאָרט ניט.

3.

אז ליאמ איז אהײמ געקומענ, האָט ער שוינ די באָבע געטראָפנ צוריק פונ באלטע. אונ די מאמע איז געלעגנ אינ בעט אונ שטארק געקרעכצט.

ער האָט אפילע ניט באטראכט די ווײַבערשע אלטע קלײדלעכ, וואָס די באָבע האָט געבראכט פונ דער רײַכער קרויווע, — ס'וועט זײַנ אויכ פאר אימ אפּ פלידערלעכ. די מאמע איז געלעגנ, אונ דאָס צימערל איז פול מיט איר קרעכצנ, אלעמאָל כאפּנ זי מוירעדיקע טפּאזמעס. אונ וואָס איז עלקע פּלוצעמ אָנגעקומענ פונ הרושקע? — זי קומט קײנ־מאָל ניט אפּ נעכטיקנ! אונ די באָבע האָט אָנגעטראָגנ וואסער עטלעכע עמער פונ ווײַטנ ברונעמ אונ אָנגעגאָסנ פולע טעפּ. ליאמס אויגנ זײַ־נענ אומגעלאָפנ. באלד האָט די באָבע אימ געגעבנ א האלבע גלאָז מילכ, ער זאָל אָפּעסנ אונ גײנ שלאָפנ — ער זאָל לאָזנ צורו: דער מא־מענ איז גאָרניט, דער בויכ טוט איר ווײ.

ער איז לאנג געלעגנ אינ דער באָבעס בעט מיט אָפענע אויגנ. וואָס פארנ טאָג איז פאָרגעקומענ, איז ווי ארויסגעמעקט געוואָרנ, נאָר גענאָגט האָט א וויסט, מוירעדיק געפיל, וואָס האָט געהאט עפּעס א ווײַטע, אומפארשטענדלעכע שײַכעס מיט שײנדלענ, מיט סאליס פארבונדענעמ קאָפּ, מיט הײזאנטערס בלינדע פערד, מיט דער מאמעס טויבקײַט אונ דער עקטיקע... אונ ווײַטער — מיט פעטריקס מאמע, טעקלע מיט די גע־שוואָלענע פיס. דער וויסטער געפיל האָט אימ ארײַנגעצויגנ אינ שלאָפ. באנצפרי האָט אימ די באָבע אופגעוועקט:

— מאזלטאָוו, — האָט זי געזאָגט, — די מאמע האָט געהאט א מײדל.

ס'איז ליאמענ אזוי אומגעריכט אראָפ, ווי פונעם בוידעם. פונ זינט די מאמע איז געוואָרנ טויב, ווייסט ער ניט, ווענ מע דארפ זיכ פרייענ, אונ ווענ ניט. דאכט זיכ, אז איצט דארפ מענ זיכ פרייענ. נאָר אז ער איז ארײַנגעלאָפנ צו דער מאמענ אונ איר געל פאָנעם דערזענ, איר מאָרעשכוירעדיקנ בליק, — האָט ער זיכ צעוויינט. ער האָט דאפקע געוווּסט, אז מע טאָר ניט, נאָר ניט געקענט אײַנהאלטנ זיכ. ער איז צוריק ארויס אונ אוועק צו פעטריקנ.

שוינ א פאָר טעג, אז פעטריק פעלט אויס צו ווײַזנ זיכ פאר ליאמענ, זיצט אינ קורינ בא זיכ מיט דער מאמענ, אונ ווענ ער ווײַזט זיכ שוינ יאָ, איז ער אָנגעבלאָזנ, טוט עפעס א מריק אונטער דער נאָז אונ גייט ווײַטער. אפ שמאטעס ליגט פעטריקס מאמע, טעקלע אינ פארויכערטנ נאסנ קורינ. ווי פאר א דערוואקסענעמ קלאָגט זי זיכ פאר ליאמענ אפ אירע שלאפע געשוואָלענע פיס, וואָס איצט, אינ דער נעצ, קענ זי שוינ פונ זיי ניט אויסהאלטנ. אונ פעטריקנ פארקלאָגט זי, וואָס ער וויל זי ניט ארויספירנ דאָנערשטיק אפנ יאריד, עפשער וועט זי אויסבעטלענ א פאָר קאָפעקעס אפ ברויט, ביז פאכאָמ וועט קומענ פונעמ פריזיוו. „ווער צעזעצט ריידנדיק, אונ ער ענטפערט ניט. מע דארפ צורעכט מאכנ דאָס וועגעלע, — זיצט ער ווי א שטיינ: סע שטייט אימ ניט אָנ, די מאמע זאָל בעטלענ. אונ אויסגיינ פונ הונגער?.. קוק אימ אָנ — שוינ צוויי טעג קיינ שטיקל ברויט ניט געהאט אינ מויל!”

פעטריק זיצט פארשטיינט — אפילע די שײַנ אינ די גראָע אויגנ איז פארגליווערט, קוקט זיכ אפ ליאמענ ניט אומ. נאָר אז די מאמע האָט אָנגעהויבנ שטארק אויקענ, האָט ער זיכ אויסגעדרייט אונ ארויס אינ דרויסנ. ליאמ איז ארויס נאָכ אימ, ארופ אפנ דעכל פונ קורינ אונ אראָפגענומענ דאָס וועגעלע, נאָר פעטריק האָט געקוקט אינ א זײַט.

סאלי איז אָנגעלאָפנ. די מינוט האָט זי דערשמעקט בא ליאמענ, אינ וואָס סע גייט, אונ געשריגנ:

— הײַדא, פעטראָ! מירנ דיר העלפנ שלעפנ די מאמע אפנ יאריד!

אונ זיכ אפ איינ רעגע צעזונגענ:

חײַדא פידעטע איוואָרעקעס,
שלעפ די מאמע אפ די צוועקעס...

ליאמ האָט סאלינ א שטופ געטאָנ:

— גיי דיר.

טאָדרעס איז געקומען

.1

דערווײַל זײַנען שוין אופגעקומען די אונגערשע פלוימען און די זאמד אין די גאסן איז שוין שטארק נאס געוואָרן פון די אָפטע רעגנס. פאכאָם איז געקומען פון פּריזיוו און ווידער געארבעט אין מיל, און אהיים צו ליאמען איז אויך געקומען גאָר אן אומגעריכטער גאסט — דער עלטסטער ברודער ליאמס, טאָדרעס, וואָס איז שוין לאנגע יאָרן אוועק אין דער וועלט ארײַן. זייער שטוב, וואָס איז אין דערשלאָגנ-קײַט פארן זומער ווי אײַנגעשלאָפן, האָט איצט ווידער אופגערודערט: טאָדרעס איז געקומען אן אויסגעצויגענער באָכער, מיט אן אופגעהוי-בענער קײַלעכיקער פלייצע. די מאמע, אז זי האָט אים דערזען, איז זי געוואָרן גרין און געל. אפ דער מאמעס קוקנדיק, האָבן שוין אלע דער-פילט, אז אן אומגליק האָט געטראָפן: די טשאכאָטקע האָט אים אָפּגע-זוכט ערגעץ אפ דער וועלט, ערגעץ אין א שטאָט קאָלאָראש, אין אויס-רײַסעניש, — האָט אים אהיים געבראכט, די מאמע זאָל זען, ווי זי, די עקטיקע, וועט אים אופרעסן.

אפ טאָדרעסעס קומען האָבן זײַנע שטאָט-כאווירים געוואָרט, אלע גרויסע באָכערים און מיידלעך, די בעסטע אין שטאָט. ווײַל טאָדרעס האָט אמאָל שיינ געמאָלט און שיינ געזונגען, און אז ער איז קינדווײַז אוועק אין דער וועלט ארײַן, האָט מען זיך נאָר געאמפערט, וואָס וועט ער דאָרט ווערן: א גרויסער ארטיסט, צי א גרויסער „כודאָזשניק“.: ער האָט אלע יאָרן קיינעם ניט געשריבן, און אז ער איז איצט געקומען, האָט מען זיך מיטאמאָל דערוווסט, אז כאָטש ער איז אוועק ווערן א מאָלער, איז ער אָבער נאָר א פארבער געוואָרן און א לונגענפעלער בא-קומען. און ווי ער איז פריִער געווען פריילעך-לעבעדיק, אזוי איז ער איצט אלט און דערשלאָגן.

און דאפקע די מאמע האָט פאר טאָדרעסן אין די אויגן אופגעהערט

בּרעכנ פּיסקעס. זי האָט זיך מיט אַלע קוּיכעס באַמיט זײַנ פאַר אים אוּפגעלייגט, אים אַרײַנצײַען אינ שטוב-אינטערעסנ, ווײַל נאָר א פּאַר-טראָגענער אונ א מאָרעשכוירעדיקער איז ער אהיים געקומענ.

די מאמע האָט אָנגעהויבנ זיך זענ מיט שאדכאָנים, אַרויסגעשטעלט טאָדרעסעס געלערנטקײַט, זײַנע גוּטע פאַרדינסטנ אונ אַנדערע מײַלעס, — א קאַלע זאָל מענ אים ריידנ: ס'איז קליינקײַטנ, וואָס ער איז א ביסל ניט געזונט, זי וועט אים פּילנעווענ, אים פאַרגיסנ. ער וועט ווערנ גע-זונט-מויער, ער דאַרפ נאָר כאַזענע האָבנ.

נאָר אז די מאמע האָט געמיינט, זי איז אליינ מיט דער באָבענ אינ שטוב, — ליאַמענ ניט געזענ זיצנ הינטער דער פּאָרענטשע, — האָט זי זיך געוואָרפנ אינ שטילנ געיאָמער אונ די האָר זיך געצופּעט:

— אלע קינדער וועט עס אויסכאַפּנ. בעסער זאָל עס מיך באַצײַטנס צונעמענ, איך זאָל ניט דערלעבנ עס צוצוזענ.

האָט ליאַמ ניט פאַרשטאַנענ, פאַרוואָס-זשע איז די מאמע אזוי אוּפ-געלייגט, ווענ זי רעדט מיט שכיינים אונ מיט שאדכאָנים. זי האָט אוּפ-געהערט זיצנ דערשלאָגנ אינ דרויסנ בא דער וואַנט, אלע טאָג זיך אָנגעטאָנ דאָס שאַבעסדיקע מאַלבעש, אונ טויב, פאַרטאָנ אינ זיך, האָ-פּערדיק געטראָגנ א האַנטעכל מיט טעפּלעך איבער דער שטאָט, צום סקלאַד, ווו טאָדרעס האָט באַקומענ דערווײַל א שטעלע.

טאָדרעס איז געזעסנ אינ בודקעלע באַם געהילצ-סקלאַד. ס'האָט אים דער יונגער באַלעבאָס גענומענ צו זיך פאַר א קאַסיר אונ פאַר א לע-רער, דעריקער אָבער פאַר א לערער. דער יונגער באַלעבאָס איז גע-שטאַנענ אינ הויכע שידוכימ אונ געהאַנדלט מיט פּריצים, איז אָבער געווענ א גראָבער יונג.

ער פלעגט א פּאָר מאָל אינ וואָך אָנפליִענ מיט זײַנ בריטשקע מיט די פײַערדיקע פערד, אַרײַנ אינ בודקע צונעמענ דאָס געלט, וואָס טאָדרעס האָט געלייזט פאַר דער צײַט, פאַרוואָרפנ א פּאָר פראַגעס וועגנ די אכט-דיוימאָווע ברעטער, צי זיי טריקענענ, וועגנ רעוואָליוציִע, וועגנ שטערנ סאַטורנ, — צי עפּעס אַנדערש אזוינס.

פויל, שווער, אָנ כיישעק, פלעגט טאָדרעס אַרויס פונ דער שווײַגנ-דיקײַט, אונ איידער ער האָט באַוויזנ עפּעס צו ענטפערנ, האָט אים שוינ דער באַלעבאָס איבערגעהאַקט מיט א סאַך געבראָקטע קליינקײַטנ וועגנ געהילצ, מיט דער האַנט א פּיר געטאָנ אָפ טאָדרעסעס אײַנגעהויקערטנ

אקסל, גענומען די בײַטש, זיך ווילדעריש אַרײַנגעזעצט אין דער בריטשקע און מיט די פײַערדיקע פערד אוועקגעפלויגן.

די מאמע האָט פאר טאָדרעסעס וועגן דאָס בעסטע און שענסטע געבראכט, פון פויגל-מילך. זי האָט געשײַנט פון נאכעס, ווען זי איז אַרײַן אין בודקע, אוועקגעשארט דאָס אָפּענע ביכל, וואָס איז געלעגן פאר טאָדרעסן, און גענומען צעשטעלן די פּאַטראָוועס: א גאָלדן יויכל מיט מאנדלען, א יונג הינדעלע, כרעמזלעך, קאָמפּאָט. אלע זײַנע פאַרדינסטן — אין די פּאַטראָוועס אַרײַנגעשטעקט.

זי פלעגט אוועקשטעלן און אַוועקגיין: זאָל ער אליין בלײַבן מיט די געקעכצן, בעסער שפּעטער שיקן ליאמען אָפּנעמען דאָס געפעס.

א גליקלעכע האָט זי אַרײַנגעקוקט אין די טעפּלעך: קיין אײַנאָרע אלץ אופגעגעסן, כאָטש זי האָט ניט געזען, ער זאָל נעמען אפּ זיך לײַב, און ווילן וויל ער נאָך אלץ ניט הערן וועגן א שידעך, נאָר דאכט, — ער ווארפט זיך שוין ניט אזוי.

ליאם האָט ליב געהאט גיין צו טאָדרעסן אָפּנעמען די טעפּלעך, כאָטש טאָדרעס פלעג זיך קיינמאָל ניט אָפּווענדן פונעם בוך. ליאם איז געזעסן און געקוקט אפּ אים.

— גיב מיר א ביכל, — האָט ליאם איינמאָל זיך אײַנגעשטעלט, און דאָס הארץ האָט שטארק געקלאפּט.

— אפּ וואָס דארפסטו א ביכל? — האָט טאָדרעס גוטמוטיק צוגעשמייכלט די גרויסע באָלעכעס.

— כ'וויל לייענען.

— קענסט דען לייענען?

— אוואדע.

— אנו, קום אהער.

ליאם האָט אפילע די אויסיעס געפּלאָנטערט, און צונויפשטעלן א וואָרט איז זייער שווער.

טאָדרעס האָט אים געהייסן קומען אלע טאָג, ער וועט מיט אים לערנען. א גליקלעכער האָט זיך ליאם געשווווירן פאר פעטריקן, אז ער וועט אים אלץ איבערערציילן און איבעראָדערלערנען.

נאָר אינגיכן איז געשען א זאַך, וואָס האָט בא ליאמען אלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אראָפּ. ער איז איינמאָל, ווען די מאמע האָט טאָדרעסן געבראכט עסן, גראָד ארויסגעגאנגען הינטער דער בודקע, — האָט

ער געזען, ווי דאָס פּאָרטקעלע פון פענצטער עפנט זיך און טאָדרע־סעס האַנט קערט איבער דאָס טעפּל. א הונט וואַרט שוין אַפן גוטן מײַכל. ער לעקט אויס דאָס יויכל, פרעסט אויף אין א מינוט דאָס ווייכע שמעקנדיקע הינדל. ליאַמען האָט זיך שיר ניט געוואָרפן עס אויסרײַסן פונעם הונטס מויל.

אַז ער איז א צעקאָכטער אַרײַן אין בודקע און פול מיט טײַנעס געקוקט אַף טאָדרעסן, האָט זיך יענער אויפגעהויבן, אָפּגעווישט דאָס מויל מיטן טיכל, גלײַך ער האָט אָקאָרשט אָפּגעגעסן, געהייסן נעמען די טעפּלעך און גיין, גלײַך ס'איז גאָרניט געשען.

אין דער היים איז אים שוין די מאַמע אַנטקעגן געקומען, צוגענומען בא אים די טעפּלעך, אָנגעקוועלט, וואָס זיי זײַנען ליידיק, און שטאָלץ, גליקלעך זיי אין שטוב אַרײַנגעטראָגן. ליאַמען איז אַוועק צו פּעטריקן, ער האָט מוירע געהאַט אים צו דערציילן וועגן דעם, טאָמער קומט עס אָן צו דער מאַמען. נאָר סע האָט אים געמוטשעט — ער האָט דערציילט. פּעטריקן איז עס געווען פונקט אַזוי ווילד און אומפאַרשטענדלעך, ווי ליאַמען: וואָס הייסט, מע וויל ניט עסן אַזוינע גוטע זאַכן און מע וואַרפט אַרויס פאַרן הונט? ווי־זשע וועט ער געזונט ווערן? אַך, וואָס הייסט — מע וויל ניט עסן!

מע האָט אָפּגערעדט, אַז אַף מאָרגן גייען זיי זיך אונטערקוקן, צו טוט טאָדרעס ווידער אַזוי.

מע האָט זיך אונטערגעקוקט און געזען, אַז אַלע טאָג טוט ער עס. ליאַמען האָט עס דערציילט דער באָבען.

— „ער קען ניט עסן און וויל דער מאַמען קיין יסורים ניט אָנ־טאָן" — האָט בא דער באָבען געציטערט דאָס מויל, זי האָט אָנגעכאַפּט ליאַמען: „זאָלסט זיך ניט דערוועגן זאָגן עפּעס דער מאַמען, זי וועט ניט אויסהאַלטן".

ס'האָט זיך געפירט ווי פריער: די באָבע קאָכט די בעסטע פּאַטראַ־וועס, וואָס די מאַמע ברענגט אַרײַן, — אַלע אין דער היים האָבן קוים ברויט מיט ציבעלע, — די מאַמע טראָגט די פּאַטראַוועס טאָדרעסן, טאָד־רעס וואַרפט זיי דורכן פּאָרטקעלע. די צוויי יינגלעך פאַרגינען ניט דעם הונט, די סלינע רינט פון די הונגעריקע מײַלער, און די מאַמע פרייט זיך מיט די ליידיקע טעפּלעך, — ניט אויסצוהאַלטן!

ליאַמען האָט איינמאָל געפרוווט קוקן אַף טאָדרעסן אַזוי, ער זאָל פאַר־

שטיינ, אז אזא זאכ טוט מענ ניט, מע קענ יענעמ אומברענגענ אונ אליינ אומקומענ. נאָר טאָדרעס האָט זיכ אפ אימ ניט אומגעקוקט, אונ אז יאָ א קוק געטאָנ, איז נאָר א פּאכעד געפאַלנ אפ ליאמענ.

.2

די מאמע האָט אונטערגעטראָגנ טאָדרעסנ א געליִענעמ סערדעט אינ געטײנעט, געקליאנטשעט, ער זאָל אימ אָנטאָנ אונ גיינ, — מע ווארט אפ אימ. טאָדרעס האָט דעמ קאָפּ ניט אופגעהויבנ פונעמ בוכ. באלד איז ארײנ א דארער, לאנגער ייִד אונ אויכ גענומענ טײנענ — אויכ דאָס זעלביקע. די מאמע האָט פונ טאָדרעסנ אראָפּגעשלעפּט דאָס רעקל אונ מיט גוואלד געדרוקט אפ אימ דעמ סערדעט. טאָדרעס אונ דאָס ייִדל, באגלייט פונ דער מאמענ, זײנענ ארויס פונעמ שטיבל. ליאמ איז פונוויטנ נאָכגעלאָפנ.

אינ א פּאָר טעג ארומ האָט מענ ארויסגערופנ די שוועסטער עלקע, וואָס האָט געדינט בא דער הרושקער נעגידעסטע, אונ דעמ טאטנס אדרעס האָט מענ ערגעצ געפונענ אונ אימ ארויסגערופנ. טאָדרעסעס יונגער באלעבאָס אונ טאלמיד האָט אויסגעליגנ א ביסל געלט, האָט מענ געפּראוועט א קנאסמאָל מיט לעקעכ אונ בראָנפנ אונ פריילעכע ווינטשעוואניעס. אָפּגעשטעלט האָט מענ, אז אינ א וואָכ ארומ נאָכ דעמ פּעטער שאמעס כאסענע, שטעלט מענ די כופּע.

וועגנ דעמ שידעכ האָבנ ליאמ אונ פּעטריק א סאכ גערעדט. זיי האָבנ געציטערט, אז מיט טאָדרעסנ וועט עפּעס שלעכטס געשענ. אז ניט זיכ פילנעוועט ער, נאָר די הינט. — די שכײנימ האָבנ, ווײזט אויס, זיכ דערוווּסט דערפונ אונ מע האלט זיכ אינ איינ שושקענ.

מע האָט גערעדט, אז צו דער מאמעס ברודער, דעמ פּעטער שאמע, אפ דער כאסענע, וועט טאָדרעסעס קאלע שוינ עפּשער ניט פּאָרנ, ניט דערפאר, וואָס זי איז אליינ א שטרויענע פּריצע, אונ די כאסענע וועט זײנ אזש אינ יאָלטאוועט, — זי וועט ניט פּאָרנ, ווײל זי וויל ניט טאָדרעסנ.

אונ די מאמע האָט איינמאָל אליינ דערזענ, ווי די פּאָרטקע האָט זיכ געעפנט אונ אלע אירע גוטע פּאָטראוועס זײנענ צו די הינט ארויסגעפלויגנ. זי איז קוימ א לעבעדיקע געקומענ אהיימ, זיכ אוועקגעלייגט

און שוין ניט געקענט קומען צו זיך. זי האָט קיינעם גאָרניט ניט געזאָגט: אפילע דער באָבען ניט, ווײַל מע האָט זיך געגרייט צו שאמעס כאסענע, און זי האָט ניט געוואָלט פארשטערן; זי האָט נאָר גערעדט דערפון, אז צו דער כאסענע וועט זי געזונט ווערן און וועט פאָרן.

אז טאָדרעסעס קאלע איז געקומען צו איר, געווירע ווערן, האָט די מאמע געוויזן, אז זי איז שוין קימאט געזונט. — זי האָט געהאלטן אין איין אויספרעגן די קאלע, וואָס רעכנט זי פאר א קליידער מיטנעמען אפ דער כאסענע, און ווי וועט זי זיך אויספוצן.

ווי נאָר די קאלע איז אוועקגעגאנגען, האָט זיך די מאמע צעלאכט און צעקוויטשעט. מיט א געיאָמער איז זי אראָפגעקראָכן פונעם בעט און אפ דער ערד אומגעפאלן.

3.

אָבער אפ דער כאסענע איז די מאמע געפאָרן, און טאָדרעס מיט דער קאלע אויך.

ס'האָבן באדארפט ארויספאָרן עפעס א צוועלף פאעטאָנען מיט מעכוטאָנים און ליאמ האָט זייער געוואָלט מיטנעמען פעטריקן אויך. סאלין האָט ער אויך געמוזט צוזאָגן, עלע ניט — וועט זי אים צענעריקן און זײַן אפ אים אייביק ברוגעז.

צוועלף פאעטאָנען מיט מעכוטאָנים זײַנען טאקע געשטאנען אפ זייער גאנצער גאס און ליאמען האָט די מאמע געגעבן א פלעשעלע און גע-הייסן גיין אין מארק ארײַנקויפן א פערטל בוימל.

איידער מע קומט ארויס צו די קלייטן, גייט מען הינטער די קלייטן. דאָרטן ליגן גאנצע בערג מיט מיסט; קעסטלעך, דרעטלעך, פאפירלעך פון קאָנפעטן. מע געפינט דאָרט אמאָל א גרײַצער. פאראיאָרן האָט פעט-ריקן געטראָפן א גליק: ער האָט זיך אזוי לאנג געגראָבן אין די מיסט, ביז ער האָט געפונען צוויי נײַינקע פידקאָוועס און א פודעלע פאפיראָסן. סאלי זאָגט, אז איר רויט גארטעלע האָט זי אויך געפונען אין מיסט. מע דארף נאָר גוט איבערוואַרפן — ליגן דאָ אויצרעס. קיין שום זאך דארף ער ניט, נאָר א גארטעלע מיט קוטעסן דארף ער נייטיק, — אָן דעם איז שווער צו פאָרן אפ א כאסענע.

צוריק מיטן בוימל האָט ליאמען געטיאָכקעט דאָס הארץ — ס'האָבן גע-קלונגען די גלעקער, די פאעטאָנען זײַנען שוין אפ דער בריק, און נעבן

זייער שטוב שטייט בערעלע קאמשקע און האלט ליאמס קליין שוועס-טערל. דאָס פּיצל קינד קוויטשעט, רײַסט זיך מיט די הענטלעך צו די פּאַטעטאָנעו. ליאמען איז געוואָרן אַ לאָך אין האַרצן.

בערעלע האָט אים אַ געשריי געטאָן:

— נאַ, נעם ברושקען, דײַן מאַמע האָט געהייסן, זאָלסט בלײַבן אין דער היים מיטן קינד.

נאָר ליאמ האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פּלעשל און זיך אַ לאָז גע-טאָן לויפן מיט אַ גוואַלד צום בריק.

די רעגע האָט בערעלע אוועקגעזעצט דאָס קינד אויף דער ערד און אוועקגעיאָגט נאָך ליאמען, אים געכאַפּט, פאַרוואָרפן אים אויף די פּליי-צעס און צוריק געטראָגן. צום איבערגעקערטן שליטן האָט ער ליאמען מיט אַ שטריק צוגעבונדן, ביז די צוועלף פּאַטעטאָנען זײַנען פאַרשוואונדן פונעם אויג.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַרויסגעקומען געלע-גאָלדע, האָט אַרויסגענומען עטלעכע קאָפּעקעס און געהייסן ליאמען נעמען דאָס פּלעשל, קויפן אַ פערטל בוימל, וועט זי אים צעבראָקן אַ ציבעלע.

ליאם האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט, דאָס פּלעשל, און סאַ-לי איז נאָכגעגאַנגען. זיי זײַנען אַרונטער הינטער די קלייטן און באַם מיסט זיך אַראָפּגעלאָזט. שאָענלאַנג האָט מען זיך געגראָבן אין די בערג און געפונען מעציאָס.

4.

ווען מע איז צוריקגעקומען פון דער כאַסענע, האָט זיך ליאמ גע-האַט מיט וואָס צו באַרימען: ער האָט פאַר דער צײַט אַרויסגעלערנט ברו-שקען גיין. אַזוי האָט ער געטאָן: אוועקגעשטעלט דאָס קינד בײַ געלע-גאָלדעס וואַנט, דעם בייגל בײַ ברושקען אַרויסגעריסן, צעקײַט אַ שטיקל, מיטן צעקײַעכץ אין די אויסגעשטרעקטע פינגער האָט ער זיך געשטעלט בײַ דער צווייטער זײַט וואַנט. ברושקע האָט זיך געצויגן אַהין, אָנהאַל-טנדיק זיך בײַ דער וואַנט, — הונגעריק איז זי געווען, — האָט זי געשפּאַנט צום צעקײַטן בייגל. "די מאַמע האָט גאָר אָנגעקוועלט דערפון.

ווי נאָר מע איז אָנגעקומען, האָט מען זיך גענומען זאָרגן פאַר טאָדרעסעס כאַסענע. קיין געלט איז ניט געווען, און די מאַמע איז אַרומגעלאָפן זוכן גמילעס-כאַסאָדים. שווער, אַז עמעצער זאָל וועלן

באָרגן — אַף וואָס קוקנדיק? דער כאָסן האַלט זיך קוים אַף די פיס... דער טאַטע איז ווידער ניטאָ הי; פאַר די צוויי טעג, וואָס ער איז געווען אין שטוב, האָט ער מיט קיינעם ניט גערעדט.

אומגעריכט, שוין האַרט פאַר דער כאַסענע, איז דער טאַטע ווידער אַראָפּגעקומען, זיך אַוועקגעלייגט אין בעט. זיין פּאָנעם איז געווען ליכטיק און רויִק; ער האָט זיך געהייסן שטעלן אַ קעסטעלע מיט זאַמד פאַרן בעט. ער האָט אַרײַנגעשפּיגן און מיט זאַמד פאַרדעקט. די ערשטע צוויי טעג איז ער געווען שווײַגנדיק. אַפן דריטן טאָג איז ער געוואָרן אופגעלייגט, ווי אַף אַ סימכע. אַלעמען האָט עס געפרייט, און ליאַמ איז געלאָפן דערציילן פּעטריקן, אַז דער טאַטע איז שוין קימאַט געזונט. אַז ליאַמ איז אַ סאַך שפּעטער אַרײַנגעקומען, האָט דער טאַטע זיך אופגעזעצט אַפן בעט, גענומען דאָס היטל, ליאַמען צוגערופן און געזאָגט:

— וואָס ביסטו ניט אַרײַן, אַז כ׳האָב דיך גערופן? ווער זאָל דעם טאַטן אַרויסטראָגן דאָס שפּײַקעסטל? שפּיליע אָפּ די פּליודערן און לייג זיך.

ס׳איז געווען אַזוי פּלוצעם און אומגעריכט, — אַז זען זעט מען אים קיינמאָל ניט אין דער היים, ווי אַ פרעמדער, אַ פאַרטראָגענער, — איצט פירט ער זיך נאָר אופ ווי אַן עמעסער טאַטע. ליאַמ האָט זיך אַוועקגעלייגט פאַרן בעט, אונטערגעהויבן דאָס געזעסל, דעם טאַטן זאָל זײַן צו דער האַנט... דאָס היטל האָט געטאָן עטלעכע גרינגע שמיץ.

אין צוויי שאָ אַרום, נאָך פאַר זון־אונטערגאַנג, איז דער טאַטע געשטאָרבן.

אויך טאָדרעס האָט צו זײַן כאַסענע ניט דערלעבט, ער האָט זיך אַוועקגעלייגט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט און זיך ניט געוואָלט אומקערן. ניט די מאַמע האָט ער געוואָלט זען, ניט די קאַלע — קיינעם ניט, כוץ דער באָבען, אי דאָס נאָר איין אייניציק מאָל פאַר די צוויי מיט אַ האַלבן טאָג, וואָס ער איז אָפּגעלעגן. ער האָט זיך טאַקע פון דער וואַנט ניט אָפּגעדרייט. אַפן דריטן טאָג האָט מען געפּרוווט מיט אַ פּעדער, האָט מען שוין קיין אָטעם ניט געזען. ס׳איז געווען אַ גיך אויסכאַפּעניש.

ליאַמען איז געבליבן פונעם טאַטן עטלעכע פּראָשקעס גאָלד, וואָס מע קוועטשט אָפּ רוקנס פון ביכער, און פון טאָדרעסן איז אים געבליבן ביכער צום לערנען.

ער וועט זײַנ געלערנט, ווי טאָדרעס! אויכ א סאַכ בערשטלעכ אונ טראַפאַרעטנ פאַר פאַרבערײַ איז אימ געבליבנ; האָט ער מיט פעטריקנ אונ סאַלינ געמאַכט שוטפעס אונ זיי האָבנ אַפ אַלע ווענט אונ פריזבעס פונעמ געסל געשטעלט סימאָנימ אונ געמאָלט מענטשעלעכ. אויכ דעמ קייסער האָבנ זיי אויסגעמאָלט, נאָר ער איז אויסגעקומענ שרעקלעכ; אַז געלע-גאָלדע האָט דערזענ, האָט זי געהייסנ באַלד אָפמעקנ. „אפילע אינ שטוב הינטערנ אויוונ טאָר מענ ניט מאָלנ אָדער דערמאָנענ דעמ קייסער צו שלעכטס", — האָט זי געשושקעט, — „אַפ יעדער שטוב שטייט אַזאַ פויגל וואָס טראָגט עס באַלד אָפ צו אימ".

עלקע איז ווידער אַוועק קיינ הרושקע נייענ, אונ ליאַמע מיט ברושקענ זײַנענ געוואָרנ ציטעריקע קינדער אינ שטוב. מע קויפט זיי אַלע פאַרנאַכט יעדערנ א גלאָז מילכ, זיי זעצנ זיכ אַפ דער שוועל אונ מע האַלט אינ איינ טונקענ ברויט. די קוואָרט וואַסער שטייט נעבנ זיי, אַלעמאָל גיסט מענ אונטער א ביסל וואַסער אונ מע האָט ווידער א פולע גלאָז.

5.

מיטאַמאָל האָט מענ זיכ ארומגעקוקט, אַז מע איז אומעטומ פאַרבאָרגט, יעדערנ קומט — אַלצ, וואָס עס האָט עפעס א ווערט, איז פאַרקויפט, אונ קיינ גראָשנ איז ניטאָ מיט וואָס איבערצוקומענ א טאָג אונ מיט וואָס די מאַמע אונטערצוהאַלטנ. עלקעס פאַרדינסטנ פאַרנ יאָר האָט מענ שוינ לאַנג אויסגעגעבנ.

פאַר דער מאַמענ האָט זיכ אײַנגעשטעלט טאָדרעסעס געוועזענער באַלעבאָס אונ טאַלמיד, אונ א קראָמ האָט איר ארויסגעגעבנ עטלעכע טוצ טיכלעכ צו שטיינ דעמ איינעמ טאָג אינ דער וואָכ אַפנ יאַריד. בא דערבײַ האָט מענ זיכ דערווײַל געהאַלטנ.

ליאַמ האָט שוינ צו טאָג געהאַט מיט ביכלעכ. ייִדיש האָט ער שוינ געלייענט, ווי א וואַסער, רוסיש האָט ער אַפילע די אויסיעס ניט געקענט, נאָר ער וועט געוויס קענענ, אַלע וועלנ וויסנ, אַז ער וועט נאָכ אַריבעריאָגנ טאָדרעסנ.

א האַרבסטיקער מאַרק-טאָג. זיצט די מאַמע אינ דער געצ מיט די עטלעכע טיכלעכ, אונ דער „איבערשטער" וויל איר קיינ קוינע ניט צושיקנ. ברענגט איר ליאַמ צו דערקוויקנ דאָס פאַרכליאַנעטע האַרצ ברויט

מיט א ציבעלקע מיט אייל. — ליאם איז דורכגעגאנגען דעם מארק, געזען צעשטעלטע ביכלעך מיט גלאנציקע ראשיקע פארבן, און עס האָט אים פארקלעמט. די ביכלעך קאָסטן א פיטאקל א שטיק, און אַן אזבוקל דארף ער, ווי אין לעבן. ווייל אויסוויינייק קען ער שוין די גאנצע אזבוקע. מע גייט אָפט אינאָוונט מיט די קינדער, מע האלט זיך בא די הענט און מע שרייט אפן קאָל, ווי א מארש: „א, בע, ווע, גע, — קען עס שוין ליאם אויסוויינייק, נאָר וועלכער אָס אין ביכל איז „א" און וועלכער „בע" — ווייסט ער נאָך ניט.

צו דער מאמעס שטעל איז ער שוין געקומען אָנגעבלאָזן, גרייט צו וויינען, גרייט דערגייען די יאָרן, אָן אַן אזבוקל זיך ניט אומקערן, ס'איז אים נאָר געוועזן שווער אָנצוהייבן, פארטשעפען זיך בא עפעס און ארויס־רופן בא דער מאמען מיטלייד. ער וועט זיך אָבער ניט לאָזן איינעמען, ביז ער וועט ניט אויספירן זיינס.

— מאמע, ס'איז מיר ארויסגעפאלן א צאָן, און ס'איז געגאנגען בלוט און עס טוט מיר וויי!

די מאמע האָט זיך אפילע ניט אומגעקוקט, זי איז פארטיפט אין איר טויבער פארטראכטקייט — ס'אי א רעגנדיקער טאָג, קיין קוינע ווייזט זיך ניט. אפ דער הויכער שוועל פון איר הויכן מאגאזין שטייט די גווירנטע בראָכע די גראָבילעכע, — די ראָזעווע בעקלעך, ווי די פא־טשערקעס, גלאנצן; זי קוקט צו דער מאמעס שטעל.

— עס טוט מיר אזוי וויי, — כאפט זיך ליאם צו דער באק, — בלוט איז געגאנגען, עפשער א קוואָרט בלוט.

די מאמע קוקט אפ אים טאמעוואטע, צו איר אויער דערגייט עס ניט, בייגט ער זיך אָן צו איר און שרייט וויינענדיק:

— ארויסגעפאלן א צאָן, טוט אזוי וויי, אָפגעגאנגען מיט בלוט, כ'וויל אַן אזבוקל...

ניט אים די מאמע א גלעט איבער דער באק:

— סע וועט דיר אָנוואקסן אַן אייזערנער.

— איך וויל אַן אזבוקל, סע קאָסט פינף קאָפּעקעס!

— ביסט מעשוגע, כ'האָב נאָך הייַנט קיין פיטשאטעק ניט געהאט.

האָט זיך ליאם ערשט פארמאָסטן. אָנגעהויבן הויך, אפ א קאָל, אז גרילצן זאָל עס דער מאמען אין די טויבע אויערן, און זי זאָל צוואַרפן א פיטאקל אפ זיך אָפטשעפען. נאָר די מאמע האָט עס ניט גערירט.

ער האָט זיך איינגעמאָסטעט אַף דער פּײַכטער שטרוי און זיך אַלעמאָל פאַרגאַנגען אין געוויין, שטאַרק צוגעקוועטשט די אויגן, טרערן זאָלן אַרויס; אַלעמאָל האָט ער זיי צעשמירט איבער די באַקן און אַלץ שטאַר-קער, כריפּעריקער געוויינט. פון הינטן איז צוגעהונקען די גראָבילעכע

— סאָרע, — האָט זי געשריגן צו דער מאַמען, — וואָס וויינט ער אַזוי?

ליאַם און די מאַמע האָבן זיך אויסגעדרייט צו איר.

— וואָס יאָמערט ער, דײַן יינגל? — האָט זי ווידער געשריגן צו דער מאַמען.

— ווייסעך, — האָט די מאַמע פאַרדומפּן געזאָגט, — דער גוטער יאָר ווייסט אים, צעלאָזט. אַ סידערל וויל ער, ער האָט שוין ניט אין וואָס צו דאַוונען.

ליאַם האָט פאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אַף דער מאַמען. די גראָבילעכע האָט אַ ווײַלע זיך געדרייט און געשוויגן. ביידע גלאַנציקע בעקלעך, ווי די פּאַטשערוקעס, האָבן זיך אַ בראָך געטאָן און זיי האָבן זיך אי-בערגעבויגן איבער דער טויבער מאַמע:

— נו, וועט ער וואַקסן אַ פרומער ייִד, דו דאַרפסט פרומע קינ-דער, סאָרע, ער איז בא דיר אַ ציטעריקער, איך גיב דיר צושטײַער אַף אַ סידערל! — און זי האָט זיך גענומען זוכן אין קעשענע.

די מאַמע האָט זיך אָפּגעדרייט:

— נא דיר גאָר אַ מאָשל, וואָס דאַרפסט איר אים עפּעס געבן געלט?

די מאַמע האָט גיך אַרויסגענומען קאָפּעקעס פון אַ קניפּל, אַרײַנגע-שטעקט ליאַמען:

— נא, פאַרנעם זיך, קריכט אין די גאַרגערעס!...

זי האָט אים אַ שטופּ געטאָן, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט, אַז אָט וועט ער אויך צו דער גראָבילעכעס צענער אויסשטרעקן די האַנט.

אַפּדערנאַכט, ווען די מאַמע איז אַהיים געקומען איז ליאַם גע-לעגן צעלייגט אַפן קאַסטן, געכאַזערט און געלייענט דאָס אַזבוק-ביכל. ער האָט דער מאַמען אַרײַנגעשריגן:

— פאַר איין אַפּדערנאַכט קען איך שוין לייענען; וועסט זען, ווי איך וועל נאָך קענען, ווי אַ וואַסער וועל איך לייענען.

טאָג בא טאָג, יעדער אַפּדערנאַכט האָט ער געלייענט; דערנאָך, אַז דער ווינטער איז אָנגעקומען און דער אויוון האָט געפּאַשעט פון דער

פּלאַמיקער שטרוי, איז ליאַמ געלעגן אָפן אויוון און ניט אופגעהערט צו לייענען גרויסע ביכער; ער האָט זיי ניט פאַרשטאַנען, ער האָט ביכ־לאַל געמיינט, אַז קענען רוסיש הייסט קענען גוט לייענען, און דעם טײַטש פון די ווערטער איז ניט אַזוי נייטיק צו וויסן — האָט ער טאַקע געליי־ענט, ווי אַ וואַסער. אין דער זעלבער צײַט אויך פעטריקן געלערנט.

אָפּ אַלע טאָדרעסעס ביכער האָט ער אופגעשריבן זײַן נאָמען, און מיט פעטריקן צוזאַמען זיך געגרייט צו דער צײַט, ווען דאָס אײַז וועט רירן, וועלן זיי מאַכן אַ שול, אַז אַלע קינדער פון דער גאַס זאָלן ווערן געלערנט. ליאַמ און פעטריק וועלן זיך פאַרלאָזן לאַנגע האָר און וועלן זײַן די לערערס.

דעמלט איז ווידער די עקטיקע געקומען צו זיי אין שטוב און אויס־געכאַפּט די מאַמע.

אופגעוואכטער האס

.1

אזוי פילן גאָר ניט די קינדער, ליאמ און ברושקע, אז מאמעליגע איז א שטאָפּעדיק עסן. זיי עסן עס שטענדיק — איבערבייסן, אָנבייסן, וואַרעמעס, און פארבייסן — א שטיק פּאָסנע מאמעליגע, און מאמעליגע געגנעצט אמאָל אין בוימל. ווייל מאמעליגע איז וועלוועלער פון ברויט און שטאָפּט גיך אָן; א ברויט אָבער איז פאר פריצן, פאר לופטיקע מענטשעלעך, מע קען עס אופּפיקן אין איין שמיי-דריי און דערנאָכדעם וועלן נאָך. אז די באָבע וועט ענדיקן די ליכט און די גראָבילעכע וועט גוט באצאָלן, מאכט מען א ראָסלפּלייש.

וויאזוי ליאמ זאָל ניט זיין פארנומען מיט מייסטרעווען א טעלעפאָן הינטערן אויוון, דערהערט ער דאָך פאָרט וועגן ראָסלפּלייש און סע טוט אים מיטאמאָל אזא נימעסער שלאָג אדורך די מאמעליגע, — אלע איירורים, דאכט זיך, זיינען פארשטאָפּט מיט מאמעליגע, אפילו די נאָז, — און ער רעדט דעריבער א ביסל אוניוואטע.

ווער וועט זאָגן, אז די באָבע איז שוין אלט עטלעכע און זעכציק יאָר? איר פּלייצע איז שלאנק, א באגייסטערטע רויטלעכקייט אין די אויסגעדארטע איידעלע באקן, און ניט קיין שמאָלע אויגן מיט בייטעלעך און קנייטשעלעך האָט זי, נאָר קיילעכדיקע אויגן, אש-קאָלירנדיקע. דער קאָליר איז אזא פרישער און טיפער, און אז זי שטייט און זאָגט גאָרניט, אָדער קוקט דורכן פענצטער, גייט אזש איבער א גרויל איבערן לייב — אזוי ווייט קוקט איר אש-קאָליר און מיט אזא כאָלעמדיקער לויטערקייט. ניט ווילנדיק דערמאָנט עס א פריילינג-פארטאָג, א שאָ פאר זון-אופגאנג.

ווער וועט דערקענען אין איר עטלעכע און זעכציק יאָר אָפּקומעניש און האָרעוואניע?

אָט קנעט זי פאר דער גווירנטע בראָכע דער גראָבילעכע וואקסענע ליכט, אויך כיילעוונע קען זי ציִען. דער באָבעס פינגער, — שטיקלעך

פּיין, צעקאַליעטשעניע פון שמוציקער און שווערער אַרבעט, — שפּרינגען רירעוודיק איבערן ברעט. זי צעהאַקט האַרטע טעלערלעך וואַקס, וואַרפט זיי אין קאַכיק וואַסער, קנעט רירעוודיק מיט די פינגער — ווערט עס איין שטיק, וואַרפט זי עס אַפן גלאַטן טיש-בלאַט, וואַלגערט עס גיך-גיך, ציט עס אויס, מאַכט אַ ריוושאַק, שטעלט אַריין דעם קנויט פון גרויע געדרייטע פעדעם, און באַלד ווידער דעם וואַקס קאַיעלעכדיק געוואַלגערט, — ביז סע באַקומט די פאָרם פון אַ ליכט. זי וואַלגערט מיט אַלע קויכעס, אַנגסטן באַשלאָגן זי, נאָר זי כאַפּט דעם אָטעם ניט איבער, ווייל דער וואַקס וועט פאַרקילט ווערן. דאָס ליכט איז נאָך גראָבלעך און אומגעלומפּערט, די באָבע שרייט:

— ליאַם, גיכער דעם קאָלאָדאַטש!

ליאַם שפּרינגט אַרויס פונעם קיכל מיטן גליַענדיקן קאָלאָדאַטש, זי פירט מיטן גליַענדיקן אייזן איבערן ליכט, גלייכט אויס גריבער, בערגלעך; דאָס ליכט ווערט פאַמעלעך גלאַט, גלייך, גלאַנציק — אַ שיינער וואַקסענער שפּיז.

בראָכע די גראָבילעכע, וואָס איז אין איינע עלטער מיט דער באָבען, — זיי זיינען אַמאָל געוואַקסן אַף איין מיסט, אונטער איין דאַך, — די גראָבילעכע האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז זי איז געוועזן אַמאָל מיט ליאַמס באָבען נאָענטע כאַווערטעס, „די באָבע האָט עס שוין אויך לאַנג פאַרגעסן.

די גראָבילעכע הינקט אַפן אויסגעקרימטן פיסל, איר פּאָנעם גלאַנצט ווי אַ פּאַטשערקע. הינקענדיק טייַנעט זי:

— די ליכט זייַנען גאָטס שפּייַז, און די אַרבעט פאַר זייַן ליבן נאָמען טאָר גאָר קיין באַצאָלעכץ ניט האָבן, כ'וויים, וואָס איך טו? — אַבי איך צאָל דיר...

און זי שטופּט אָפּ די באָבע מיט אַ פּאָר גראָשן.

די גראָבילעכע אָבער פאַרקויפט די ליכט און פאַרדינט גאַנץ פיין בא דער געטלעכער שפּייַז. זי טראַכט זיך: וואָס דאַרף דער ליבער נאָמען? אַז קיין מויל האָט ער ניט, און עסן עסט ער ניט, און דער בוירע-אוילעם איז ער — זאָל מען נאָך בא אים גאָר ניט פאַרדינען?

ליאַמס פינגער ווערן וואָס אַ טאָג פלינקער. ווער סע דערזעט זייַנע פינגער, טראַכט זיך: אָט דער וועט זייַן גאָר אַן אַנטיקל, — אויב די עקטיקע וועט אים ניט אויסכאַפּן, ווי אַלע זייַנע אייגענע. ליאַם איז

זיכער, אז ער וועט לערנען, אלעמיי כאסקל געלע-גאָלדעס, סאַליס ברודערל?

די באָבע, וואָס באַוווּנדערט אַלע זײַנע אויסטראַכטענישן, וועלכע ער שניצט און מאַלאָכעט גאַנצע טעג, און די מײַסעס, וואָס ער לייענט, — די באָבע וואַרפֿט אים אויס, אַז וואָס ער הייבט אָן, ענדיקט ער קיינמאָל ניט:

— שוין ווידער אָפּגעבראָכן אַ לײַסט פֿונעם בענקל! נו, פֿרעג איך דיך! און שוין ווידער די שער שטומפּיק געמאַכט מיטן שערן בלעך, — און ווידער ניט פֿאַרענדיקט?.. איז דאָס אַ טועכץ, ליאָמע?

— איצט קוק אָט דאָ, — זאָגט ליאָם, — וואָס כ'האָב געמאַכט מיטן גורע פּאַפּיר. איאָ, די שאָלעכץ פֿון ציבעלע פּאַסט פֿאַר בעקלעך? ראָזעווע בעקלעך, ווי בײַ דער גראַבילעכע — גלאַנצן ווי פּאַטשערקעס; איצט זע: אָט דאָס האָב איך אויסגעקלעפּט פֿון בלאָטע, אַרײַנגעשטעקט צוויי שטיק „קאָסאָקע" גלאָז פֿאַר אויגן. אַ, וואָס לאַכסטו, באָבע, האָסט געטראָפֿן, ס'איז שמול קאַטראָך? און דאָס האַלט ער די האַנט בײַם בויך, און דאָ איז דער פֿעטער שאַמע מיט די פּאָר אַנטיטשנע קאַלאָשן.

די באָבע גייט אָפּטראָגן די אַרבעט, און גייענדיק, דערמאָנט זי זיך אָן טאָדרעסן, וואָס האָט זיך אויך אַמאָל אויסגעריסן פֿון דער ווײַסטער היים און איז אַוועק אין דער וועלט אַרײַן ווערן אַ מאָלער. דער פֿעטער שאַמע איז אויך אַזעלכער, — טראַכט זי. — יענער האָט עטלעכע יאָר זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּאָר אַנטיטשנע קאַלאָשן; שטענדיק איז — אָט־אָט ענדיקט ער זיי, און מענטשן וועלן גיין אין זיי אויף טײַך און יאַמען, ווי אויף דער יאַבאָשע. נאָר שטענדיק האָט אים עפּעס איבערגעשלאָגן. אַז מע האָט אָפּגעפּראַוועט די שיינע כאַסענע, איז ער פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, שאַמע, און קיין יעדיִער איז אַדאיאָם ניטאָ פֿון אים.

ווען די באָבע איז צוריקגעקומען, איז ליאָם איר אַרויס אַנטקעגן. שטענדיק, אַז זי קומט, לויפֿט ער איר נײַגעריק אַנטקעגן, — זי ברענגט אַמאָל אין פֿאַרטעך צוגעפּוילטע באַרלעך אָדער אַ שווערן, אַ גאָלדענעם קראַנץ ציבעלעס; שטענדיק וואַרט ער, אַז עפּעס וועט געשען, עפּעס וועט אָנקומען אַ בריוו פֿון אַ ווײַט לאַנד, אָדער ס'וועט אַראָפּפֿאָרן אַ פֿרעמד־געקליידעטער קאָרעוו, וואָס וועט זיי אַלעמען אַוועקטראָגן פֿונדאַנען.

נאָר איצט האָט ליאַם באַלד דערזען, אַז די באָבע דרייט אוועק איר פּנים אין אַ זײַט, די דאַרע אַקסלען זײַנען אופגעהויבן... ער איז צוגעלאָפן:

— וואָסי, באָבע?

זי האָט דעם קאָפּ ניט אויסגעדרייט צו אים, האָט גיך פון פוס אַראָפּגעוואָרפן די שקראַבע, געכאַפּט און אײַנגענעצט דאָס שטיקל האַנטעכל. פון אונטערן קלייד אַרויסגערוקט איר צעבלוטיקטן פוס. ליאַם האָט דערזען: דער בלויער פוסביין, וואָס האָט געגלאַנצט פון אָפּגעצויגענער מאָגערקײַט, איז געווען צעריסן, צענעריקט, און דאָס פּנים אירס זאָל זיך אַזוי ענדערן!

זי איז שטענדיק מונטער, רירעוודיק און געזונט, טאַקע הויט און ביין, נאָר פאַרהאַרטעוועט, ווי אויסגעהאַרטעוועט שטאָל.

וואָס-זשע איז איצט מיט איר געשען? אַז ליאַם האָט פאַר שרעק אָנגענומען די באָבע פאַר די הענט, האָט זיך די באָבע ווי אופגעכאַפּט. איז געוואָרן ווידער מונטער, רירעוודיק, ווי שטענדיק, זי האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם שאַל און אײַנגעוויקלט אַ בינטעלע.

— צעקניפּ! — האָט זי געזאָגט.

ליאַם האָט גיך צעקניפּט דאָס בינטעלע און דערזען צעבראָכענע, צעדרויבלטע ליכט. ער איז צו צו דער באָבען, זיך אָנגעבויגן צום צעבלוטיקטן פוס.

— ווי ביסטו געפאַלן?

— גאָרניט, גיי, כ'בין דען געפאַלן? כ'האָב זיי איר געבראַכט, די ליכט, בראָכען, — איז זי עפּעס בייז געווען, דער רוח האָט מיך אָנגעטראָגן. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די ליכט און זיך צעשריגן: „קרומע ליכט ברענגסטו מיר! אָנגעהויבן אָפּ דער עלטער פאַלשעווען! גיי דיר מיט זיי" — זי האָט די ליכט צעבראָכן און מיך אַרויסגעשטופּט; כ'בין מעוויזלבל געוואָרן — און זיך פאַרטשעפּעט באַ דער שוועל, סע נאָך גוט...

ליאַמען האָט עס אַ זעץ געטאָן איבערן קאָפּ. ווי אַן אָפּגעבריטער איז ער אַוועק פון דער באָבען, זיך פאַרשלאָגן אין דער פינצטער הינטערן אויוון, איז געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, אײַנגעזונקען אין זיך, און מיט אַלע קויכעס דערשטיקט דעם ווייטעק-געשריי, וואָס האָט זיך געריסן פון האַרצן.

ער האָט זיך געשעמט אַרויסצוגיין פון הינטערן אויוון: דאָס ערשטע

מאָל, אז ער דערפילט אזא מוירעדיקנ גיפט פונ האס אונ אינ דער זעל-ביקער צײַט — מאכטלאָזיקײַט. וואָס קאָנ ער זיי טאָנ — דער גראָבילעכע, דעם קאטראָכ? ווי קאָנ ער זיכ נוקעמ זײַנ? א שטיינ אינ פענצטער ארײַנ? א קאצ א געפײגערטע צומ טיש זיי ארײַנשלײַדערנ? פאר כארפע אונ מאכטלאָזיקײַט האָט אימ דאָס פּאָנעמ געפלאַמט. ער וואָלט זיי אָפּ שטיקער צעריסנ אונ זיכ אליינ — פאר זייערע אויגנ, אינ זייער שטוב — מיט א מעסער אינ הארצנ...

דערצו איז נאָכ פעטריק אומגעריכט אהיימ געקומענ: ווענ נאָכ א צוויי-דרײַ כאדאָשימ, וואָלט מענ שוינ פעטריקנ אינגאנצנ ניט דערקענט. ער דינט באמ פּאָרעצ לוקיאנאָווס כאזיירימ אינ כאזער-שטאל, — גיט מענ די כאזיירימ טײַערע עסנס, פעטריקנ זײַנענ די שפּײַזנ זייער צומ טאַם, איז ער געוואָרנ געזינטער, קרעפטיקער אונ גאָר אָנגעהויבנ וואקסנ.

נאָר איבער א וויסט נארישקײַט איז פונ אלצ געוואָרנ א טײַכ.

איינער, יוכימ קאזאקאָוו, וועלכנ מע האָט כוישעד געווענ, אז ער שנײַדט אָפּ די באמעשטע רימענדלעכ פונ די פּאָסטראָמקעס, נאָר מע האָט אימ נאָכ בא דער האנט ניט געכאפּט, האָט „געפּאקט" פעטריקנ באמ ארײַנלייגנ א שטריקל אינ קעשענע — אנ אלט שטריקל, א צעד-רויבלטס, וואָס מע ווארפט שוינ ארויס אפנ מיסט. דער קנעכט האָט גע-מאכט א טומל אומיכטנ, דער פּאָרעצ זאָל דערהערנ, אונ אז דער קנעכט האָט געזוענ, דער פּאָרעצ דערנעענטערט זיכ, האָט ער געכאפּט א הרא-בליע אונ, שרײַענדיק „זלאָדיי", פעטריקנ דערלאנגט ניט אינ קיינ גוטנ אָרט. ווי א פארוווּנדעטע האָזל איז פעטריק אופגעשפּרונגענ, אונ הינ-קענדיקערהייט, אינ גרויסע ווייטעקנ, זיכ אָפּגעטראָגנ, פונקט ווענ דער פּאָרעצ האָט זײַנ גרויסע לאפּע פארמאָסטנ.

האָט פעטריק אָנגעהויבנ אונטערצוקרענקענ, אונ מיט ליאמענ איז ער ווידער אינײַנעמ.

כאָטש ער איז געווענ אינ כאזער-שטאל באמ פּאָרעצ לוקיאנאָוו ניט מער, ווי דרײַטהאלבנ וואָכנ, פונדעסטוועגנ האָט ער ליאמענ געהאט צו דערציילנ גאנצע כאדאָשימ. ביז שטאָקנאכט פלעגט מענ זיצנ, אונ ליאמ — פארגאפט, צעעפנט מויל-אונ-אויערנ.

ניט אזוי דאָס אונטערקרענקענ האָט פעטריקנ געדריקט, ווי די מוירע, אז אָט קומט דער פּאָרעצ אונ מע פארגיסט אימ אינ קייטנ.

ער האָט אײַנגערעדט זיכ אונ ליאמענ, אז דער פּאָרעצ לוקיאנאָוו

האָט אָנגעגעבן אַפּ אים, פּעטריקן, אין גערידערט, פאַר שנײַדן באַמעשטע רימענדלעך פון די פאָסטראָמקעס, און יוכימ, דער קנעכט, וואָס טאַקע ער אַליין שנײַדט די רימענדלעך, — דאָס האָט פּעטריק געזען, — יוכים וועט אײדעס זאָגן, אַז ער, פּעטריק, שנײַדט זיי. און גאָרניט וועט ניט העלפן — קיין ווײנען, קיין שרײַען, — ווײַל וואָס דער פּאָרעץ האָט געזאָגט, און וואָס דעם פּאָרעצס קנעכט האָט באַשטעטיקט — איז פאַרפאַלן. וואָס-זשע?.. מע וועט פאַרגיסן אין קייטן און פאַרשיקן קיין סיביר און א סאָף!

באַם פאַרבער

1

ליאַם האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן דאָס זיצן אין דער היים. ניט צוליב געלאָזט די באָבע: נאָר זי זאָל אים פירן אָפּגעבן צו קאַזאַריצקין דעם פאַרבער. ס'איז ניט שווער, אַ פאַרבער וויל ער ווערן. כאָטש די באָבע האָט פאַר פאַרבערײַ געציטערט און געוואָלט, ער זאָל נאָך זיצן אינדערהיים דאָס יאָר:

„נאָך צײַט האָבן צו בידעווען אין דער פרעמד, טראָגן יענעם די „צעבערס".

נאָר ליאַם האָט ניט אָפּגעטראָטן: ער קען מער ניט זיצן אין דער היים, קאַזאַריצקי איז טאָדרעסעס אַ פרײַנט, אַ גוטער באַלעבאָס, — אים וועט זײַן גוט באַ אים.

דאָס ערשטע, וואָס איז ליאַמען שטאַרק געפעלן און וואָס איז אים ליב געוואָרן פונעם ערשטן אַרבעטטאָג, איז די מעדיאַנקע-פאַרב. מעדיאַנקע איז גרינע, גרינע פאַרב צו בלעכענע דעכער, שמירט זיך, ווי ווייכע סמעטענע, נאָר שטינקט מוירעדיק.

דער ערשטער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיט נאָך אַ פאַרגעניגן: שפּאַקלעווען. טיר און פענצטער, פול מיט שפּעלטלעך, צעלעכערטע פּאָלן, — אַלע ווערן גלאַט; מע דאַרף אָבער פריִער די צעלעכערטע ערטער ריינ מאַכן פון שטויב, עלע ניט — קריכט די שפּאַקליאָווקע צוריק נאָכן שפּאַקלע-מעסער. אַז סע איז ריין, גייט מען מיט דער דין-שטאָלענער שפּאַקלע, מע טענצלט לײַכט איבער טירן, פענצטער, פּאָלן — ווערט גלאַט! אָבער קאָכן קליי פאַר שפּאַקליאָווקע? — פּע. שפּעטער איז דאָס קאָכן שטענדיק אויסגעפאַלן אַף אים.

קאַזאַריצקי שלאָגט ניט; אויב מע קריגט באַ אים אַ פּליאַסק, קען מען אַף אים ניט זײַן אין קאַס, ווײַל קאַזאַריצקי איז דעמלט שיכּור, און אַ פאַרביטערט האַרץ האָט ער. מיסטאָם האָט זיך ליאַם געדרייט פאַר די פיס, און מיט זײַנע אויגן — מיט די קנײַלעכדיקע אויגן, מיט די

געהויבענע אקסל, — האָט ער מיסטאמע קאזאריצקינ דערמאָנט אינעמ אייגענעמ וויסטנ מאזל.

נאָר ליאמענ האָט כוצ אלעמ, אונ טאקע דעריקער, געצויגנ צו קאזאריצקינ גאָר עפּעס אנדערש: ס'האָט געארבעט בא אימ איינער א פּארשוינ, וועגנ וועלכנ מע האָט זיכ נײַגעריק געשושקעט. גײַלא — האָט מענ אימ גערופנ. דער דאָזיקער גײַלא קומט נאָר אינ די פרילינגנ אראָפּ, פארדינגט זיכ דעמ פארבער קאזאריצקינ אפנ זומער; אינ די אָסיענס פארשווינדט ער.

מע שמועסט וועגנ אימ, אז אינ געוויסע באנאכטנ טוט ער אָנ א מאסקע אונ גײט די גווירימ פונ דער סוויווע עפּענענ פאר אימ די קאסעס: „אָרגאניזאציעס דארפנ געלט”! אפנ פּאָנעמ איז ער קאלט, א שווײַגער — בייז, קאָנ מענ זאָגנ, — נאָר אינדערעמעסנ איז ער א פריילעכער באָכער, א יונג מיט בײנער, מיט א קרעפטיק ווערטל אונ מיט א גוט קאָל.

אז גײַלא קומט, ווערט קאזאריצקי אופגעלייגט אונ שטארק בארעדעוודיק. פארקערט, צו אָסיענ פאלט ער אראָפּ בא זיכ, ווערט אומעטיק, ווײַל גײַלאנ ציט שוינ ערגעצ-ווו אוועק, אונ אליינ וועט ער מוזנ בלײַבנ, זיכ זעצנ צו זײַנ ווינטער-ארבעט — שוסטערנ. סאָמע זומער לאשטשעט ער זיכ צו גײַלאנ, — יענער טוט אימ צוליב, בלײַבט אינ דער היימ די אפדערנאכטנ פארנ פארשווינדנ. ער רעדט מיט קאזאריצקינ וועגנ דער וועלט, וועגנ ווײַטע לענדער, מאשינעס, יאמימ, פאבריקנ. דערנאָכ, אז גײַלא פארשווינדט, אונ קאזאריצקי מוז זיכ זעצנ שוסטערנ, — שיקערט ער זיכ פריִער אָנ, אונ קוימ איז קאזאריצקי שיקער, איז שוינ באוווּסט, אז צומ ערשטנ זעצט ער אויס די פענצטער דעמ שאָכנ זײַנעמ, אווראָמ גרעבצ, דעמ עלטסטנ פונ די גרעבער. דערנאָכ, — א לאָדעניש, — איז ווידער געשיקערט אונ ווידער די פענצטער געקלאפּט. אזוי גײט אוועק דער ווינטער. די לעצטע פּאָר רובל ציט מענ בא אימ אויס מיט די לאָדענישנ. צו פרילינג קומט גײַלא.

איינמאָל, ווינטער, האָט ליאמ ארײַנגעטראָגנ דער באָבעס שיכ פאריכטנ, טרעפט ער קאזאריצקינ אפנ בענקעלע מיט א שקראב אפ די קני, שיקער. מיט ליאמענ איז אינ שטוב ארײַנ א שטיק קעלט, הייבט קאזאריצקי אופ דעמ קאָפּ אונ פרעגט: „נו, האָסט אראָפּגעצויגנ די פעל?” — „וואָס?” — בייגט זיכ ליאמ אָנ צו אימ. נאָר ער האלט דעמ קאָפּ טיפ

אראָפּגעלאָזט, אזש די נאָז רירט אָנ דעם שקראב. מיטאמאָל טוט ער זיכ א וואָרפ אונ זאָגט:

„נעמ א שטיינ אונ זעצ גרעבצנ אינ פּענצטער".

אווראָמ גרעבצס פּארנאָסע איז: בריסנ, כאסענעס, אונ, דעריקער, — לעוויִעס. אויכ ליאמענ ווערט פּריקרע, ווענ מע דערמאָנט גרעבצס נאָמענ: בא יעדנ אומגליק אינ .ליאמס שטוב איז ער געשטאנענ אונ געטיילט די גרעבערס בראָנפנ; בא דער באָבענ האָט ער די לעצטע פּאָר גילדנ דערופּ אויסגעריסנ. גרעבצ קוקט אפּ א מענטשנ אונ טראכט: „ווענ וועט ער שוינ שטארבנ?" — סע איז זיינ פּארנאָסע...

א מעשונענע פייַנטשאפט האָט קאזאריצקי צו גרעבצנ. יעדער מינד-סטע נארישקייט, וואָס צווישנ שכיינים קענ פּאָרקומענ, רופט ארויס א קריג צווישנ זיי. די סינע אינ שוינ אזוי אלט אונ פּארוואקסנ מיט לאָדע-נישנ, שטראָפנ, אז מע קאָנ ניט דערגיינ, פונ וואָס סע האָט זיכ אָנגע הויבנ.

נאָר גאָר מעשונע איז, וואָס ווינטער הייבט קאזאריצקי אויכעט אָנ גרעבצנ. צי קרימט ער אימ נאָכ, צי באקומט ער דעמ גרעבצ טאקע אפּ אנ עמעס. סע איז שיר צומ כאלעשנ. ער גייט ארויס אינ דרויסנ, אונ גרעבצט הויכ אונ לאנג.

.2

איצט, ווענ ליאמ ארבעט בא אימ, איז גראָד דעמ פרילינג, ווי אפּצו-לאָכעס גייִלא ניט געקומענ, אונ דאָ נעמט מענ קאזאריצקינ קיינ האָלוואניסק פּארבנ לעווינסאָנענ. די באָבע האָט לעכאטכילע ניט געוואָלט אָפּלאָזנ ליאמענ אינ דער פרעמדער שטאָט, נאָר ליאמ האָט שטארק געקאָמאנ-דעוועט.

גאנצע נעכט האָט זיכ ליאמ מיט פּעטריקנ באראטנ אונ געמאכט פּלענער, ווי צו זענ זיכ אונ וואָס מע דארפ פּארנ זומער דערגרייכנ. סע איז געקומענ דער טאָג, ליאמ איז ארייַנ אינ וואָגנ אונ — הייַדא קיינ האָלוואניסק.

צוויי הויכע גאָרנ האָט לעווינסאָנס הויז. גאָרנס זעט ליאמ דאָס ערשטע מאָל, אונ ס'איז אימ זייער געפעלנ: מע ווינט ווי פייגל אינ דער הייכ. אבי ער האָט געמיינט, אז גאָרנ הייסט — מע שטעלט איינ שטוב אפּ דער צווייטער, א מאָשל! די ווענט אונ די רישטשעוואניעס

זײַנען אײנס און זײער שטאַרק, מע צעטײלט נאָך דעם הויכן קאַסטן מיט א סטעליע אינדערמיט — װערט א צװײגאָרנדיק הױז.

ליאַם האָט זיך געגרױסט מיט די צװאַנציק ליכטיקע צימערן, מיט די צענדליקער גרױסע פענצטער, מיטן ערשטן צװײשטאָקיקן הױז, װאָס קאַזאַריצקין און אים גיט מען איבער צו פאַרבן.

א מאַגנאַט איז לעווינסאָן, — האָט ליאַם געזען, — א מאַגנאַט: ער האָט טיפע קעלערס אונטערן מויער, און גרויסע אײַזערנע פּרענטעס אף די קעלער-טירן, און שורעס קרײַגלעך מיט סמעטענע, און פּעסער געזײַערטס, און פּאַליצעס מיט קאָרע-פּרײַדיקעס, און שטשורעס גרויסע, װי קעץ. לעווינסאָנס ייִנגל, יאַשקע, אין ליאַמס יאָרן, טראָגט בולפענע כאָלעװוקעס, פּליושענע הײזלעך, רעדט אַזוי קאָל, און מיטן פּעטן פּאָ-נים מאַכט ער האַװײַעס, פּעסטעט זיך — צום כאַלעשן. װי זײ האָבן זיך נאָך דערזען, די ייִנגלעך, האָבן זײ זיך פײַנט באַקומען.

לעווינסאָן האָט געװױנט דערװײַל אין הױז, װאָס אַנטקעגן, א הױז מיט עפּלעכע געשניצטע באַלקאָנען, מיט צװײ קלײנע קיכן מיט רויטע גרויסע הינטער-טירן אינעם מיסטיקן הויף אַרײַן. אין די קיכן האָט זיך ליאַם דערװוּסט, אַז מיטיק הײסט בא דער װעלט צװײ געקעכצן: אַן ערשטס און א צװײטס, — אַמאָל איז גאָר מעגלעך דריטס אויך. פון דר'הײם האָט ער עס ניט געװוּסט, און עקקע האָט'ס פון הרושקע אויך קײנמאָל ניט דערצײלט.

יאַשקע פּלעגט אַרופּ צו ליאַמען אף די גאָרנס זיך רײצן. די הענט אין די פּליושענע קעשענעס, טרײסלט מיט די ליטקעס און געפינט אַלעמאָל עפּעס אין ליאַמען צו כו'זעקן:

— יאַמפּימפּאָך פון קראַקאַשקע, װי טײַער איז לײַזיקער פּלאַקס? — װײַזט ער אף די האָר, װאָס װאַקסן ליאַמען געדיכט אפן שטערן:

ליאַם שט־יט אף א לײטערל און גרינטעװעט די ברײטע קװאַרטירן פון די פּענצטער. ברײט צעלײגט ער דעם בלוילעכן צינקוטס, דרײַ מאָל מיטן בערשטל אין עמער אַײַנגעטונקט, אין דרײַ לענגען צעלײגט — און מיטאַמאָל גיך די דרײַ לענגען פּאַרב צעװינקלט הין און הער, הין און הער, װי אַן האַרמאָניקע.

— בעסער טראָג זיך אָפּ! — זאָגט ער און קוקט זיך קימאַט ניט אום. לײגט יאַשקע די קולעקעס צו די אויגן, קוקט דורך זײ אף ליאַ-מען און צעציט:

— באַלעכעס האָסטו, זאָלן זיי דיר אַרויסקריכן.

— טראָגסט זיך אָפּ? — הייבט ליאָמ אויף אַ בערשטל פּאַרב, — דו כאַפּסט עס באַלד אין ציאָרע אַריין!

— מאַמע! — צעשרייט זיך יאַשע, — דער באַלמעלאָשקע צעגיסט שוין ווידער אונדזער פּאַרב!

דערהערט עס קאַזאַריצקי פון וויַטע צימערן, לויפט ער אַריין, שריַט ער אָפּ ליאָמען, נעמט יאַשקען באַ דער פּלייצע און שטופּט אים, אַרויס:

— גייט, גייט, — אירצט ער אים, — גייט, פּאַניטש, זאָגט דער מאַמען, אַז דער פּאַניטש זאָגט אַ ליגן.

יאַשקע מאַכט פולע שטיק, טרייסלט מיט די געפּאַקעוועטע ליטקעס, שריַט, ברעכט פיסקעס, און מאָרגן קומט ער ווידער.

3.

קאַזאַריצקי און ליאָמ עסן מיטיק באַ לעווינסאָנען אין קיך, טאַקע יאַשקען שיקט מען זיי רופן עסן. נאָר יאַשקע, וואָס האָט שטענדיק פולע קעשענעס מיט לאַקעטקעס, מיט ניס און פּלעצלעך, לויפט בעסער אַוועק אין נאָענטן מערקל, זען, ווי מע האַנדלט מיט טויבן און זינג-פייגעלעך. ליאָמ שטייט קוים איין אַפּן לייטערל, גרינטעוועט — פון גאַנצפרי אין מויל ניט געהאַט, די הענט פאַלן צוריק און דאָס האַרץ כאַלעשט, מע זאָל שוין רופן עסן. אויב קאַזאַריצקי איז ניכטער, וואַרפט ער די אַרבעט, גייט אַליין אַוועק אין קיך, שעלט זיי די קעכן, אַז מע לאָזן זיי זיך לאַנג בעטן, — אַז יאַשקע איז שוין לאַנג אַוועק זיי רופן. נאָר אַז קאַזאַריצקי איז אָנגעטרונקען גלעזל, ווייסט ער שוין פון גאָרניט. האַלט ליאָמע ניט אויס, קריכט פון לייטערל — אַראָפּ, אַרופּ, מישט די פּאַרב, זוכט די שפּאַקליע, ווידער אַרופּ, — נאָר די הענט פאַלגן שוואַך, און סע שווינדלט אין די אויגן.

העט שפּעטער נאָכן מאַרק מיט די זינג-פייגעלעך, אַז אין די קעשענעס גייען אויס די גוטע זאַכן, באַווייזט זיך יאַשקע אַפּ דער טיר און שרייט:

— הײַ, וויפל מאָל דאַרף מען אייך רופן, פּריצים גרויסע!

מע עסט דעם קוים-לעבלעכן סופּ. גאָרטשיצע זעט ליאָמע דאָס

ערשטע מאָל. קאַזאַריצקי שמירט עס אָפּ ברויט, שמירט ער אויך, אַז די קעכן זאָל ניט זען (מע הים זיי אַלץ, זיי זאָלן ניט צופיל עסן). ליאַמע כאַפּט גיך אַרײַן די גאָרטשיצע מיט ברויט און נאָך אומדער-וואַרט טוען אַ שלאָג טרערן.

אין קיך האָט זיך געוואַלגערט אַ שטיק פֿון אַ רוסיש ביכל, אַ זײַט-לעך צוואַנציק, מיט גרויסע אויסיעס: דער פּאַדעם פֿונעם צעריסענעם אײַנבונד האָט זיך שטאַרק געהאַלטן אין קליי. אָט דאָס שטיקל בוך האָט ליאַמע געלייענט. באַם עסן געלייענט, און פֿאַרן אַוועקגיין אַרונ-טערגעוואָרפֿן עס אונטער דער קעכנס קאַסטן-געלעגער, ער זאָל עס מאָרגן ווידער קאָנען לייענען. די היים מיט אַלע מאָרעשכוירעס און אומגליקן האָבן אַרויסגעקוקט פֿון אָט דעם שטיקל בוך, ווײַל אין די בלעטלעך האָט זיך דערציילט וועגן אַ שיף אָפּן שטורמישן יאַם, וואָס האָט ליאַמען דערמאָנט אין זײַן טאַטן. ליאַם האָט געגאַרט אין די בלעט-לעך צו געפֿינען די סוידעס פֿון זײַן טאַטנס מעשונעדיק לעבן, וואָס איז פֿאַר אים אַזוי פֿאַרהוילן און פֿאַרדרייט, ווי אַלץ, וואָס באַ זיי אין שטוב איז פֿאָרגעקומען מיט די אייגענע, לײַבלעכע.

ס'איז אים דאָ קאַלט, כאָטש ס'איז הייסער זומער. קאַזאַריצקי איז אונטערן גלעזל און שווײַגט: עפּשער, ווײַל גײַלאַ איז ניט געקומען. אַהיים ציט צו דער באָבען, צו פּעטריקן, צו סאַלין, צום בוג מיט די באַשטאַנעס, מיט די שטיינ-בערג אָפּ די פֿעלדער.

ס'איז אים קאַלט, און ער טראָגט דעריבער דאָס וואַטעווע רעקל, דאָס ווינטערדיקע, און ער זעט אויס, ווי נאָך אַ קרענק.

זיצט ער, ליאַם, און לייענט דאָס שטיקל ביכל, זעט דעם טאַטן, ווי ער קומט פֿון אַ ווײַטן קאַנט. לויפֿט אַרײַן יאַשקע און רײַסט אַרויס די בלעטלעך. באַם עק פּאָדעם צעוויגט ער זיי, צעדרייט זיי, אַ ווינט ווערט אין קיך. איז ליאַם אופּגעשפּרונגען, אויסגעריסן די בלעטלעך: דער פּאָדעם, וואָס איז יאַשקען פֿאַרדרייט געוואָרן אַרום פֿינגער, האָט אַ שניט געטאָן; יאַשקע האָט אַרויסגעלאָזט זײַן שרעקלעכן קוויטש און זיך אַ וואָרף געטאָן אָפּ דר'ערד.

מער האָט מען ניט באַדאַרפֿט. באַלד זײַנען אָנגעלאָפֿן די דערשראָ-קענע מאַמע, שוועסטער און ברידער — מיט אַ „וואָסי", מיט אַ ליאַ-רעם, מיט אַ געשריי. דער כאַפּט וואַסער, דער כאַפּט אים צעשפּיליען; מע הייבט אים, מע שלעפּט אים, און ער, יאַשקע, פֿאַרגייט זיך, מאַכט

שרעקלעכע האַווײַעס, ווײַזט אַפּ ליאַמען. די עלטערע שוועסטער האָבנ ליאַמענ געכאַפּט, אים געהאַלטנ אונ געבעטנ זיכ:

— נעם, יאַשקע, נעם קלאַפּ אים אָנ. נאַ, צייל אים אַרײַנ, אַזוי, אַזוי, לייג אים אַרײַנ, מיר האַלטנ אים.

א שײַנענדיקער, א פּעטער, גלײַכ די גאַנצע געשיכטע איז געווענ אַנ אָנשטעל, ער זאָל ליאַמענ קאָנענ אָנבויכנ, — האָט ער מיט די קולע-קעס אים קאַדויטשעט, וווהינ ער האָט געפּאַקט.

פונ דעמלט אָנ זײַנענ די ייִנגלעכ געוואָרנ גרויסע סאָנים אונ גע-סטאַרעט זיכ וואָס ווייניקער באַגעגענענ; אויב זיכ באַגעגנט, איז ניט אָפּטרעטנ אײנער דעמ צווייטנ דעמ וועג. אַזוי איז עס געקומענ צומ געפערלעכנ פאַל.

4.

ליאַמ האָט די זומערדיקע טעג ניט אַרויסגעזוענ. אָנ שמועסנ, אָנ מײַ-סעס — די אַפּדערנאַכטנ. פונ גײַלאַנ האָט מענ געהאַט א ווײַטנ גרוס, אַז ער האָט געשאָסנ א גובערנאַטער, איבערגערעדט א פּאָלק אונ געוואָרנ א קאָמאַנדיר, — האָט מענ אים געפּאַקט אונ געהאַנגענ. צי ס'איז עמעס — האָט קיינער ניט געקענט דערגיינ. — קאַזאַריצקי האָט זיכ שוינ אָפּ ליאַמענ פאַרלאָזט מיט דער וויכטיקסטער אַרבעט: „פּאָוו-טאָרענ", אַפּילע „דעקנ". „דעקנ" דאַרפ מענ שוינ זײַנ א מײַסטער. כאָטש ליאַמס פלינקע האַנט האָט געאַרבעט געניט, מיט פלײַס אונ ווילנ — דאָכ האָט דאָס האַרצ געטיאָכקעט באַמ „דעקנ".

צומ סאָפּ זומער האָט ער זיכ געהאָפּט דערשלאָגנ, מע זאָל אים אויכ די „פּלייצ" פאַרטרויענ. דערווײַל האָט קאַזאַריצקי אים אָנגעהויבנ ווײַזנ, ווי אַרומצוגיינ מיטנ גומי אונ קעמל באַמ אַרבעטנ „פּאָד דוב". ס'איז זייער א שיינע אונ איידעלע אַרבעט. צוגרייטנ בויגנס פאַר טראַ-פאַרעטנ האָט ער שוינ געקענט נאָכ פונ טאָדרעסנ, כאָטש ס'האָט אים נאָכ געפעלט קענענ אויסשנײַדנ ווינקלענ פאַר ווענט אונ סופיטנ, אויס-מעסטנ אונ שליסנ פּאַרקעט-קאַנטנ פונ פאַרשיידענע פאַרבנ.

געקומענ די צײַט זיכ נעמענ צומ דאַכ. ליאַמ גרייט מעדיאַנקע, שפּאַקליאָווקע, גרויסע בערשט מיט שטעקנס, צוויי לייטערס בינדט מענ צונויפ איינס מיטנ צווייטנ, אונ דאָכ דערגרייכנ זיי קוימ. דער דאַכ

האָט אימ א ביסל געשראָקנ; כאָטש די גאנצע צײַט האָט ער געטראכט: „ווענ שוינ וועלנ מיר ארופ...“

דער ערשטער איז ארופ קאזאריצקי. ליאמ האָט אימ אפ א שטריק אלצ דערלאנגט, דערנאָכ האָט ער זיכ אויכ געהויבנ. דאָס ערגסטע איז אָפלאָזנ מיט די פיס דעמ לייטער אונ ניט זיכער זײַנ, אז די רינגווע אינ דער לענג פונ דאכ, אינ וועלכער מע כאפט זיכ אָנ, וועט אויסהאלטנ. זי קענ זיכ גלאט אויסגליטשנ פונ די הענט...

אפנ דאכ האָט ער דערמלט דאָס ערשטע מאָל דעמ ליכטיקנ זומער דערזענ: א זוניקע שטאָט, צווישנ וועלדער אונ טאָלנ, טײַכלעכ פרײַלעכע פינקלענ; אזא שיינקײַט ארומ אונ ארומ, אזא וווּנדער פונ א זומער. א מיל מיט א הויכנ קוימענ זעצט מיט רויכ, פויערימ מיט פורנ אפ לאנגע שליאכנ; אונ אינ א הויפ ביט ביימער טאנצנ, טאנצנ צוויי פינטעלעכ, גיסנ זיכ צונויפ, צעגיסנ זיכ אונ שפרינגענ איינס איבערנ צווייטנ — צוויי הינטלעכ שפּילנ זיכ דאָרט. ווענ יענע מיל שטייט ניט, וואָלט ער געוויס ארויסגעזענ זײַנ היימ אויכ, זײַנ שטאָט אונ זײַנ שטוב. עפשער וואָלט די באָבע ארויסגעגאנגענ, אונ ער וואָלט זי דערקענט.

האלב-אָנגעבויגנ מוז מענ זיכ האלטנ אפנ דאכ, אונ פארבנ מוז מענ דאָ, ליגנדיק אפ א זײַט, אונ פארקוקנ זיכ אראָפ — טאָר מענ ניט. מע דארפ וויסנ, ווי מע געפינט זיכ: ס'איז גרינג דער קאָפ זאָל זיכ פארדרייענ, אונ די פיס זאָלנ ווערנ גליטשיק.

די היצ פאשעט פונעמ בלעכ, אונ די פאסנ פארב, וואָס מע לייגט אוועק, ווערנ די רעגע צעפארעט אונ צעקאָכט, רינענ ווי שיטעריצע, שטינקענ אונ מאכנ דעמ דאכ זייער גליטשיק.

טראָגט עס אָנ יאשקענ. ער שרײַט ארופ, נאָר ליאמ קוקט זיכ אפ אימ ניט אומ. אינ אזא מעכוקנ הייכנ טאָג איז מעדיאנקע די ערגסטע פארב, טשאדעט אונ נעמט דורכ מיט כאלאָמעס אלע אייווּרימ. זיכ האלטנ אפנ דאכ דארפ מענ זײַנ א בעריע. קאוואריצקי אונ ליאמ האָבנ אויסגעטאָנ די שקראבעס, ווײַל באָרוועס איז בעסער זיכ קלאמערנ צומ בלעכ. מע בײַט די פיס, וואָס שנייענ ווי אפ גליִענדיקע קוילנ: א העליש פײַער ברענט אינ זיי. פלוצעמ טוט ער א פאל, א קלאפ, א ציטער דער בלעכענער דאכ: יאשקע האָט ליאמענ געוואָרפנ א שטיקל ציגל. ליאמענ האָט א זעצ געטאָנ אינ הארצנ, אונ אונטנ צעגיסט זיכ גאָר א געלעכטער.

ליאָם האָט געכאַפּט דעם עמער מעדיאַנקע און האָט אים איבער־געדרייט אַראָפּ, אַפּ יאַשקעס קאָפּ. אַ קוויטש האָט אויפגעגרילצט, גלײַך מע קוילעט אַ כאַזער. ליאָם האָט פאַר אויפרעגונג ניט געקאָנט זיך אויס־דרייען צוריק צו זײַן אָרט. ס'האָט אַ האַק געטאָן אין די קני, — ער האָט מיט אַ בליק געכאַפּט, ווי די לעווינסאָנס לויפן זיך דאָרט צונויף מיט אַ ליאַרעם... אין די אויגן האָט אַ שווינדל געטאָן, די פיס האָבן זיך אויסגעגליטשט — און ער איז אַראָפּגעפלויגן אַפּ די לעווינסאָנס אָנ־געבויגענע פּלייצעס.

טשוועקעס

.1

געלעגן און געלעגן איז ער בא דער באָבען אין אלקערל, — אָבער גאַנץ איז ער געבליבן. דער זומער נאָר האָט אים שטארק באַנג געטאָן, דער טײַך און די באַשטאַנעס, דער בארג, ווו סע וואַקסט דאָס פעטע אײַזן, וואָס פרעמדע מענטשן זײַנען ווידער אראָפּגעקומען באַקוקן. גוט, וואָס ער זיצט כאָטש גאַנצע טעג און אפּדערנאַכטן אין דרויסן, און ווען זײַן קאָמפּאַניע איז ארום אים ניטאָ — איז ער ארײַנגעטאָן אין לייענען ביכער. סע ציט אָבער, סע גלוסט זיך עפּעס רעכטע ארבעט טאָן; די ביינער פאַרהיילן זיך, און פאַרן זומער, זאָגן אַלע, איז ער גאָר געוואָרן א גרויסער און קרעפּטיקער.

אַז ער האָט שוין געקענט ארומלויפן, האָט די באָבע אים געפירט צו קאַטראָכן, דער גראָבילעכעס אײדעם, אים צו פאַרדינגען:

„א מעשאָרעס איז גרינגער, — האָט זי געזאָגט, — וועסט גיכער ווערן א לײַט".

קאַטראָך האָט זיך געקווענקלט: „נאָך צו יונג, צו שוואַך"... נאָר צום סאָף האָט ער געזאָגט:

— מיילע, לאָז ער גיין אפּן סקלאַד. אָבער מיט איין טנאַי: דרײַ יאָר דאַרף ער בא מיר זײַן — אַנדערש נעם איך ניט צו. „כאַרטש" באַקומט ער שוין פון ערשטן טאָג, און פאַרן צווייטן יאָר באַקומט ער צען רובל, פאַרן דריטן — אויך צען רובל.

קאַטראָך האָט מיט דער ברייטער האַנט א נעם געטאָן ליאַמען באַם געמבעלע, אים אויפגעהויבן דאָס קעפּל און געזאָגט:

— אויב דו וועסט ניט זײַן קיין סמאַרק, וועסטו בא מיר קאָנען ווערן אַן ערלעכער מעשאָרעס. אָט מיט די צען פינגער האָב איך עס אַלץ דערגרייכט: כ'האָב געפּאָלגט דעם באַלעבאָס אין פײַער און אין וואַסער, זיך געלאָזט מאַקריוו זײַן פאַר אים, און זיך אויסגעדינט!

געדענק! קוקנ אומעטומ נאָכ די מעשאָרסימ, אונ טאָמער עפּעס — קומענ אונ דערציילנ.

אפנ סקלאַד איז אָבער ניט אזוי געגאנגענ, ווי ליאמענ האָט זיכ פאָרגעשטעלט.

דאָרט זיינענ געווענ זיבנ ארבעטער, וואָס האָבנ געהאָרעוועט, ווי די אָקסנ, אונ ארבעט איז געווענ פאר נאָכ אזעלכע זיבנ; יעדערער פונ זיי האָט ליאמענ אופגענומענ פארשיידנ.

איינער אפנ אנדערנ איז ניט ענלעכ געווענ: ניט מיטנ רעדנ, ניט מיטנ וווקס. נאָר מיט איינס איז מענ געווענ ענלעכ: מיט דער סינע זייערער צו די באַלעבאטימ.

איינער, מייערל שפאנ, דאר אונ הויכ, — „דער ארשינ״ — האָט מענ אימ גערופנ (האָט זיכ אונטער יעדנ זאק אונ קאסטנ צונויפגעלייגט אינפּירנ), — האָט פונ צווישנ די שווארצע וואָנצעלעכ א זיפצ געטאָנ:

— שאט, קאטראָכנ איז צוגעקומענ נאָכ א וואנצ.

ער האָט עס אזוי כיינעוודיק געזאָגט, אז ליאמענ איז מיטאמאָל געוואָרנ היימלעכ. מע האָט דאָ גערעדט זייער שארפע רייד. געפעפּערלעכע רייד וועגנ באַלעבאטימ. שטילערהייט האָט עס ליאמענ אי האַנאָע געטאָנ, אי געשראָקנ.

די גוואלדאָוונע שווערע פעסער, וואָס מע פלעגט דארפנ הייבנ פונ סקלאַד אינ דרויסנ ארויס אונ פונ דרויסנ אינ סקלאַד ארייַנ, די קאנאטנ, אפ וועלכע מע נעמט אָט אָ די בערנ — זיי האָבנ ניט געפאסט צו ליאמס שטרויענ קערפערל מיט די דינע הענט אָנ דלאָניעס, הענט פונ הוילע, אומרויקע, דינע פינגער.

די פודיקע קאנאטנ, די צענפודיקע מאסעס האָבנ געפאָדערט גוואלדאָוונע קויכעס, ריזיקע לאפעס. ליאמ האָט זיכ נאָר געפלאָנטערט פאר די פיס.

סראָל, דער קרעפּטיקער, מיט א געקאָוועט פּאָנעמ, ווי א קאָוואדלע, מיט הענט, וואָס דערמאָנענ בינדיוגישע פרענטעס, הענט אקשאָנעסדיקע, וואָס קאָנענ, — אויב זיי ווילנ נאָר, — וואָס קאָנענ אלצ, — סראָל האָט קונציק ארויפגעשטעלט א זאק זאלצ אונ מיט געהאקטנ אָטעמ ארייַנ אינ שמועס:

— דאָס, וואָס ער זעט אויס ווי א וואנצ, — האָט סראָל געוויזנ אפ

ליאמען, — איז גאָר קיין רייַע ניט. אָט, לעמאָשל, בא אונדז זייַנען די ברידער געוועזן ריזן, און אינוויינּיק האָט געפוילט. בא דרייַסיק, בא עטלעכע און דרייַסיק יאָר, אַז אַ ברודער איז אַלט געוואָרן, האָבן מיר שוין געוווּסט — ער איז פּיפּטער. פינף האָב איך געהאַט — ליגן זיי פינף. איצט גיי איך — דער זעקסטער. ערגעץ ליגט ער, — דער טויט, אין אונדז, אין אַ ווינקעלע, טוט שטילערהייט זייַן אַרבעט, ווי אַ געניטער גאַנעפעץ. מיטאַמאָל וועט ער מיך אַ כאַפּ טאָן, געזונט און שטאַרק, ווי כ'שטיי און גיי. — היי, יינגעלע! באַווייַז נאָר די הענט דייַנע! איר זעט — מוזיקאַנטסקע פינגער!

— ער וועט שפּילן, — האָט זיך „דער אַרשין" אָפּגערופן, — מיט קאַנאַטן איבער פּעסער — אַז אַ רויִק וועט גיין. זאָג נאָר, טאַכשעט אײנער: אַף אַ יאָר מיט קעסט, מיט וויפל קליינגעלט?

— אַף דרייַ יאָר מיט קעסט... — ענטפערט ליאַמ פאַרשעמט.

דער אַרשין האָט זיך מאָדנע צעלאַכט, די אַנדערע האָבן אַ ווײַלע איבערגעריסן די אַרבעט און ליאַמען אָנגעקוקט. ליאַמען האָט שטאַרק פאַרקלעמט באַם האַרצן, אַן אומפאַרשטענדלעכע מוירע איז אַף אים געפאַלן: עפּעס קומט עס אויס, אַז מע איז געפאַנגען, טאָמער דינט מען בא יענעם? וואָס רעדן זיי אַזוי שווער און וואָס מיינען זיי דערמיט?

— אַז אָך און ווי, — האָט זיך דער אַרשין אַ בייג געטאָן אינפירן. — דעם וואָרעם איז קאַרג — זוכט ער זיך נאָך קליינוואַרג... יינגעלע, הער — מע וועט דיך דאָ פילנעווען מיט פריצישע פּאָטראַוועס: מייַזנקויט מיט אינדיקזוימען, — אַנטלויף אַהיים צו דער מאַמען...

— טשעפּע זיך אָפּ, זייַן מאַמע איז געשטאָרבן.

— אַזוי-זשע זאָג!.. פאַר אַזעלכע איז גראָד קאַטראָך דער בעסטער באַלעבאָס. אויב מע איז אַ לייַט, קאָן מען בא אים אויסוואַקסן אַ גוטער אויסוווּרף.

פונעם אַרשינס אייגלעך האָט געפינקלט אַזאַ שפּילנדיקער כויזעק, אַז ברויגעז זייַן אַף אים האָט מען ניט געקענט.

סראָל האָט ליאַמען געשטעלט לעבן זיך און אים מעכאַבעד געווען מיט צעפּלאָנטערן שטריק. ער האָט שווער געזאָגט:

— הער זיי מיטן קאָטער. ס'איז עמעס, די קאַטראָכס האַלטן ברויט אַפן שלאָס, — נאָר מע פייַפט זיי אָן: דער שלאָס איז קאַליע.

די נײַע דינסט שווײַגט, ווי א מאמינקע, די פריערדיקע האָט געכאפּט דעם פּסאק, מע האָט זי פונעם אָרט אוועקגעטראָגן. „זי וועט ניט לאָזן גאנווענען קיין ברויט", — האָט זי געשריגן. האָט מען איר דאָס מויל פארמאכט... די קאטראָכס האָבן געמאכט א טומל אין שטוב, געטיש־קעוועט, קיינער זאָל ניט וויסן, — נאָר די גאנצע שטאָט האָט שוין געוואוסט דערפון. און מיר האָבן אונדזערס געטאָן: זיי האָבן געהאנגען א שלאָס אפן ברויט — מיר רײַסן אים אוף און מאכן אים קאליע; אזוי עט־לעכע מאָל — ביז מע האָט געלאָזט הענגען דעם קאליע שלאָס.

.2

מע האָט ליאמען געשיקט צום באלעבאָס נאָך טשוועקעס פאר די גרויסע קאסטנס, וואָס מע דארף אָפּשיקן מיט דער באן.

קאטראָך איז געשטאנען בא דער קאסע און בייז געבורטשעט אפ דער שוויגער, דער גראָבילעכע, וואָס האָט געגלאנצט, ווי א ליאלקע, און בייז אונטערגעהונקען. ליאם האָט פונווײַטן בלײַבנדיק איבער־געגעבן וואָס ער וויל.

— קום אהער נעענטער, זאָג איך, — אָטהער! — האָט זיך געביי־זערט קאטראָך. ליאם איז ניטווילנדיק צוגעגאנגען.

— נו, מאך ניט קיין פוילע שטיק, ארויס מיט לאָשן! — און קאטראָך האָט אים באם אויער אָנגענומען. ליאם האָט זיך געמוזט אופהייבן אפ די שפּיץ פינגער. — נו, וואָס שווײַגסטו, טאכשעטל, — אבי כ׳האָב געמיינט, ביסט א קלוגער באָכער, — דערצייל!

ליאם האָט זיך אָנגעבלאָזן, די אָנגעדראָלענע, צעשמיסענע הענט־לעך האָבן געציטערט. קאטראָך האָט זיך צו אים אײַנגעבויגן:

— וואָס, דו שעמסט זיך? נו, מיילע, מירן אן אנדערש מאָל זיך דורכשמועסן. גיי, זאָג: כ׳הייס ארויסציִען די טשוועקעס פון די אלטע קאסטנס — ס׳איז דאָ דאָרט גענוג! נאָר צעטרענצלען קאָנען זיי! פארלאָז זיך אפ מענטשן! נו, גיך, פארנעם זיך מיט די שמאטעס! זאָג, סראָל זאָל ארופ אפן בוידעם, דאָרט ליגן גענוג קאסטנס. מארש! די פורן ווארטן. איינס־צוויי — זאָל מען עס מאכן!

מיט דעם זעלביקן אימפּעט האָט ליאם עס איבערגעזאָגט אין סקלאד. דער ארשינ האָט זיך צעוויגט:

— ער שפּאַרט, דער הונט. ארויסציִען וועט געדויערן א פּאָר שאָ, אונ די פורנ ווארטנ שוינ. א כאָליערע אפ אים.

סראָל איז ארופ אפנ בוידעם, ליאמ איז אים נאָכגעקראָכנ. זײַנע אויגנ האָבנ זיך צעברענט—אויצרעס האָט ער דאָ דערזענ: קעסטלעך, ברעטלעך, פושקעס איבערגעפּלאָנטערט אינ רייפנ אונ בלעכענע טאש-מעס. וואָס קאָנ מענ ניט מאכנ דערפונ?!.. אינדר'היימ פלעגט ער זיך די פינגער בײַסנ פאר א ברעטל! דאָס מעסערל אינ קעשענע האָט ער מיטאמאָל דערפילט.

סראָל האָט דעמ ווונדערלעכנ שניצ־מאטעריאל געוואָרפנ, ווי האָ־לעשקעס, אויסגעזוכט די גאָר גרויסע קאסטנס אונ געצויגנ די טשוועקעס. ליאמ האָט, ווו מע דארפ, צוגעהאלטנ אונ די טשוועקעס אראָפּ-דערלאנגט אראָפּ.

אונטנ איז געוואָרנ א גערודער: דער באלעבאָס איז אָנגעקומענ! קאטראָך איז זשוואווע ארומגעשפּרונגענ אונ זשוואווע לאָשנ איז אימ געשפּרונגענ פונעמ מויל.

— וואָס איז דאָס קלײַבעניש? שוינ לאנג באדארפט פארטיק ווערנ! מע וועט נאָך איבער אײַך פארשפּעטיקנ אויך! איר וועט אוואדע באצאָלנ פאר די פורנ, ווער דענ?.. בײַדעקעס שלאָגט איר מע קאָנ שיינ אָפּשוויצנ איבער אײַך!.. גיי, האלט מענטשנ!..

אלע האָבנ אײַנגענומענ שטומעניש—נאָר די ארבעט האָט גע־טראסקעט, געפלויגנ פונ די הענט. ליאמ האָט פלינק אראָפּדערלאנגט די טשוועקעס דורכנ בוידעמ־לאָך. פארפלאָמט, פארשוויצט; ער האָט זײַנ וויכטיקײַט אינ איצטיקנ מאָמענט פארשטאנענ, געוווסט, אז די שנעלקײַט פונ דער ארבעט איז א סאך געווענדט אינ אימ. דער באַ־לעבאָס האָט א הוק געטאָנ, ווי א גאזלענ, צומ בוידעמ ארופ:

— גיכער די טשוועקעס דאָרט, גיגזל איינער! נו־שוינ?.. ווי ער רירט זיך עס א ביסל!

אונ דאָ געשעט ווי אפצולאָכעס: ליאמ האָט ניט וואָס אראָפּצו־דערלאנגענ. פונ גרויס אײַלעניש האָט זיך סראָל פארבאָברעט צווישנ די קאסטנס אונ קיינ טשוועקעס שלעפּט ער ניט ארויס. ליאמ לויפט צו אונ דערשרעקט זיך: סראָל זיצט אונ שלעפּט פונ פוס א טשוואָק—בלוט אפנ פוס, אפ די ברעטער, בלוט רינט פונ דער ווונד.

— זע, א פארזשאווערטער!—ווײַזט ער ליאמענ א קרומענ, פאר-

בלוטיקטנ טשוואָק, — ווײסט, וואָס סע הײסט, ליאמ?.. וואָס האָווקעט ער דאָרט, דער הונט?!

— ווו ביסטו דאָרט, סמאַרקאטש! — שרײַט קאטראַכ ניט מיט זײַנ קאָל.

מיט ליאמענ ווארפט דאָס קאדאָכעס, וואָס זאָל ער טאָנ? ער כאפט א פארבלוטיקטע ברעט אונ ווארפט זיכ צומ בוידעמ־לאָכ, שרײַט פארצווייפלט אויס:

— ניטאָ קײנ טשוועקעס! סראָל האָט זיכ פארשטאָכנ, — אָט!

— א געדולע אפ דער באָבענ! געפונענ א צײַט! די פורנ ווארטנ!

סראָל האָט אויסגעריסנ א הויזנקעשענע, זיכ פארבונדנ דעמ פוס אונ ווידער געצויגנ טשוועקעס. ער האָט אָבער ניט געקאָנט אײַנשטײנ, אונ די שמאטע האָט דורכגענעצט. ער האָט צוגעהונקענ צומ בוידעמ־לאָכ אונ גענומענ אראָפקריכנ. אנ אנדערער איז ארופ.

אפ עטלעכע ברעטער האָט ליאמ געזענ דאָס בלוט, נאָר ניט דאָס האָט אימ באומרויקט. ס'איז אימ אזוי אומפארשטענדלעכ דער געדולד, די רויקײַט, וואָס ער האָט געזענ אפ סראָלס פּאָנעמ — סראָל האָט נאָר פארקלעמט דאָס מויל אונ עטוואָס אפ א רעגע צוגעמאכט די אויגנ.

קאטראָכ האָט אונטנ א קראקע געטאָנ. א שפרונג הינ אונ הער, ווי א פויגל אינ א שטײַג, אלעמאָל ארופגערוקט מיט בײדע הענט דאָס בײַכל, גלײַכ ס'האָט זיכ געהאלטנ אינ אײנ אראָפגליטשנ. די מײַסע האָט אימ ניט געשמעקט.

— אָט האָסטו דיר! — האָט ער אויסגעשאָסנ, צוגעשפרונגענ אונ צוריק אָפּגעשפרונגענ. — וואָס ווילט איר פונ מײַנ לעבנ?! גאָר טשוועקעס פונעמ בוידעמ! אנדערש קאָנ מענ שוינ גאָר קײנ טשוועקעס ניט קריגנ? גײ הייב מיט זײ אָנ! מעשוגע קאָנ מענ פונ זײ ווערנ!

סראָל האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפּ פונעמ צעקאליעטשעטנ פוס, אויסגעבאנקעוועט א פּאָר אויגנ פול מיט סינע:

— איר האָט דאָכ אלײנ געהײסנ!

— וואָס געה"סנ? ווענ געהײסנ?! ווו זײַנענ אײַערע קעפּ? כ'האָב געהײסנ נעמענ טשוועקעס אונ פארקלאפּנ! ווידענ, אָפּענעד־הײט זאָל מענ אָפּשיקנ?..

סראָל האָט גענאָטנ, ער האָט ווילד די אויגנ א ריב געטאָנ אײ־

בער די ארבעטער, וואָס זײַנען געשטאַנען אָנגעשטרענגט, גרינג און גערן פון פאַרבאָרגענער סינע און צעפּיקעניש. קאַטראַך האָט אַ שפּרונג געטאָן צום לייטערל, ווו ליאַם איז אַ פאַרשטיינערטער געשטאַנען, און אים בײַ דער טשופּרינע אָנגעכאַפּט:

— באָלוואַן, זעסט, וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט! פאַרזשאַווערטע טשוועקעס האָב איך דיר געהייסן?!.. אַפן בוידעם האָב איך דיר געהייסן?!

ליאַמען האָט געהאַקט אין די קני, ער האָט עפּעס געמרוקעט. ער האָט עפּעס אָנגעוויזן אַפן בוידעם, נאָר דער בוידעם און דער גאַנצער סקלאַד מיטן באַלעבאָס, מיט סראָלס פּוס, זיי זײַנען געגאַנגען כאָדראָם פאַר זײַנע אויגן.

דער אַרשין איז צוגעגאַנגען און אים אַ טרייסל געטאָן:

— פאַרוואָס האָסטו ניט געבראַכט קיין טשוועקעס.

— זיי...—האָט ליאַם, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, כליפּענדיק געוויזן אַפן באַלעבאָס,—זיי, דער באַלעבאָס, האָבן געהייסן שלעפּן פון די קאַסטנס אַפן בוידעם.

קאַטראַך האָט מיט ביידע הענט אַרופגערוקט דאָס בײַכל, ווי גלײַך ס'האַלט זיך אין איין אַראָפּגליטשן פון פאַרדראָס און עקל, ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, זיך פאַרקרימט, אַ שמייכל געטאָן:

— כ'בעט אײַך... כ'האָב אײַך אַלע אינדר'ערד!..

קאַטראַך איז אַרויסגעשפּרונגען פון סקלאַד. דער אַרשין האָט טייקעף נאָך אים אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ:

— כעוורע, ער גייט צום פּריסטאַוו.

3.

סראָל איז אָפּגעלעגן אַ טאָג צוויי. ווען ליאַם איז איינמאָל מיטן אַרשין געקומען צו אים אין שפּיטאָל, האָט ער דערזען, אַז פון סראָלן איז שוין גאָר ווייניק געבליבן: נאָר דער שאַרבן-קאָפּ און די מאָזאָליעס-קניפּן אַף די אויסגעדאַרטע הענט. אַ מענטש זאָל קאָנען אַזוי אַראָפּ! וווהין איז ער אהינגעקומען, סראָל? וווהין איז אהינגעקומען זײַן גרויס, קרעפּטיק לײַב?

סראָל האָט קרעכציק קוים געכריפּעט. זײַנע אויסגעלאָשענע אויגן

האָבן געוואָלט שמייכלען אָדער שעלטן, און ניט געקאָנט; דער ארשינ און ליאמ האָבן זיך צוגענייגט צו אים און האָבן געהערט:

— הא?.. כ'האָב פּײַנ אָפּגעשניטן? נאָך אפילע צו די דרײַסיק ניט דערצויגן. אזא סאָפּ... קאטראָך האָט געבראכט מאראנצן... שווײַגט אים ניט... שרײַבט מײַנ מאמען. פּארקויפט מײַנ אָנטאָן... שיקט איר אָפּ... אפ טאכריכים... זי מוז איצט פונ הונגער אויסגיין...

אינ קאָרידאָר האָט א זיצערקע דערציילט דעם ארשינ, אז שאַבעס זײַנען געקומען קאטראָך מיט דער גראָבילעכע מעוואקער-כוילע זײַנ סראָלן און אים איבערגעגעבן עטלעכע מאראנצן. — קוים האָט ער זיי דערזען — איז א רועכ ארײַנ אינ אים, ער האָט זיי אָפּגעשפּילט אזא באָרעכאבע, אז זיי זײַנען טייקעפּ, ווי אָפּגעבריטע, ארויס צוריק.

מען איז אוועק צום פּריסטאוו, מע האָט צונויפגעשטעלט א פּראָטאָקאָל און צוגעצויגן נײַע איידעס. ליאמען האָט מען אלע טאָג געשלעפּט אהינ, געפּײַניקט, ער זאָל זאָגן, וואָס מע הייסט, און ניט וואָס ער ווייסט. ליאמ האָט זיך מיטאמאָל אראָפּגערוקט, איז געוואָרן אויסגעדעוועוערט, מיט גרויסע אויגנ־רעדער. פּעטריק האָט אים געזען און דערציילט דער באָבען.

איז זי געקומען פּארנאכט, געווארט אינ דרויסן באם סקלאד, אײַנגעגנורעט אינ שאל. ווען ליאמ איז צוליב עפּעס ארויס, האָט זי אים א רופ געטאָן, הארציק־פּארזאָרגט געשושקעט איבער אים, א פּאָר ווארעמע מאלײַעס אים ארײַנגערוקט אינ קעשענע און מיט א געבראָכן הארצ צוריקגעגאנגען.

צווערשט האָט קאטראָך זיך געכיינדלט צו ליאמען, אפילע אָנגעהויבן אים געבן א ליכטל אינ קעלער, וואָס איז דרײַ גאָרן טיפ אינ דער ערד, און ליאמ האָט מוירע צו קריכן אהינ. קאטראָך האלט דאָרטן די זייפ, זי זאָל שווער זײַנ אפ דער וואָג. שטענדיק, ווען ליאמ דראפּעט זיך פונ דאָרטן אינדרײַען געבויגן מיט די שווערע, באפּראָסטיקטע ברוסן זייפ, וואָס האלטן זיך אינ איינ גליטשן — פּאַלט שיר דאָס הארצ ארויס פונעם כאשכעס און פּיטש-נאסקײַט. און איצט, איז ער גאָר קוצעניר־מוצעניו, קאטראָך, ער גיט אים אהינ א ליכטל.

— גיי שוינ עסן, גיי שוינ. מע דארפּ דיר מאכן שטיבלעטן צום ווינטער. עס, עס! אזוי האָב איך ליב. ווערסט עסן אפביידע

באקנ, וועט די ארבעט קנאקנ! ווייסט שוינ, וואָס דו האָסט צו טאָנ באם פּריסטאוו, הא?

נאָר ליאמ האָט באם פּריסטאוו אזוי שלעכט געוואָגט, אזוי ביטער, אז קאטראָכ האָט אפּ צוויי טעג פארגעסנ אימ עסנ צו געבנ, אונ אימ גאָר געשיקט דעמ קעלער רייניקנ... צוויי טעג האָט ליאמ גע־רייניקט דעמ קעלער ביז שטאָקנאכט. אפנ דריטנ, איז קאטראָכ אויכ אהינ אראָפּ, געפונענ עפּעס אנ אויסרייד אונ ליאמענ אזוי צענעריקט, אז ער האָט זיכ קוימ א לעבעדיקער ארויסגעראטשקעוועט פונעמ קעלער.

מיט אונטערגעהאקטע אויגנ, מיט א צעקוועטשט פּאָנעמ, איז ליאמ שוואלפיאָמ אוועק אהיימ.

קאמפ

1.

ליאמ האָט זיך שוין מער מיט שניצערײַען ניט פארנומען; גאַנצע טעג זיך ניט געקאָנט קיין אָרט געפינען, אומגעדולדיק געוואַרט אפ די אָוונטן, ער זאָל קאָנען הערן, וואָס די פריקאַשטשיקעס זאָגן, וואָס מע רעדט וועגן סראָלס טויט און וועגן די אָנגעגעבענע פאַפּירן און וועגן דער פאַרהוילעניש, וואָס ליגט אינעם אַרשינס מויל פאַרשלאָסן אונטער זיבן שלעסער, און וואָס מע רעדט עס אַרויס בעסאָד: „שטרײַק".

די באַטאָגן איז ער געזעסן בא געלע-גאָלדען אין דער קאַלטער שטוב און געהאָלפן זײַן ברושקען אויסקלײַבן קימל־ריעשקעס פון ווייץ. פון די ווענט פון דער שטוב האָט אפילע אין די הייסטע זומער־טעג געבלאָזן מיט קעלט, כאָטש זיי זײַנען גאָרניט נאַס — נאָר מעסוקן אַלט און מעסוקן גראָב. פון שטיינער פילפודיקע, וואָס נאָר אין דער צײַט פון פאַנשטשינע, מיט די הענט פון הונדערטער קנעכט, האָט מען געקאָנט אַזוינס צונויפטראָגן און אופהייבן!.. ווער ווייסט וויפל די מעגושעמדיקע פעסטונג-ווענט זײַנען אַלט! מע זאָגט, — נאָך פון דער טערקישער מילכאָמע...

ליאמען איז פון שטענדיק אומהיימלעך אין אָט דער שטוב. אומהיימלעך אָט די קרעטשמע, וואָס פאַרנעמט א האַלבן מאַרק, און נאָך אומהיימלעכער זײַנען געלע-גאָלדעס קינדער. אפילע כאַסקל, וואָס לערנט זיך אין האַלטע אין גימנאַזיע. מע שנועכט שוין ניט פון בערעלע קאַטשקע, הייבט ער אָן אַרומקלעטערן איבער די הויכע באָנטינעס, וואָס האַלטן זיך קוים — וועט יעדערער זאָגן: א מאַלפּע, און סאַלי מיטן שאַלעכל!..

ס'זײַנען דאָרטן געזעסן צוויי צענדליק מיידלעך, עלטערע און יינגערע, שטענדיק פריילעכע, זינגענדיקע, מיט ווייץ אין די

פּאַראָלקעס, מיט גלעזער אין די הענט, און מע זוכט פּלינק און מע פּאַקט די שוואַרצע קערעלעך. איידער מע קלײַבט אָן א גלאָז קימל, זינגט מען איבער עפּשער צען מאָל דעם גאַנצן בארג לידער — די טרויעריקע און די פריילעכע, די אוקראַיִנישע און די האַרצרײַסנדיקע — וועגן ליבע און געזעגענען זיך. מע דערציילט דערוויַיל ווידעראַמאָל אַלע באָבע־מעַיסעס וועגן פּאַרקישעפּטע קאַלעס, און כאַסאַנים אין פּעלערינעס, מיט בליאַסקענדיקע אויגן; פּאַרשווינען, וואָס פּליען אָן מיט א פּאַעטאָן אין נאָשפּיץ, כאַפּן ארום — און פליִען ווײַטער. דער הויפּט־שמועס איז אָבער וועגן כאַסקלען, וואָס לערנט אין האָלטע אין גימנאַזיע. געלע־גאָלדע האָט זיך שטענדיק בעריעש אַרײַנגעפּלאָכטן אין שמועס וועגן איר זונדל און פאַרכלינעט זיך מיט מעַיסעס וועגן אים.

א סאך מאָל האָט מען איבערדערציילט און איבערגעזונגען, איידער מע האָט אָנגעקליבן א גלאָז קימל.

און פאַר א גלאָז קימל צאָלט געלע־גאָלדעס מאַן, דער פּריצים־מעקלער, אַזוי גרויס, ווי א גאַנצע קאָפּעקע. מער וויל ער ניט צאָלן. נאָר ס'איז ניט עמעס: דער מאַן איז קיינמאָל אינדר'היים ניטאָ, און ווען ער קומט — איז ער טויט שיקער; צאָלן צאָלט געלע־גאָלדע, — ס'איז אירע פאַרדינסטן.

פאַראַן אָבער בעריעס, וואָס קלײַבן אָן פאַרן טאָג א פינף־זעקס גלעזער. דעם וואַסערפירערס גרינע ליאַלע קאָן מאַכן גאַנצע אַכט... נאָר זי קלײַבט שוין בא געלע־גאָלדען א יאָר דרײַ — אָן אויסנאַם!.. סאַלי איז אויך א בעריע און פאַרדינט בא דער מאַמען עטלעכע קאָפּיקעס דעם טאָג.

ליאַם האָט געהאָלפן ברושקען, זיך אַלעמאָל געכאַפּט, אַז די שמועסן פאַרציִען אים, די הענט בלאָנדושען אין ווייץ און געפינען ניט די שוואַרצינקע. ווי א דאָרשט ברענט אים: נאָך הערן, נאָך, און דעריקער — וועגן כאַסקלען, וואָס לערנט אין האָלטע אין גימנאַזיע. ער פילט זיך אַזוי קליין קעגן אים: אַלץ וועט ער וויסן, כאַסקל... ליאַם קען א סאך זאַכן אויסטראַכטן, אָבער נאָר דעם אָנהייב קען ער צוט־ראַכטן. און כאַסקל לערנט זיך אַלץ קענען — דעם אָנהייב און דעם סאָף און אַלע מאַשינעריעס, טעלעפאָנען, טעלעגראַפן.

מע רעדט, אַז כאַסקל לערנט זיך אויסגעצייכנט. די מיידלעך פאַרכלינען זיך, דערציילנדיק וועגן אים, אַלע וויסן מעַיסעס וועגן אים,

אונ אלע מײַסעס זײַנע געראָטענע, רופֿנ ארויס בא ליאמענ א געפֿיל פֿונ קינע, א געפֿיל ביז טרערנ.

.2

ליאמ זיצט לעבנ ברושקענ, אָנגעבויגנ דעמ קאָפּ איבערנ זיפּעלע קערנער. קיינער קוקט זיכ אפּ אימ ניט אומ, כאָטש ער איז קימאַט אינ איינ עלטער מיט כאַסקלענ, אונ וואָלט אויכ געהאט ווּאָס צו רעדנ אונ צו דערציילנ — די פֿריילעכע פּלאַפּלערנס וואָלטנ פֿארגאַפּט געוואָרנ. נאָר ער זיצט שטיל אונ הערט זיכ דאָרשטיק אײַנ.

סאַלי נאָר גייט אַלעמאָל צו אימ צו מיט איר דורכגענעצט שאַלעכל ביז די אויגנ. זי בויגט זיכ צו אימ אָנ אונ שושקעט אינ אויער אַרײַנ אַלדע בייז, וואָס זי טראַכט אויס אַלעמאָל וועגנ אַנ אַנדער כאַווערטע, סע עקלט אימ אונ זינט דער געשיכטע מיט די ווערימ, האָט ער פֿאַר איר מוירע אויכ.

געלע-גאָלדע האָט איינמאָל אַרײַנגערופֿנ די באָבע צו זיי אינ דער קאַלטער שטוב, מע האָט זיכ אוועקגעזעצט פֿאַר דער אָפֿענער טיר אונ אָפּגעבונדנ סאַלינ דעמ קאָפּ. מע האָט לאַנג געקוקט אפֿנ רויענ פֿליכ אונ זיכ געייצעט. די באָבע האָט גענומענ א שטרויעלע, אַרײַנגעשטופּט אינ א לעכעלע אפֿנ פֿליכ אונ אַרויסגעצויגנ א ווײַס ווערעמל. איצטער איז זי אויסגעהיילט, — זי איז געוועננ שטאַרק פֿאַרלאָזט...

זאָל ער עפּעס אַנ אַרבעט באַקומענ, וועט ער אַהער אינ שטוב ניט אַרײַנשמעקנ. ער וועט קויפֿנ ביכער, זיכ דינגענ א לערער אונ וועט לערנענ דורכ די נעכט. עמעס, אימ וועט שטענדיק זײַנ ערגער, ווי כאַסקלענ, ווײַל כאַסקל האָט אייגענע הינער, צוואַנציק שטיק.

כאָטש ער לערנט אינ האָלטע אינ גימנאַזיע, האָט ער פֿאָרט אָפּגעשפּאָרט גראָשנס, געקויפֿט א הונ... זי האָט אימ געלייגט אייער, האָט ער זי געזעצט אונטער א זיפּעלע. בערעלע קאַטשקע האָט עס געטאָנ בערעלע היט זיי אָפּ אונ פֿאַרמערט זיי, דערפֿאַר באַקומט ער א ביילעק. אַלע קינדער געלע-גאָל, עס האָבנ עפּעס א פֿאַרדינסטל...

אינ די טעג, ווענ ליאמ האָט געהאָלפֿנ ברושקענ קימל קלײַבנ, איז איינמאָל אָנגעקומענ כאַסקל.

ער איז פֿריילעכ אַרײַנגעשפּרונגענ אינ שטוב, ס'איז געוואָרנ א צעמישעניש. מע האָט זיכ געוויטעט, מיידלשע פּענעמלעכ האָבנ אופֿ-

געפלאמט... ער האָט געשאָטן מיט ווערטלעך, מיט קאָמפּלימענטן, מיט אויפגעוועדערט יונגנ, קלינגענדיקן געלעכטער און רייד. די מאמע זײַנע׳ געלע-גאָלדע, האָט פון נאכעס אלעמאָל שווער אָפּגעאָטעמט. די מיידלעך האָבן אים ארומגערינגלט מיט פרייד, געלעכטער, איבערגעפּ-לאָכטן מיט דריבנער, גיכער פלאפּלערײַ.

ליאם האָט כאסקלען ניט ארויסגעזען פון הינטער די הויכע מיידלעכס פּלייצעס. די פּלייצעס און די צעפּ האָבן ניט אײַנגערוט, געהאלטן אין איין זינגענדיקן בייגן-נויגן זיך צוליב כאסקלען.

ער איז ארויס פון דער מיידל-ראָד, צוגעשפּרונגען צו דער קליינינקער מוטער, זי ארומגענומען, אָפּגעשפּרונגען, ארײַן אין קיכל, ארויס פון דאָרט, ארײַן צוריק צו די מיידלעך, וואָס האָבן זיך אלץ ניט געקענט ווידעראמאָל נעמען צום קימל קלײַבן. אומעטום האָט כאסקל צעוואָרפן א ווערטל, א באמערקונג: א נארישקײַט זײַנס האָט ארויסגערופן פרייד און געלעכטער בא די מיידלעך.

ליאם האָט געקליבן די שווארצע קערעלעך, וואָס זײַנען עפּעס גרויס געוואָרן אין זײַנע אויגן — און געשאָטן די קערעלעך אין ברושקעס גלאָז. בערעלע האָט צוגעטריבן צו דער שטוב די הינער מיט די הינדעלעך, און דער באלעבאָס כאסקל איז ארויס זיי אָנקוקן. אײנגענומען מיט אים זײַנען ארויס די מיידלעך און די מאמע.

מ׳האָט זיך דערוווסט, אז קאטראַן האָט באצאָלט דעם פּריסטאוו, און דער פּריסטאוו האָט זיך גענומען די גאנצע זאך צערײַבן.

פאר ליאמען האָט עס געהייסן, אז די וועלט גייט אונטער, און בלײַבן אף דער וועלט וועלן נאָר קאטראָכס. ער האָט זיך פארשלאָגן הינטערן אויוון, אופגעהערט זיך צו זען מיט פּעטריקן, און די נעכט האָט ער געמרוקעט פונעם שלאָף. וועקט אים די באָבע אוף, זיצט ער צעדרייט, קוקט ניט אף דעם אוילעם, און צעדרייטערהייט גייט ער צו דער באָבען אין בעט ארײַן זיך לייגן צופוסנס.

3.

גאנצפרי, אין די פראָסט-פארקאָוועטע שײַבעלעך קלאפּט פּעטריק. איידער ער גייט אף דער ארבעט, האָט ער זיך ארויסגעכאפּט א באָר-

װעסטער אפּן פֿראָסט. פּעטריק שטײט אונטערן פֿענצטערל, ציטערט פֿאַר קעלט, און קלאַפּט לײַכט, — ליאַם זאָל אַרױסקומען.

רײַסט זיך ליאַם אױף, דערזעט זיך אין דער באָבעס בעט, דורך די װײַס-בלױע שײַבלעך זעט ער פּעטריקס שאָטן אין זוניקע קרירע — װערט אים פֿריקרע, אַ ביזױען... יענער גײט שױן אַרבעטן.

כאָטש ליאַם האָט פּעטריקן אױסגעמיטן, איז דאָך פּעטריק אױסגעקאָכט אין דער גאַנצער געשיכטע און טראָגט די יסורים באַגלײַך מיט ליאַמען און ס'איז אין אים פֿאַרטײַעט אַ ביטערע סינע צו די קאַטראָכס פּעטריק אַלײן, — קײן האָניק לעקט ער ניט. ער אַרבעט שױן (כאָטש קױם װאָס ער שלעפּט זיך נאָך אַרום) בײַ הײזאַגטערן אין דראַטש: אין דרױסן בײַ דער ראָד, און אױך מיטן פּעסל, װאָס ער פֿירט אַהין און אַהער פֿון טײַך, און פֿאַלאָנקעס האַקן, אַז דאָס אײַז איז שיר אַן אַרשין די גרעב!

זײַן נײַער באַלעבאָס, הײזאַגטער, האָט ליב זײַנעם אַ מענטשן האַלטן אין דער האַנט. פּעטריק האָט עס פֿון ערשטן טאָג שױן דערפֿילט: װען טעקלע, די מאַמע זײַנע, האָט אים אַהער געבראַכט, האָט הײזאַגטער אָנגעכאַפּט פּעטריקן בײַם בעקל און געזאָגט:

— בײַ מיר, אַז מע גאַנװעט, — אָט אַפֿילע אַזאַ טשװעקעלע, — מאַך איך פֿאַר אַ מאָטשינקע! הײ, מאָטיע, שטעל אים צו די פֿערד, זע, ער זאָל ניט שלאָגן קײן בײַדעקעס.

אַלע װײסן, אַז ער קאָן מאַכן פֿאַר אַ מאָטשינקע, װאָרעם ער איז געזונט-מױער, איז אָנגעשטאָפּט מיט גוטס: דעם פֿאַראָם האַלט ער, די מיל האַלט ער, די באָד, דאָס שעכטהױז. כאָטש יאָסי ליבערס פֿאַרלױפֿט אים אומעטום דעם װעג און סטאַרעט זיך אױסדינגען אַלע זײַנע אָרענ-דעס — נאָר הײזאַגטער האַלט פֿאָרט די שטאָט אין די הענט. און זינט קעט איז אױסגעכאַפּט געװאָרן, הײבט ער װידער דעם קאָפּ, װי אַ יונגער בוהײַ, קורץ און באַשלאָסן. ער איז דער גרעסטער שלעגער אין שטאָט, און מיט נאַטשאַלסטװע — אײן קנעפּל.

מאָטיע איז הױלע שטױב. אָט װעט מען אים אַ רײַב טאָן, װעט זיך אױפֿהײבן אַ שטױב און — אױס מאָטיע, צעשטױבט... װי דער בלינדער בולאַנער, װאָס דרײט די קװעטש-קלאָץ, זעט מאָטיע אױס. נאָר אַ קעלעכל האָט ער, ניט קײן קעלעכל — אַ קלינגערל, אַ מעשענע מאַטבײע איז עס, אַ מעכײַע צו הערן, װי סע רעכנט אױס פֿאַר דער הײזאַגטע-

רעכע די זעקס פּיקערס זײַנע: בערעלע, שמערעלע, פּייגעלע, צאָדיקל, סימכעלע, יענטעלע... און ליב האָט ער זיי, מאָטיע, פאר נאכעט פארגייט זיך דאָס מעשׂה מאטבייעלע... א קאָמעדיע!

דער גוטהארציקער מאָטיע האָט פּעטריקן אוועקגעשטעלט צו די פערד און אים שטארק אײַנגעזונען געהאט; ווי נאָר עפּעס א פריקרע זאך, האָט ער עס פּעטריקן געהייסן טאָן; ווי ערגעץ א לאָך, האָט ער פארשטעקט מיט אים; אין א הייסן טאָג זאָל ער דרייען די קאָרבע איבערן העליש פּײַער, און ווען ס'א קרירע, אז די ביינער קרעכצן, זאָל ער דעם גאנצן טאָג זײַן אין דרויסן בא די פערד, אָדער האקן פּאָלאָנקעס און טראָגן וואסער פון טײַך. דערצו נאָך פלעגט ער אים אלעמאָל צושטעלן א בענקעלע צו הייזאגטערן, און יענער, וואָס נאָר ער האָט געהאט אין דער האנט, — א בײַטש, א פּרוט, — מיט דעם האָט ער פּעטריקן מעכא-בעד געווען.

טעקלע, די מוטער, האָט געהאט טײַנעס צו פּעטריקן, פארוואָס ער איז געוואָרן קלײַנעדיק-לישײַק און פארוואָס שיילט זיך אים די הויט פונעם פּאָנעם.

ער ווערט שווײַגנדיקער, און די ליפּן פארציִען זיך פארביסענער. טעקלען האָט געשראָקן אן אומהיימלעך געפיל: אז אָט-אָט הייבט ער אָן צו ווערן ענלעך צום פּאָטער זײַנעם, וואָס האָט זײַן יונג לעבן געענדיקט שיקערערהייט אין א קאליוזשע.

מיטאמאָל האָט ליאם דערזען. אז פּעטריק האָט זיך אויסגעצויגן, — איז געוואָרן א גאנצער ארבעטער. כאָטש נאָך די יאָרן איז פּעטריק ייִנגער, נאָר ליאמס אקטלען פארהאלטן זיך עפּעס אין וווקס.

כאָטש ער איז געוואָרן א גאנץ גרויסער, פּעטריק, דאָך האָט ער עפּעס ניט פארשטאנען, וואָס מיט אים קומט פאָר — מיט אים און מיט ליאמען, מיט זייער דרייען זיך ארום די באלעבאטים. מיט כשאד האָבן זײַנע קליינע אייגעלעך געקוקט אפילע אף דער אייגענער מאמע, מיט כשאד און מיט מוירע.

אז טעקלע האָט איינמאָל, ווען ער איז געשלאָפן, אים אָפּגעדעקט און דערזען זײַן צעבײַטשטע, אויסגעמארכעוועטע פּלייצע, האָט זיך איר דאָס הארץ אָפּגעריסן. זי איז אוועק צו מאָטיען, נאָר מאָטיע האָט גע-טײַנעט מיט זײַן מעשׂה קלינגעריל:

— דער באלעבאָס!.. וואָס-זשע, מיך האָט ער ניט געשמיסן? ווי

בין איך געוואָרן אַן עלטסטער? — די אָדערן מיר געטרענט! געפעלט דיר ניט — נעם אים אָפּ.

וואָס הייסט? פעטריק האָט זיך פארדונגען פאר זיבן קאָפּעקעס א טאָג, פון פארטאָג ביז שטאָקנאכט האָרעוואניע, אָבער אָן קלעפּ.

נאָר וואָס העלפן טײַנעס? — די זיבן קאָפּעקעס זײַנען פאַרט קימאט זייער גאנץ אויסקומעניש, ווײַל ניט אָפט טרעפט זיך עמעצן א דיל אויספוצן, דורכוואשן א ביסל וועש, מיט די זיבן קאָפּעקעס באַוויַזט טעקלע וווּנדער אפן פריפּעטשעק — און מע קומט דורך.

אלע פרײַטיק דערלאַנגט פעטריק די טאָגקוויטעלעך און באקומט אויסגעצאָלט 42 קאָפּעקעס. זעקס קוויטעלעך פאר די זעקס טעג אין וואָך. אפ יעדן קוויטל 7 קאָפּעקעס. אפ דעם כּעזשבן פלעגט די גאנצע וואָך צו זיי אין קורין אַרײַן דאָס פרײלעך געסטל. דאָס פײַערל, און אפן אָרעמען פּריפּעטשעק באַקן פלעצל און פארפארען הייסן קוליש.

4.

אז מע קומען אונטער די לענגערע טעג און ס'הייבט אָן נאָכלאָזן: די קעלטן צעגייען אין נעפּל, בלאָטע און זון; די ערד הייבט אָן שווארץ ווערן און שמעקן מיט געוויקסטע זויערלעכע ראָזשינקעס; אין מארק הערט זיך העכער דאָס גערייד; באַלעבאָטימלעך הייבן אָן מיט א גרינ-גער האנט און גרינגן גלײַכוווערטל נײַע געשעפטן; און קינדער דערזעען דעם ערשטן באראשעק אפ די ווערבע-ביימער — דעמלט איז אין אזוינע שטיבלעך, ווי טעקלעס, פּאָשעט אן אָפקומעניש. ס'רינט פון די ווענט, פון דער ליימענער סטעליע.

טעקלע מוז אירע געשוואָלענע פיס אײַנוויקלען אין שמאטעס און שטרוי. די פיס פארנעמען מער אָרט, ווי זי אינגאנצן.

ליאם פּוסטעפּאסעוועט נאָך. כאפט ער זיך ארײַן צו טעקלען, צעלייגט פײַער אפן פריפּעטשעק אָדער טראָגט ארויס די מולטער אָנגעקאפּעטע וואסער מיט ליים, וואָס פאלט פון דער צעוויקטער סטעליע, אָדער ער זיצט גלאט אײַנגעשרומפּן, ווארט אפ פעטריקן און דערציילט מײַסעס.

אז ער זעט זיך מיטן ארשין, רעדט ליאם דערנאָך אזוינע זאכן, אז טעקלען גלויבט זיך אזש ניט, נאָר הערן הערט זי אויס מיט קאָפּ. מײַ-סעס דערציילט ער, אז מע וועט יאָגן פריצים פון די הויפן און קאטעוועו

װעט מענ די גױרים, אונ אז עפּעס א בעהאָלטע דאָרפ אינגיכנ אָנקומענ אפ זײ: צוליבנ אָרעמענ פאָלק.

פאמעלעכ האָבנ די מײַסעס ליאמס, װאָס ער פלעגט זיכ אָנהערנ פונעם ארשינ אונ זײ דערנאָכ אפ זײַנ אױפנ איבערדערצײלנ — פאמע-לעכ האָבנ זײ אָנגעהױבנ פארנעמענ א װיכטיק אָרט אינ איר אױסקו-מעניש. אינ די נעכט פלעגנ אָט די מאָדנע מײַסעס שטיקערװײַז אופ-לעבנ, ערגעצ הינטער די װענט, אונ ס'פלעגט זיכ אמאָל אפילע אױס-װײַזנ, אז די נאכט איז ליכטיק געװאָרנ פונ א סרײפע אפנ בארג.

טעקלע, װאָס האלט זיכ קוים אפ די געשװאָלענע פיס פאר דאכקעס, האָט אָנגעהױבנ אומגעדולדיק ארױסקוקנ, אז ליאם זאָל קומענ אונ ברענגענ נײַס פונעם ארשינ. ס'האָט איר גענאָגט, װענ ליאם איז ניט געקומענ.

אָט די געפילנ האָבנ זיכ איבערגעגעבנ פעטריקנ אױכ, דורכ פאר-הױלענע װעגנ איבערגעװאנדערט צו אים, אונ ס'הארצ האָט איר גע-זאָגט, אז עפּשער װעט דער זונ ניט גײנ אפנ פאָטערס װעג, נאָר אפ אנדערע װעגנ צו אנ אנדער לעבנ.

נאָר פעטריק אלײנ האָט שױנ מער געװוּסט אונ פארשטאנענ, װי די מאמע האָט זיכ פאָרגעשטעלט. ליאמ האָט אים שױנ געפירט אפילע װײַזנ פונװײַטנ דעם ארשינ.

5

א שטארקע פרײַנטשאפט איז פארבליבנ צװישנ ליאמענ אונ קאט-ראָכס פריקאשטשיקעס. באזונדערס אָבער—מיטנ ארשינ. קוים פלעגט אים דער ארשינ ערגעצ באגעגענענ, פלעגט ער אים צורופנ אונ שמועסנ מיט אים, װי מיט זײַנס א גלײַכנ. שאבעס אמאָל פלעגט ער מיט אים ארומגײנ אפנ װעג צום דאָרפ: ער—א לאנגער ארשינ, אונ ליאם—א פערטעלע. ס'הארצ איז ליאמענ פול געװענ מיט פרײד, קױכעס געװעקט.

נאָכ יעדער אזא באגעגעניש האָט ליאמ עפּעס א נײַס זיכ דערװוּסט. אונ װי ביטער ס'איז ניט געװענ ליאמענ אפנ הארצנ פונעם פוסטע-פאסעװענ, אונ פעטריקנ—פונ די קלעפּ אינ דראטש, איז מענ דאָכ אינ די אפּדערנאכטנ געזעסנ אינײנעם, צי בא פעטריקנ, צי בא ליאמענ, אונ גערעדט, גערעדט...

און צי די באָבע ליאַמס, אָדער די מאַמע פּעטריקס, איז שטיל געזעסן און צוגעהערט.

„ווייסט דען, וואָס מיט גײַלאַן איז געשען? דער אַרשין האָט מיר דערציילט וועגן אים. ער איז געווען מיט נאָך דרײַ כעוורע אַרום קריוואָזער. זיי האָבן צונויפגערופן די אָרעמע דערפער און געגאַנגען שלאָגן די פּריצים און צונעמען די ערד. אין קריוואָזער האָבן זיי געשאָסן אין ספּראַווניק און מיט אַלע אַרבעטער געגאַנגען איבער דער שטאָט צעשלאָגן די טורמע; זײַנען אָנגעלאָפן זשאַנדאַרן, אַף פערד און צופוס, — און געהאַרגעט מיט די שווערדן אַף רעכטס און לינקס. האָבן די כעוורע געשאָסן צוריק מיט פּיסטוילן און מיט שטיינער. זײַנען די זשאַנדאַרן אַנטלאָפן פון אַרום און אויך אָנגעהויבן שיסן, — האָט זיך געטאָן כוישעך: וועמען ס׳האָט ניט געטראָפן די קויל, צי פון די פערד ניט צעטראָטן געוואָרן, איז געלאָפן וווּהין די אויגן טראָגן. אָבער די זשאַנדאַרן האָבן געוואָלט דעריקער פאַקן גײַלאַן מיט די דרײַ כעוורע און צערײַסן זיי אַף שטיק-שטיקלעך, — די גאַנצע וועלט זאָל זען. נאָר גײַלאַ מיט די דרײַ כעוורע האָבן ניט געסטײַעט. איז אָנגעלאָפן דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָטשט, פון דער שוואַרצער מײַע, און געזאָגט, אַז אין עק שטאָט, אין קוזניע, באַהאַלטן זיי זיך אויס. האָט מען אַוועקגעיאָגט אַהין, אַרומגערינגלט דאָס שטיבל, נאָר אַרײַנגײן האָבן די זשאַנדאַרן מוירע... האָט דער ספּראַווניק געשיקט דעם עלטסטן זשאַנדאַר. ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר, האָט אים באַלד אַ קויל אַ טראַך געטאָן אין קאָפּ — און ער האָט זיך אַפן אָרט איבערגעקערט. האָט מען אָנגעהויבן באַשיסן דאָס שטיבל און שרײַען אַהין, מע זאָל זיך אונטערגעבן, עלע ניט — צינדט מען זיי אָן. דער ספּראַווניק האָט געוואָלט זיי נעמען לעבעדיק, סײַווי זײַנען זיי שוין קימאַט אין זײַנע הענט: אַפּדערנאַכט וועט מען בעסער זיך אונטערגאַנווענען, אַרויף אַפן בוידעם, וועט מען זיי שוין כאַפּן לעבעדיקערהייט. אָבער אַפּדערנאַכט, אַז צוויי זשאַנדאַרן זײַנען אַרויף אַפן דעכל, האָבן זיי זיך צוריק אַראָפּגעקאַטשעט מיט קוילן אין די קעפּ. איז דעם ספּראַווניק געוואָרן שלעכט — האָט ער געהייסן שיסן. אַזוי האָט געדויערט דרײַ טעג און דרײַ נעכט. מע האָט געוואָלט, זיי זאָלן אויסגיין פון הונגער און קוילן זאָל זיי אויספּעלן. אַפן דריטן טאָג האָבן אַלע געהערט, אַז מע שיסט שוין ווינציקער — ווײַזט אויס, אַז זיי גייסען שוין. האָבן זיך די זשאַנ-

דאָרן אָנגעקומענע מיט האַרץ, מיט די ביקסן צעקלאַפּט די טיר און אַריין. אינמיטן איז געשטאַנען גײַלא און כאָטש אים איז קיינער ניט געווען. איידער זיי האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן, האָט ער אין זיך אויס-געשאָסן אַפּ טויט".

— און וווהין זײַנען יענע דרײַ אַהינגעקומען?—האָט פּעטריק ווי דערשטיקט אַ מרוק געטאָן.

—„דאָס איז די גאַנצע זאַך, וואָס גײַלא האָט אָפּגעטאָן. ער האָט זיי געהייסן דורכגראָבן אַ לאָך אין הינטערשטן ווענטל, דאָרטן איז דאָ אַ קעמערל און הינטערן קעמערל איז שוין דער ריוו. ער האָט געהייסן, זיי זאָלן באַנאַכט זיך אַרויסרוקן, און ער וועט בלײַבן אין שטיבל און שיסן: וואָרעם די זשאַנדאַרן וועלן דערהערן, סע שטיל— וועט מען זיך כאַפּן, אַז די כעוורע איז ניטאָ—זײַנען אַלע פאַרפאַלן; אַמיין וועט גאָר איינער דאָ בלײַבן, און די אַנדערע זאָלן ווײַטער גיין אַרבעטן מיט די אַרבעטער און מיט די דערפער—ביז מע וועט די רעוואָליוציע אַראָפּברענגען. מע האָט זיך געקריגט, יעדערער האָט געוואָלט בלײַבן אין שטיבל,—נאָר אויסגעפירט האָט גײַלא. דער אַרשין זאָגט, אַז אַפּ אים איז געפאַלן דער גורל.

פּעטריק האָט ניט אָפּגערעדט זײַן אָנגעשפּיצט, פאַרענדערט פּאָנעם מיט די צוגעקנייטשטע אויגן פון ליאַמען, וואָס האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווײַטער דערציילט:

„הײַנט זאָלסט הערן וועגן פּעטער שאַמע, וואָס דער אַרשין דער-ציילט!.. אַך, איז דאָס געווען אַ יונג! מיינסטו, ער האָט ניט אָפּגע-לאָזט אַ פאַרפאָר דעם גרויסן אָדן אַליין? די אַרבעטער פון הרושקער צוקער-זאַוואָד האָבן אים געהאַט אויסגעקליבן פאַרן דאָס. ווען שאַמע האָט אַראָפּגעטריבן שטרײַקברעכערס, איז צוגעפאָרן דער דירעקטער. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען מיטן זילבערנעם שטעקעלע און דערזען, אַז שאַמע טרײַבט שטרײַקברעכערס—האָט ער זיך שטאַרק צעשריגן אַפּ אים. איז דער פּעטער שאַמע ניט פויל, און ווי ער איז אַזוי געשטאַ-נען, האָט ער אַ הייב געטאָן די לאַפּע און—באַץ דעם דירעקטער אין דער נאָניע. דאָס שטעקעלע איז געפאַלן אַפּ דר'ערד—און דעם די-רעקטער האָט זיך געלאָזט בלוט פון דער נאָז. און מיינסטו וואָס: אַ גוואַרדיאַנ איז ער געווען, שאַמע?—ניין! אַ דאַרער כראָנדזש! ווערליק דער אַרשין דערציילט, איז דער פּעטער שאַמע געגאַנגען אָנגעטאָן אין

א קורצ טיזשורקעלע פונ „דיגענאל". ס'איז געווענ אפ אימ צו קורצ אונ שמאָל, קײנ קנעפּלעכ האָט ער ניט געהאט,—האָט ער עס פארצויגנ א פאָלע אפ א פאָלע אונ צוגעשפּיליעט מיט א סעקרעטקע. ס'האָט אימ אזוי פארצויגנ, אז ס'האָט אימ געמאכט א טאליע, ווי בא א מײדלנ, אונ לײַוונטענע זײער ברײטע היזנ האָט ער געטראָגנ—האָט עס געהאט דעמ זיבעטנ כײנ! פונדעסטוועגנ, אז ער האָט געוואָלט עמעצנ אָנשרעקנ, האָט ער עס געטאָנ. א שטעלער!.. נאָר די געשיכטע מיטנ דירעקטער האָט אלעמענ אופגעקאָכט. אינ שטאָט האָט מענ שוינ גערעדט, אז איבער שאמענ וועט דײַטשלאנד פארקאָכנ א מילכאָמע מיט ראסײ, ווײַל דער דירעקטער איז א דײַטש,—אונ אויסלאָזנ וועט זיכ עס צו יידישע קעפ!..

צוליב דער געשיכטע טאקע האָט זיכ דער פעטער שאמע געמוזט אויסבאהאלטנ א שטיקל צײַט. ווײַל סײַ דער פריסטאוו, סײַ דער הײזאגטער, וואָס איז דעמאלט געווענ א מענטש באמ דירעקטער, האָבנ אימ געזוכט מיט ליכט.

דעמלט פלעגט ער גאנצע טעג אונ נעכט אָפּזיצנ איבער זײַנע ווונדערקאלאָשנ, וואָס ער האָט שוינ פיל יאָר געפלאנעוועט אונ געמײַסטרעוועט.

נאָכ גאָר-גאָר פארטאָג, ווענ די פײגעלעכ שלאָפנ נאָכ, פלעגט ער אוועק צומ בוג. די קרעמערס האָבנ נאָכ די בעהײמעס אינ טשערעדע ניט ארויסגעלאָזט, אונ די זונ איז נאָכ ווײַט הינטער די האָרע-כוישעכ. ווייסט דאָכ: דער בוג איז שײנ, גלאט. איז ווײַט-ווײַט—אינ בוג, ווײַטער פונ די שטײנער, פרווט דאָרט דער פעטער שאמע אויס די ווונדער-קאלאָשנ. אונ טאקע נאָכ א ביסעלע, נאָכ א ביסעלע אנ ארבעט טאָג—וואָלט מענ שוינ מיט די קאלאָשנ געקאָנט גײנ אפנ בוג,—פּאָשעט שפּאנענ איבער יאמענ אונ טײַכנ, ווי אפ דער טריקעניש. דארפ זיכ טרעפנ, ווי אפצעלאָכעס, ווי אפ צעפּיקעניש—דארפ זיכ טרעפנ אנ אומגליק, אונ די ווונדער-קאלאָשנ בלײַבנ ניט פארענדיקט.

אָט אזוי: דער פעטער שאמע האָט זיכ אויסבאהאלטנ באמ בערער פּאָפּאכ. זײ זײַנענ געווענ גוטע ברידער, האָבנ זיכ פארשטאנענ אפנ ווונק, עפּעס א גרויסע פרײַנטשאפט האָט זײ צונויפגעבונדנ, נאָר קײנער האָט ניט געוווסט, ניט פארשטאנענ, ניט געזענ. אײנמאָל אינדערפרי האָבנ די ווײַבער אינ דער ווײַבערשער באָד געפונענ פּאָפּאכנ

שטײנ מיט די פיס ארופ אונ מיטנ קאָפּ אינ א פאס וואסער. מע האָט אימ שטילערהײט אָפּגעראכט, ניט געוועג, ווער ס'זאָל א גוואלד מאכנ, ווײל קײנ אײגענע האָט ער ניט געהאט: אנ עלנטער, ווי א שטײנ.

צי די שטאָט האָט געוווסט, צי ניט געוווסט, וועמעס האנט סע שטעקט אינ דעמ שרעקלעכנ טויט- דער פעטער שאמע אָבער האָט עס גוט געוווסט, אונ, ווי א צעוויינטע כיַע, ניט געקוקט אײַנזיצנ, די הענט האָט ער זיכ געביסנ ביז בלוט פאר ווייטעק אונ פארדראָס. מע האָט ניט געקאָנט רעדנ מיט אימ—אזוי האָט ער געזאָטנ; מע האָט אימ ניט געטאָרט לאָזנ אלײנ, ער וואָלט זיכ געקאָנט אומברענגענ, לאָזנ די שטאָט מיטנ פײַער אונ אלײנ פארברענט ווערנ. ער האָט געוווסט, וועמעס שטיקל ארבעט סע איז. אונ ווייסנו, וועמעס—גיב דעמ אויער, נאָר שא: ס'איז הייזאגטערס ארבעט, יאָ, יאָ, הייזאגטערס. פאָפאכ איז ניט ווילנדיק בײַגעווענ בא א פאָר מיעסע מײַכעס, וואָס הייזאגטער האָט אָפגעטאָנ, עפעס גנייווישע סכוירעס באגראָבנ ניט ווײַט פונ דער באָד, אונ נאָכ זאכנ, וואָס פאָפאכ האָט ניטווילנדיק געזענ אינ די נעכט ארומ דער באָד. הייזאגטער האָט זיכ געפרווט פאָפאכנ פארגיטיקנ אונ אָנשרעקנ, נאָר פאָפאכ האָט זיכ געמאכט, אז ער ווייסט פונ גאָרנישט ניט, אונ זאָל ער זיכ אָפטשעפענ. דעמ פעטער שאמענ האָט ער אלצ דערציילט.—נו, איז קלאָר, אז ס'איז הייזאגטערס אנ ארבעט.—האָט עס אינ פעטער שאמענ אזוי לאנג געזאָטנ, ביז ער האָט דעמ ארשינ געזאָגט:

— זאָל מענ מיכ כאפנ, זאָל מענ מיכ קאטעווענ, דעמ קאָפּ וועל איכ לייגנ,—נאָר מיט הייזאגטערנ מוז איכ זיכ אָפרעכענענ! וואָס זײַנענ מיר, געפייגערטע הינט? הefקער, הefקער זײַנענ מיר?

אונ דער פעטער שאמע איז ארויס אינ דרויסנ.

ווי נאָר הייזאגטער האָט אָנגעשמעקט, אז דאָ קענ אלצ אופגעדעקט ווערנ, אז די סאקאָנע הענגט שוינ אונטער דער נאָז,—אזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ שטאָט א געיאָגערײַ אפנ פעטער שאמע.

— טויט אָדער רויט, נאָר כאפנ מוז מענ אימ—האָט באפוילנ דער דירעקטער.

— טויט אָדער רויט,—האָט הייזאגטער געזאָגט דעמ פריסטאוו. אונ דער פריסטאוו האָט עס איבערגעכאזערט פאר די פאָליציסטנ:

— טויט אָדער רויט,—נאָר פּאַקן מוז מען אים.

די שטאָט איז געגאַנגען כאַראָם. הייזאַגטערס ליַיט מיט פּרעג־טעס און קלעצלעך, מיט סוואָרענס אין די הענט, זיַינען געקראָכן אַף די בוידעמער, געשפּרונגען דורך פענצטער, זיך אַריַינגעריסן אין פרעמדע היַיזער, שטאַלן, געוואָרפן שטיינער און ערד אין די קעלער־קימענס, וויַיל אָט האָט מען דעם פעטער געזען דאָ, אָט דאָרט. און געגוואַלדעוועט האָט מען אין די גאַסן—גרויס און קליין, יונג און אַלט; און הייזאַגטער איז אַרומגעגאַנגען די הענט פאַרלייגט, רויט ווי פיַיער, און געשריגן, זיך געשאַפן מיט זיַינע ליַיט.

עמעצער האָט צו וויסן געגעבן די הרושקער צוקער־זאַוואָדן, אַז מע שלאָגט שאַמען. זיַינען באַלד די אַרבעטער אַראָפּגעקומען, און די רעכטע כאַסענע האָט זיך צעשפּילט: געשלעגן און האַריגעס איבער דער גאַנצער שטאָט, הייזאַגטערן האָט מען געפּלעט דעם קאָפּ מיט אַ ליַיכטער. דעם פעטער שאַמע האָט מען געפּאַקט, אים אָנגעטאָן קייט־לעך, אַפילע די ווונדן אים ניט געלאָזט פאַרבינדן. נאָר דעם זעלביקן טאָג אַף דער נאַכט, אַהאַ!—ס'עפנט זיך די טיר באַם אַרשינ, און סע שטעלט זיך אַריַין—טרעפ ווער?—שאַמע.

— „וויאַזוי, שאַמע?“.

— „ פאַר אַ פערציקער כאַבאַר!“—לאַכט ער,—„אַ פערציקער זיל־בער מיט אַ פּעקעלע מאַכאָרקע דעם סטראַזשניק!“

אָט אַזוי! דערנאָך האָט זיך אין שטאָט געטאָן כוישעך...“

... פעטריק האָט שטאַרק איבערגעלעבט ליאַמס געשיכטעס, און כאָטש זיי פלעגן זיך פאַרזיצן ביז שטאָקנאַכט, נאָר ווער רעדט פון מידקיַיט? פאַרקערט: נאָך די געשיכטעס איז שטענדיק געווען אַ מעכיַיע אויפשטיין פאַרטאָג צו דער אַרבעט.

דאָס שאַרפסטע און ליבסטע זיַינען געווען יענע זאַכן, וועלכע ליאַם האָט דערציילט אַפן אויער, ס'האָט אין דעם אַזאַ פריידיקע, זיסע גע־פאַר געטיאָכקעט — וועגן „פּראָקלאַמאַציעס“ „קאַפּיטאַליסטן“, „פּאָליציי“. אַ פאַרבאָרגן ריזיק פיַיער האָט געשטעקט אין ליאַמס דערציילן. ס'האָט זיך געדאַכט: אָט־אָט רײַסט זיך עס אַרויס אין אָפענעם דרויסן, און די וועלט וועט מיטאַמאָל אָנהייבן פלאַקערן.

און אין דראַטש האָט קיינער גאָרניט געוווסט: ניט הייזאַגטער, ניט מאָ־טיע. זיי זיַינען זיך באַגאַנגען מיט פעטריקן, ווי זיי באַגייען זיך שטענדיק.

.6

איינמאָל א שאבעס, האָט דער ארשינ מיטגענומענ ליאמענ אינ נאָ-ענטנ דאָרפ צו א באקאנטנ פויער אינ סאָד ארייַנ. אפנ וועג האָט דער ארשינ אים א זאָג געטאָנ:

— ווילסט, וועלנ מיר ארבעטנ אינאיינעם, מע דארפ זיך גרייטנ. ביסט שוינ ניט קיינ קינד, זעסט נאָר אויס אזוי, אָבער דייַנע אונ אנדערנס נויט פארשטייסטו שוינ. כ׳וועל דיר געבנ פראָקלאמאציעס, נאָר די אויגנ, אינ די הענט. מע דארפ זיי צעשטעקנ די פויערים אינ די פורנ, ארייַנ-רוקנ אינ די זעק, אינ די קעשענעס.

ליאמ, — ווי מע וואָלט אים אָט אזוי אופגעהויבנ אונ באוויזנ א נייַע, ליכטיקע וועלט. אויך ער, ליאמ, האָט א באטייַט! אונ דעריקער: ס׳איז נאָך מעגלעך א מילכאָמע קעגנ רייַכע! אבי ער האָט געמיינט, אז טאָנ קעגנ זיי — איז נאָר אזוי גערעדט, אז מע מאָלט זיך עס נאָר אויס.

ווענ עלקע איז פונ הרושקע אפ א טאָג ארפגעקומענ, האָט ער אומיסטנ אפנ קאָל געזונגענ א ליד, וואָס ער האָט איבערגענומענ פונעם ארשינ; עלקע האָט זיך געמאכט ניט הערנדיק, אָבער ליאמ האָט געזענ, ווי זי איז רויט געוואָרנ:

„אלע באלעבאטימ, איר מערדערס,
וואָס צאפט איר פונ די ארבעטער דאָס בלוט?
איר מיינט די מילכאָמע וועט אייַך גליקנ?
איר מיינט, ס׳וועט אייַך טאָמער זייַנ גוט?
ס׳זאָל אפילע דונערנ אונ בליצנ,
ס׳זאָל אפילע אונטערגייַנ די וועלט,
די סיואָבאָדע צוריק וועלנ מיר ניט געבנ,
מיר זאָלנ אפילע פארשפילנ די וועלט".

דאָנערשטיק, אינמיטנ גרויסנ יאריד, האָט זיך באוויזנ א מענטש אפ דר׳ערד אינ מארק, די הענט אינ פעלצענע הענטשקעס אונ אָנ פיס ביז די דיכנ, א ברייט פּאָנעם אונ א זייער ברייטע באָרד. ווי ער האָט נאָר געעפנט דאָס מויל, אזוי האָט ער אלעמענ צו זיך צוגעצויגנ. די פויערים האָבנ פארגעסנ אינעם יאריד אונ געמאכט א גרויסע ראָד ארומ אים. זייַנ קאָל האָט געדעקט דעם גערודער פונעם מארק, ס׳האָט גע-

קלונגענע אזוי קלאָר און ברייט און מיט אזא באהארצקייט, קימאט ווי מיט א ציטערל. קלייטניקעס האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייערע קראָ-מען, פויערטעס און קינדער האָבן זיך אופגעשטעלט אפ אייגענע און פרעמדע וועגענער. אלעמענ האָט עס ווי פארקישעפט—אויב אפילע מע האָט ניט אלץ פארשטאנענ, וואָס ער האָט גערעדט... אויסגעקומענ איז, אז ער דערציילט מעסעס אפנ קאָל, מעסעס וועגנ ארבעטער, וועגנ ערד, וועגנ פויערים... און געלט האָט זיך אינ זיינ היטל געשאָטנ פונ אלע זייטנ—ס'איז ווי אליינ געפלויגנ פונ די קעשענעס און קניפּלעך צו אים אפ דר'ערד. נאָר ער האָט אפנ געלט זיך גיט אומגעקוקט, אפ קיינ רעגע ניט איבערגעריסנ, דעם אָטעם ניט אָפּגעכאפּט. ס'האָט אייניקע גערירט ביז טרערנ, אנדערע האָבנ פונ כידעש געשטורכעט איינס דאָס צווייטע, אָדער אָנגעבויגנ די קעפּ, אויך דער אוריאדניק און די סטראזש-ניקעס זיינענ געשטאנענ און זיך איינגעהערט צו זיינע רייד.

ליאם האָט זיך צוגעשטופּט גאנצ נאָענט, געהערט דעם אָנפּיסיקנ, זיינ ליכטיק לאָשנ ניט פארשטאנענ,—נאָר ניט געקענט אָפּטרעטנ פונעמ אָרט. דער ארשינ, וואָס האָט זיך אויך אפּ א מינוט פונ סקלאד ארויס-געכאפּט אהער, האָט דערזענ ליאמענ, האָט ער זיך צו אים אריבערגע-בויגנ:

— די באָרד ווייסט, וואָס זי רעדט—סע איז שוינ איינמאָל רייד. ווי לאנג זאָכנ זיי, צי זיי פארשטייענ, וואָס ער מיינט.—ליאם האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסנ.

דעמלט, אינ א טונקעלנ אפּדערנאכט, איז מענ ארויסגעלאָפנ פונ די הייזער און זיך אויסגעטרייט צו דער צאָפנ-זייט. א שטיק טונקלס האָט מוירעדיק געפּייערט, וואָס אמאָל העכער געוואָרנ. ס'האָט זיך געטראָגנ א מעשונעדיקע יעדיע, וואָס איז געגאנגענ, ווי א סאָד, פונ אויער צו אויער.

— לוקיאנאָוו ברענט, דער פּאָרעצ לוקיאנאָוו,—די פויערים האָבנ אים אונטערגעצונדנ.

פּעטריק און ליאם האָבנ געוווסט דעם טייטש דערפונ. שטיל זיך פארשלאָגנ הינטערנ קורינ, מיט די צעפלאמטע פּענעמער צו דער גרוי-זאמער סרייפע, און באהאלטנ געשטיקט זיך פונ פרייד.

אָט אינ דער סרייפע איז פארברענט געוואָרנ פּעטריקס גאנצע מוי-רע פארנ פּאָרעצ לוקיאנאָווס מישפּעט.

אָפּגעשונדן א טאָג

1.

טעקלע הייצט אונטער. די געטריקנטע קיזיקעס רויכערן און צעלאָזן א שלעכטן רייעך אין קורין. זי האלט אין איין וואַרעמען דעם שוין לאַנג אָפּגעקילטן קוליש. פּעטריק האָט היינט פאַרשפּעטיקט; ווייזט אויס, מע לאָזט אים ניט אָפּ.

און ווען ער איז אָנגעקומען, האָט ער ניט געקוקט אין דער מאַמעס זייט אַרײַן. עסן — וויל ער ניט, טויב, פון אונטער דער נאָז ארויס, זאָגט ער עס, — ער וויל זיך בעסער שלאָפן לייגן.

טעקלען איז עס ניט געפעלן, עפּעס איז דאָ ניט אזוי. מיט פאַרטרערטע רויך-אויגן גייט זי צו:

— וואָסי דיר?

— גאָרניט.

— פאַרוואָס אזוי שפּעט געקומען?

ער האָט עפּעס א מרוקע געטאָן און צוגעגאַנגען צו זיין געלעגער.

די מוטער האָט אים אויסגעווריט, גיך ארויסגעשלעפּט פון זיינע הויזן דאָס שמאַטעוואַטע העמד, און ארומגעטאַפּט, ארומגעקוקט זיינע פּלייצע.

— לאָז אָפּ, — האָט ער זיך געדרייט, — מע האָט מיך ניט געשלאָגן, כ'בין אליין שולדיק. — און ער איז מיטאמאָל צוגעפאַלן מיטן פּנים צו דער מאַמען.

— וואָס?.. זאָג שוין!

— כ'האָב פאַרלוירן דאָס קוויטעלע פאַר היינטיקן טאָג.

— א דונער האָט מיך געטראָפן! — האָט טעקלע פון זיך אָפּגעשטופּט פּעטריקס קאָפּ מיט אזא צעדרייצטקייט, וואָס קומט צו איר זעלטן. — וואָס הייסט פאַרלוירן?

— פאַרלוירן, כ'ווייס ניט וויאזוי. כ'האָב געזוכט, ניטאָ.

— געזוכט!... אין אזא פינצטערניש! באָליאַטשקעס מיינע...

ליאַם האָט עס אַלץ אויסגעהערט. ער איז געזעסן אין אַ טונקל ווינקל אויף אַ באַנק, און איבערן רויך און טונקלעניש האָט מען אים ניט אַרויס-געזען. ער איז שטיל אַרויס פון קורין און זיך געלאָזט טאָליאַפּען אין דער בלאָטע, אָפּן וועג פון טעקלעס קורין ביז צום דראַטש טאָליאַפּעט, טיף דעם קאָפּ געבויגן. דאָס טונקלעניש פון אַ ברויגעזער אָנהייב-פרי-לינגדיקער נאַכט האָט אים געפּליאַמט אין די אויגן. ער האָט דעם גאַנצן וועג צום דראַטש געטאַפּט די שיַיבלעך וואַסער, וואָס האָבן אין דער שוואַרצער בלאָטע אויסגעזען, ווי שטיקלעך גראָ פּאַפּיר. ער האָט גע-שלוקערצט, אַלעמאָל האָט זיך אים איבערן שלוקערצן געדאַכט, אַז הינטן גייט אויך טעקלע, און פּעטריק, און די באָבע זיַינע. אַלע גייען זיי אַזוי געבויגן צו דער בלאָטע, און טעקלע קלאָגט זיך, זידלט, און ליאַמס באָבע רעדט איר אויס דאָס האַרץ. טעקלע שלעפּט זיך קוים מיט די געשוואָלענע פיס און ווערט אַנשטילט.

ווען ליאַם איז, אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרבלאָטיקטער, אַריַין צוריק אין קורין, איז שוין פּעטריק געזעסן באַם טיש און געגעסן קוליש. די געלע שיַין פון קאַנעץ און די פּאַרע פון קוליש האָט אָנגענעם געהילט זיַין פּאָנעם.

די מוטער איז געזעסן לעבן אים, פאַר איר אויפן טיש — שוין אַן איבערגעקערטע לעפל, פּעטריקן באַרויִקט.

— נישקאָשע, האָסט געאַרבעט, וועט מען דיר באַצאָלן. הייזאַנטער דאַרף דען דיַינע זיבן קאָפּעקעס?

דערנאָך האָט זי אים אַראָפּגעשלעפּט די שטיוול, פּעטריק האָט זיך ניט געלאָזט, נאָר די מאַמע האָט זיך איַינגעשפּאַרט: זי וויל אים אויס-טאָן די שטיוול. און כאָטש אָנגעבלאָזן, אומגעלומפּערט און אָן אַ שמייכל האָבן זיך געצאַמפּערט די מאַמעס מיטן זון, נאָר געפילט האָט זיך: אַ רעגע פון איבערגעבנקייט און ליבע ציט דורך די צוויי דערשלאָגענע, אויסגעהאָרעוועטע נעפּאַשעס.

2.

הייזאַנטער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון דראַטש מיט אַ קע-שענע קופּער, זילבער-מינץ — און אויסגעצאָלט. פריִער — די גרויסע אַר-בעטער, דערנאָך — די קליינע. פּעטריק האָט אָפּגעגעבן די פינף קוויט-

לעכ, און וועגן זעקסטנ האָט ער ערשט געוואָלט דערציילן, נאָר הייזאַג־טער האָט אים איבערגעהאַקט:

— פארלוירנ — פארפאלנ, דײַנ שאָדנ!

טעקלע, וואָס האָט די גאנצע צײַט נאָכגעשפּירט, האָט אונטערגעפּײַלט מיט די געשוואָלענע פיס און געקליאַנטשעט:

— פאני, ער האָט דאָכ געארבעט — אלע וייסנ! זאָל מאָטיע זאָגנ, די גאנצע וואָכ געארבעט.

— בא מיר איז א פאַבריק, הערסט! — האָט הייזאַגטער בייז גע־שניטנ. — מײַנע קוויטעלעכ, וואָס כ׳גיב ארויס, איז גלײַכ ווי געלט, האָסט פארלוירנ דײַנ געלט — בינ איכ שולדיק? ווו איז דאָס געהערט געוואָרנ? וואָס טו איכ, אז מע קומט מיטנ צעטל, וואָס ער האָט פאר־לוירנ? ס׳איז מײַנס א קוויטל, מוז איכ צאָלנ! ערשטנס. וועט דאָס הייסנ — אז דער סמארקאטש וועט מיכ קאָסטנ פערצנ קאָפּעקעס א טאָג; צווייטנס, ווו איז דער יושער — מענטש איינער!

ער איז געוועזנ אזוי גערעכט, הייזאַגטער, אז טײַנענ מיט אים איז שוינ ניט געוועזנ וואָס. מיט אָנגעשוואָלענע הערצער פונ סינע האָבנ זיכ אומגעקערט אהיים די מאמע און דער זונ.

●

ליאמ האָט זיכ זײַנס דערשלאָגנ: די באָבע איז געגאנגענ צו הייזאַג־טערנ בעטנ, ער זאָל אים צונעמענ אינ דראטש.

— אײַער אייניקל געפעלט מיר ניט, — האָט הייזאַגטער געזאָגט, — כ׳דארפ אים ניט האָבנ...

נאָר עפּעס אנ אָדערל פונ ווײַטער קרויוועשאפט האָט מיטגעהאָלפנ, און ליאמ איז מיט מאזל אָנגעקומענ אינ דראטש.

ס׳איז אויסגעקומענ אזוי, אז ביידנ, פעטריקנ און ליאמענ, האָט מענ געשטעלט אינ דרויסנ בא די פערד, ווײַט פונ הייזאַגטערס און מאָטיעס אויגנ.

ס׳האָט זיכ אָנגעהויבנ פאר זיי אנ עמעס גליק — פונ באטאָגיקער דרייעניש מיט די קליינע קליאטשקעלעכ ארום דער צאָנראָד, פונ אפּ־דערנאכטיקנ דערציילנ זיכ וועגנ־די באגעגענישנ מיטנ ארשינ און אנ־דערע מײַסעס.

פעטריק איז געוואָרן מונטערער און ווידער באַריידעוודיק, די אַר-בעט האָט זיך ווי אַליין געטאָן, און דער טאָג איז געפלויגן.

אַז זיי האָבן דעם טאַבון געטריבן צום טײַך, האָבן זיי זיך אָפּ די פערד געפילט, ווי גיבורים. ליאַם האָט צוגעטראַכט שטריקלעך זאָטלען מיט סטרעמעניעס. זיי האָבן געטריבן די פערד וואָס ווײַטער פונעם דראַטש און מיטן ברעג אָוועקגעיאָגט אין געוועטן. דאָס טונקלקײַט האָט זיי געשיצט פון הייזאַגטערס און מאָטיעס אויגן.

— מײַנער איז זייער גאַס, פּעטראָ!

— מײַנער אויך!

— קום נאָכאַמאָל.

— הײַדאַ!

און ווידער זיך אַ לאָז געטאָן ביז אַ ווײַטן שטיין — און צוריק.

— אָט אַזוי לערן איך דעם בולאַנעם בלײַבן אין איין רעגע שטיין. מיט דער פּושעלע איבערן קאָפּ!.. קאָזאַקן לערנען אַזוי... פּפּרר — איז די רעגע שטיין געבליבן.

— מע דאַרף גיך אונדזערע צוויי אַרײַנציִען אין קלוניע, מע זאָל ניט דערזען, אַז זיי זײַנען נאַס.

זיי האָבן שוין אַרײַנגעיאָגט אַלע פערד און אָנגעהויבן פּאַרמישן עסן — סעטשקע איבערגעמישט מיט אַביסל קלײַען און וואַסער.

— די פערד איז גוט! אָפּגעהאָרעוועט דעם טאָג, רוען זיי זיך אויס, ניט ווי מיר. מע וועט באַלד רופן וואַשן די פּאָלן, אָדער שיקן אַ גאַנג, אָדער האַלטן דאָס קינד. נעכטן האָט מען דיך גערופן. הײַנט מיך. זי פּירט דאָרט כעזשבנ.

— אומעטום, רעדט מען, ווערט בעסער, און בא אונדז... כאָליערע!

3.

איינמאָל איז הייזאַגטער אַרײַן צו די פערד. פון בולאַנעם און שווארצן סקאַקון האָט געזעצט אַ פּאַרע. די ייִנגלעך האָבן דעמלט נאָך געמישט די סיטשקע און געשמועסט, ניט געזען דעם באַלעבאָס.

— ער וועט ווערן בא מיר אַ גוטער רײַטפערד, וועסט זען!

— ווען די צוים שנײַדט אים ניט, וואָלט ער ניט געשפּרונגען. איך גיב אים מיט דער פּושעלע איבערן קאָפּ, און ער מיט די פיס — האָפּ-קעט גאָר!

זיי האָבן דערזען דעם באַלעבאָס און דערשראָקן זיך אָפּגערוקט צו די יאַסלעס. הייזאַגטער האָט צווישן די פערד זיך אויך דורכגערוקט צו די יאַסלעס. די ייִנגלעך האָבן אונטער די פערדישע קעפּ זיך אונטערגע-בויגן און צוגעשפּרונגען צום אַרויסגאַנג.

— אַ רוצח אין אײַערע ביינער אַרײַן! — האָט הייזאַגטער אויסגע-שאָכן. — אַ ביסל מער וואַסער און ווייניקער קלײַען! איר הערט, מאַמ-זײרים!

און איז אַוועק צוריק.

פון ביידע איז אָפּגעגאַנגען דאָס כּרעסטל פון לײַב; ביידע האָבן קורצ, ענערגיש אויסגעשפּיגן און זיך צעהיצט — די מיינונגען האָבן זיך ניט געגלײַכט. ליאַם האָט געטײַנעט:

— ער האָט געהערט, וואָס מיר האָבן גערעדט, און זיך געמאַכט געפּײַגערט.

נאָר פּעטריק האָט אים איבערגעשלאָגן.

— ער זאָל הערן, וואָלט ער אונדז דאָ פּיפּטער געמאַכט אַפּן אָרט, אַ מאָטשינקע...

— גיי, ביסט אַ גרויסער נאַר! ער האָט מוירע פאַר אונדז, מיר זײַנען מערער, מיר זײַנען אַ סאַך, און סע הייבט זיך שוין אָן.

— הייזאַגטער האָט פאַר קיינעם קיין מוירע ניט, און מיר זײַנען פאַר אים וואַנצן, ניט מער.

— נו, און די פאַרע פון די פערד האָט ער אויך ניט געזען? נאָך איצט זעצט פון די פערד! וואָס, די אויגן זײַנען אים אַרויס?

— ניט געזען.

— גיי צו אַלדי רוכעס! ביסט אַליין בלינד און טויב. און דער רוצח זאָל דיך נעמען ביז מאָרגן אינדערפרי. אַ מענטש זאָל ניט גלויבן, וואָס אַלע ווייסן שוין. די וועלט ברענט! האָסט דען ניט געזען דאָס פײַער פון דײַן פאָרעצ לוקיאַנאָוו? די באַלעבאַטים ציטערן שוין דאָס קאַדאָכעס, און ער קראַצט זיך!..

פּעטריק איז אַנטשוויגן געוואָרן. ליאַם האָט דערפילט, אַז ער האָט געזיגט. ער האָט אַרומגענומען פּעטריקן אַרום האַלדז און אײַנ-גערוימט:

— הייזאַגטער איז איצט דערשראָקן, קענען מיר אויך באַווײַזן. וועד מיר זײַנען. אַלע אַרבעטער אין אַלע שטעט שטרײַקן. וואָס זײַנען מיר? —

אַרבעטער! באַלעבאַטים ציטערנ פאַר אונדז דאָס קאָפּ! וואָס-זשע וועלנ מיר שווייגנ?

— וואָס זאָלנ מיר טאָנ?

— וואָס? איז דײַנ מאַמע ניט קראַנק, קוים וואָס זי שלעפּט זיך? אונ מײַנ באָבע? אונ דאָס, וואָס מע הונגערט? אונ דאָס, וואָס מע איז באָרוועס אונ נאַקעט? אונ דאָס וואָס מיר וואַשנ די פּאָלנ אונ טראָגנ צעבערס אונ כאַפּנ קלעפּ? אונ דאָס, וואָס דו האָסט פאַרלוירנ אַ קווי-טעלע? אונ סראָל? — פאַרגעס ניט — סראָל, וואָס איז אומגעקומענ?!

— וואָס-זשע זאָלנ מיר טאָנ?

— וואָס? וואָס? — ביסט געװעכט. מיר זײַנען נאָר צוויי אונ די סאַ-מע ייִנגסטע. ווייסטו וואָס? — מיר זײַנענ פּראָלעטאַריער! וואָס שווײַגנ מיר? מירנ טאָנ אַזוי: נאָכנ אָנבײַסנ שטעלנ מיר אָפּ די פערד — זאַ-באַסטאָווקע! מיר אַרבעטנ ניט מער. אַז מאַטיע וועט אַרויס צו אונדז מיט דער בײַטש, וועלנ מיר זאָגנ: זאַבאַסטאָווקע! וועט ער רופנ היי'אַגטארנ, וועלנ מיר זאָגנ: זאַבאַסטאָווקע! מיר ווילנ נאָך דריי קאָפּעקעס אַ טאָג, איינעם צענ קאָפּעקעס. אויב דו האָסט גוויִע צו זאָגנ, וועל איך זאָגנ פאַר אונדז ביידע. זאָלסט נאָר אונטערכאַפּנ, — אַז יאָ!

4.

נאָכנ אָנבײַסנ האָבנ זיי אָפּגעשטעלט די פערד. ס'איז געווענ אַ מילדער טאָג, די פערד האָבנ זיך גיט כײַשעק אָפּגעשטעלט אונ געשמאַק געפּירקעט מיט די נאָזלעכער, מיט די לויזע ליפּענעס; די בלינדע אויגנ זייערע האָבנ לעבעדיק געגלאַנצט אונ געטרערט.

דער בולאַגנער, ווי שטענדיק, אַז ער איז אויפגערייגט, האָט אַ ווײַטנ האָפערדיקנ הירזשע געטאָנ, כאָטש צו דער איצטיקער אָנגע-שטרענגטער שטימונג פונ די צוויי כאַווײרים האָט עס ניט געפּאַסט: דער הירזשע האָט אַרויסגערופנ מאַטיעס פּענעצל פונ דער וואַנט-פאָרטקע:

— וואָס שטייט איר, פּיפּערנאָטערס, אַ רועכ אינ אײַער געפּיי-נערטנ...

ביידע, ליאָמ אונ פּעטריק, שטייענ בײַ דער הויכער וואַנט, שטײַפּ אויסגעצויגנ, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט אונ אָנגעבלאָזענע פּענעמער.

מאַטיע איז באַלד צו זיי אַרויסגעלאָפֿן:

— שטייען, כאַטש מעלק זיי אויס! הער, אַרויס מיט לאָשן!

— זאַבאַסטאָווקע! — האָבן ביידע אויסגעשאָסן.

מאַטיע איז מעוווּלבל געוואָרן, באַלד זיך צעקאַטשעט פֿאַר געלעכטער: ער האָט נאָך ניט געוווּסט, צי זאָל ער אַליין נעמען די לײַט אָפּן צימבל, צי אַרויסרופֿן דעם באַלעבאָס.

ביידע ייִנגלעך זײַנען אַלץ אַזוי שטײַף געשטאַנען בײַ דער וואַנט און געברענט, ווי פֿײַער.

— שטייט-זשע, קינדערלעך, שטייט-זשע אַזוי, טײַערינקע, איין רעגעלע; כ'רוף נאָר אַרויס דעם באַלעבאָס, זאָל ער אָנקוועלן אָפּן נאָכעס!

מאַטיע האָט אַ וויש אויס געטאָן די קאַליע אויגן און אַ שפּרונג צום גאַנעק.

סאַלי, וואָס איז אויך אָנגעלאָפֿן פֿון ערגעץ, איז צוגעשפּרונגען צו די צוויי ייִנגלעך און צעקרימט איר פֿאַרכמורעט פּענעמל:

— גיכער טראָגט זיך אָפּ, גיך, איידער ער קומט אַרויס... נו, וואָס שטייט איר? אָט גייט ער!... אוי, כעוורע...— האָט סאַלי שטיל זיך געקאָכט — ס'האָט געוואָרפֿן מיט איר.

זיי האָבן זיך פֿון אָרט ניט גערירט. ליאַם נאָר האָט זיך נאָך מער אָנגעבלאָזן... צוגעקלעפּט צו דער וואַנט, האָט ער געפּלאָנטערט מיט דער צונג:

— זאַבאַסטאָווקע, שטעל זיך אויך צו צו אונדז. ביסט אויך אַן אַרבעטער, קלײַבסט ריעשקעס פֿאַר דײַן מאַמען...

הייזאַגטער איז טייקעף אַרויס פֿון שטוב אין אַ געקווייטלטן זשילעט מיט אַ גראָבער זייגער-קייט. רויִק איז ער צוגעגאַנגען צו די צוויי ייִנגלעך, וואָס זײַנען ווי צוגעשמידט געווען צו דער וואַנט און די פּענעמלעך האָבן געפֿלאַקערט און געשוויצט, שטאַרק געשוויצט, מיט גרויסע שוויס-טראָפּן.

הייזאַגטער האָט זיי ביידן אַ נעם געטאָן, אָפּגעריסן זיי פֿון דער וואַנט:

— וואָס איז?

— מיר ווילן...

נאָר ווי הייזאַגטער האָט זיי געהאַלטן יעדערן אין אַ לאַפּע זײַנער, אַזוי האָט ער זיי צעפֿירט איינעם פֿונעם צווייטן און מיטאַמאָל אַ זעץ גע-

טאָנ איינעם אינעם אנדערנ; און נאָכאַמאָל זיי צעפּירט — און ווידער איינעם אינעם אנדערנ מיטנ גאַנצנ קויעכ — באַצ!

— אינ אייַער געפּייגערטנ טאַ-טנ אַרייַנ! נאָט געגוגג, וואָס וויסטע יעסוימים — איז נאָכ גאָר באַסטאָיוקע!

און ווידער צעפּירט און ווידער אַ זעצ איינעם אינעם אנדערנ:

— אייַער געבייִנ זאָל דאָ ניט זייַנ, איר הערט! — וואָנ׳ט, פּאַר-דריפּעטע בערקוטנ!

און ווי צענעריקטע הינטלעכ זיי אַ שלייַדער געטאָנ פּונעם הויכנ מיסט-באַרג אַראָפּ.

פעל

1.

נאָך דער מאַפּאָלע מיטן „שט־ײַק“, וואָס האָט זיי געוויזן, אז דער באַלעבאָס האָט פאר זיי קיין ברעקל מוירע ניט, נאָך אָט דעם מיטן דורכפאל,— האָבן די צוויי כאַווײרים נאָך איין קלאַפּ געכאַפּט: דער ארשינ איז פארשוווּנדן איבער עפּעס א פארדרייטער געשיכטע מיט הרושקער צוקער-זאַוואָד, מיט די ארבעטער דאָרט, מיט אן אָנפאל פון זשאַנדאַרן אפ דער שטאָט.

איז וואָס-זשע האָט מען נאָך צו טאָן דאָ, נאָך וואָס ארומבלאָנקען אפ דער ווײַסער וועלט?... אז הײַזאַגטער שטייט ווי א פעלדז, און דער ארשין איז ווי א רויך פארשוווּנדן!

אַוואַדע איז טעקלעס ווייטעק גרויס, גרעסער, ווי די זיבן קאָפּעקעס, וואָס פּעטריק האָט אופגעהערט פארדינען. און דער באָבעס ווייטעק איז ניט קלענער,— נאָר קענען זיי פארשט־ין דעם גאַנצן הארצווייטעק פון דער מאַפּאָלע מיטן שטרײַק און דאָס פארשווינדן פונעם ארשין!?

די כאַווײרים האַלטן זיך אינײנעם. נאָר קיין שמועסן בינדן זיך ניט, און דאָס ליידיקגיין איז א שווערער אָל.

בא ליאַמען האָט זיך דערוועקט א דאָרשט נאָך ביכלעך, נאָר ער האָט שוין אלץ אויסגעלייענט, אפ קיין נײַע האָט ער קיין געלט ניט... און פּעטריק האָט הארט, אײַנגעשפּארט געבורבלט איינס:

— מע מוז זיך אוועקלאָזן... לאָמיר אוועק... קיין ניקאָלײַעוו לאָמיר אוועק. דאָרט זײַנען דאָ א סאך זאַוואָדן, זאָגט מען...

נאָר פייסעך פוסטילניק האָט געהייסן דער באָבען ברענגען דאָס אייניקל, ער וויל אים צונעמען צו די פעל.

און מיט פייסעך פוסטילניק איז מאָדנע: נאָך וואָס האָט ער אים געהייסן ברענגען צו זיך? די שטאָט האָט שוין געקלונגען, אז ער, ליאַם, איז אן אויסוואורף, און קיין שום באַלעבאָס וויל אים ניט אָננעמען.

אָבער בא פייסעכ פוסטילניק האָבנ זיכ קיינ ייִנגלעכ ניט געהאלטנ, וויַל זייַנ ווילדער זונ ארע קענ מיט זיי ניט אויסקומענ, — האָבנ זיי ליאמענ צוגענומענ.

ליאמ גייט פונעמ שעכטהויז, ס'איז אָנהייב פרילינג, בלאָטיק. ער טראָגט אפ די פלייצעס צוויי רינדערנע פעל. זייַנ ייִנגלש פאָנעמ שלאָגט מיט שוויס, זייַנע פעסטע, יוכטאָווע שטיוול גוואדזשענ אינ דער בלאָטע.

ס'א ווינט, נאָר דער ווינט מאכט ניט קילער, וויַל די שווערע צוויי רינדערנע פעל פארענ די פלייצע, סע שלעפט זייַנ ייִנגלשנ קערפער צו דער ערד. פונ איינ זייַט טעלעבענדענ זיכ די ווידלענ מיט די צעצוי־גענע לאפעס, פונ דער צווייטער זייַט — די פארבלוטיקטע קעפ, וואָס טריפנ אויס דעמ לעצטנ טראָפנ אינ דער בלאָטע אריַינ. סע ציִענ זיכ בלוט־טראָפנס פונעמ שעכטהויז ביז דעמ פוסטילניקס קאמער.

ער שטעלט זיכ אָפ הינטערנ בערגל, די שטאָט זעט מענ נאָכ ניט. פרילינגדיקער ווינטיקער האלבער טאָג איבער פעלד, איבער טייַכ, איבער דאָרפ, וואָס שטייט צוגעפלעטשט אָנ דאָרט, אכנ וויַיטנ בארג.

ליאמ וויל עפענענ א ביבליאָטעק אָבער וויִאזוי? — כאלוימעס!..

אז אהיימ קומט ער אזוי זעלטנ; די באָבע, פעטריק, עלקע, ווייסנ גאָר אפילע ניט, וואָס דאָס איז פאר א קאטאָרגע — פעל. אָט וועט ער זיכ קוימ דערשלעפנ, וועט מענ אימ אָנהייבנ רופנ אינ אלע זייַטנ: די באלעבאָסטע — אינ דער קיכ, דער באלעבאָס — צו פארייַבנ קאנטנ אינ די זוילנ־טאָוולענ; ארע וועט שרייַענ: די פעל צעהענגענ! — אז ער איז גאָר אויסגעווייקט אינ שוויס, אונ אלע ביינער ברעכנ פונ אָט דער הייסער שווערקייַט!

די שטאָט זעט מענ ניט פונדאנענ. פעטריק קענ נאָכ ניט לייענענ, וויַ־זשע וועט ער לייענענ די ביבליִאָטעק? ווער וועט לייענענ? ווי דער־וויַיזט מענ פעטריקנ... ווי רעדט מענ מיט אימ וועגנ דעמ!.. פונעמ אר־שינ ניטאָ קיינ שומ יעדיִע... קיינער ברענגט ניט — ניט הייזאגטער, ניט קאטראָכ... דאָרט זיצט פייסעכ פוסטילניק, שנייַדט צו פרישוועס אפ גאָרגנ, מיניארקעוועט אויס, אז פונ דעמ רוקנ זאָל וואָס מער ארויס.. כאָטש ער איז שטענדיק פארכושט, פארזונקענ אינ כעזשבוינעס, דרא־קעט מיטנ קרייַדל אפ אלע שטיקלעכ לעדער, סטויקעס, טישנ אונ ווענט — פונדעסטוועגנ האלט ער ליאמענ אינ אויג, אונ אז יענער פארהאלט זיכ ערגעצ, הייבט ער אופ דעמ קאָפ פונ זייַנע כעזשבוינעס אונ בייזערט זיכ:

„די פּעל נאָך ניט געשפּיליעוועט, באַם צעפּרישוועגע דעם יוכט ניט געווען, די שפּאַלטיוקע ניט צעוויגן...‟

הינטערן בערגל איז אַזוי שטיל, די פּעל פּאַרען אָפּ די הויט אַפּ צום כאַלעשן, ליאַם לאָזט זיי אַראָפּ פון זיך, דער ווינט שלינגט, לעקט אָפּ פון ליאַמען דעם שווייס, נעמט אים דורך. אַ קאַלטע פײַכטקייט פּיבערט אים, — שלעפּט ער צוריק אַפּ זיך די פּעל, וואָס גליטשן זיך מיט שווערקייט אַראָפּ.

באַרג-אַרויף, — ווי אַ יונג לאָשעקל שלעפּט אַ שווערן מאַסע-וואָגן, — איז אים הײַנט באַזונדערס שווער, כאָטש ער קען שוין אַריבערציִען די העכסטע שקאַפּע-פּעל אַפּ דער העכסטער באַנטינע...

אַ פּאָר יונגע יאַטקע-הינט קומען אים אַנטקעגן, אַ פּאָר עלטערע זעען אים אויך, נאָר בלײַבן ליגן אין די קופּעס אַש, רירן זיך ניט, ווייסן, אַז פון אָפּגעשונדענער פּעל קריגט מען שוין גאָרניט. ליאַמען קענען די יונגע און די אַלטע הינט זייער גוט: אין די גרויסע פרעסט לאָזט זיי די באָבע אַרײַן צו זיך אין קאַמער, אין דער שטרוי.

נאָר דעם מאַרק דורכשלעפּן, אַפּן בוידעם, און — צום פּאַקנטרעגער, ער שלעפּט זיך פאַרבײַ ליידיקע קופּעס פרישׁ אַש, סע שלעפּערט אים, סע נאָגט: געשוואָלן, דאַכט זיך, איז ער.

אַפּ אייניקע קלייטלעך-טירן שטייען וואַרעם-געלײַבלטע און געמײַנט-קעוועטע קלייטניקעס. אייניקע זיצן נאָך איבער פײַערטעפּ, פאַר גע-ווינונג. פון די פיר מאָל פאַרוויקלטע שאַלעכער-קעפּ קוקן אַרויס וואַ-רעמע אויגן, נאַסינקע, פאַרבענקטע נאָך אַ קוינע.

יעדערער פון זיי האָט שוין פון זײַן שוועל געשריגן צו דער פור האָלץ, וואָס שטייט איינע אַליין אין פּוסטן מאַרק. און פון דער פור האָט אַ יונג פויערל צוריקגעשריגן אַ צו הויכן פרײַז, און — שאַ — שטיל. גייט עמעצער דורך, באַגלייט מען אים אַזוי ווײַט, אַפּ וויפל סע קלעקט דער קער פון אויג אינעם ניט-באַוועגטן, פאַרוויקלטן קאָפּ.

ליאַמען איז זייער כּריקרע, מאָדנע פריקרע, וואָס יאָסי ליבערס שטייט אַפּ דער שוועל.

פון אַ זײַטיק געסל — אַ היימישער רוף:

— ליאַמע!

קוקט ער אַפּ זײַן באָבען מיט צאַר און ליבע, — אָט איצט זעט זי שוין אויס אַלט, יטאַמאָל זיך אַראָפּגערוקט.

ליאם האלט קוים די פעל, וואָס האקן אים אין האלדז-און-נאקן, פארעגן אים אָפּ דאָס לײַב. ס'איז פונקט פאר יאָסי ליבערס טיר...

קומט צו די באָבע, — דאָס אומגעלומפּערטע קליידל נאס, טוקט זיך אלעמאָל אין דער בלאָטע. זי גייט אין ארומגעגנייטע, איבערגעקערטע פּושטעלעך, וואָס זײַנען געבליבן נאָך דער מאמען, — זיי שטרעקן זיך אלעמאָל ארויס פון הינטערן שווערן קלייר, ווי טויטע, טונקעלע הינטלשע קעפּ. איר פּאָנעם — געל, און די אויגן - יונג און אומגליק-לעך. פון דעם הונדערט מאָל געלאטעטן, טויזנט מאָל געלאטעטן שאל שטעקט ארויס איר קאָפּ אין א דין טיכל, מיט א שפּיץ, ווי א האָרן.

— ליאם, וויי ז'מיר!

— וואָס איז, באָבע?

— ווי ווײַזט זיך ניט א באָכער אהיים? וואָס איז דיר? ביסט גע-שוואָלן, ליאם? — און די נאָז פלאמט בא דער באָבען, — גיך שלעפּ שוין צו, און בעט, טע זאָל דיך אהיים לאָזן...

די באָבע בייגט זיך אָן, וויל אים העלפן. די קלייטניקעס קוקן אין שטילקייט, ווי ליאם בעט זיך בא דער באָבען; יאָסי ליבערס זעט עס, ווי ער בעט אײַנגעהאלטן און פארשעמט:

— ס'א ביזויען, באָבע, לאָז אָפּ... באָבע, כ'קום באלד, כ'קום באלד אהיים... און ער פילט טאקע, ליאם, אז ער איז געשוואָלן, אין קאָפּ שפּרינגט עפּעס ארום...

.2

איבער דרײַ קאמערס און איבער דער שטוב פון די פּוסטילניקעס — גרויסע בוידעמער, הויכע באָנטינעס. איבער אלע זיי צעהאנגען: רינדערנע, שקאפּענע, שאָפענע, לאָשעקענע, קעלבלשע פעל. הענגען שורעסווײַז, צעצויגן, ווי אין א געלויפּ; די פעל-פיס מיט ווײַסע אָטשע-רעט-ווירעלעך צעשפּיליעוועט, זעען אויס, ווי לירעס.

ליאם האָט זיי קונציק אויסגעהאנגען: אָפּ די הינטערשטע באָנטי-נעס — די גרויסע פערד און אָקסן, איבער זיי — לאָשעקעס, איבער די לאָשעקעס — שעפּעלעך און ציגעלעך, אלע מיט אויסגעצויגענע קעפּ. איינציקע ציגעלעך צעשפּיליעוועט אין דער ברייט, זעען זיי אויס, ווי פלעדערמײַז. אזוי איבער אלע בוידעמער — מעכטיקע טאבונען, מיט קריגערישע קעפּ קעגן ארײַנגאנג.

דערמיט האָט ליאמ געוואָלט עמעצנ איבערשרעקנ. איז טאַקע פּיי-טעכ פּוסטילניק איינמאָל ארופ, ווי שטענדיק, פארטראָגנ, מיטנ קרייַדל גרייט צו כּעושבּענענ, זיכ א כאַפּ געטאָנ צוריק — אונ אויסגעשריגנ:

— קכע, א יונגאטש קענ!...

ליאמ האָט געזאָגט, אז אזוי טריקענענ זיי בעסער... דער באלעבאָס האָט געענטפערט:

— א ליגנ מיט א סימענ...

נאָר זינט ליאמ דינט דאָ, האָבנ די פּוסטילניקעס שוינ פארגעסנ וויפל א פעל וועגט, אונ וויפל זי וועגט, אז מע ציט זי א גליטשיקע אפ דער קיילעכדיקער באָנטינע. קיינער פונ די פּוסטילניקעס רירט זיכ צו קיינ פעל ניט צו. מעג ליאמ צעהענגענ, ווי ער וויל.

אז סע קומט דער סעזאָנ פונ די לאָשעקלעכ, אונ כאַפּטעסווייַז טרייַבט מענ זיי הינטער די דילניצעס, אוועקצולייגנ אונ אָפּצִיענ די פעלעכלעכ פונ זיי, דערפילט ערשט ליאמ, אז אינדערעמעסנ ווייסט ער נאָכ ניט דעמ איקער פונ זייַנ פאכ: פונ וועלכנ לאָשעקל איז די פעל א טייַערע, אונ פונ וועלכנ — א פּאָשעטע... אלע לאָשעקלעכ זייַנענ אימ ליב, אונ זייערע פעלעכלעכ, וואָס ער ציט אראָפּ, ווי לאסטיק, ווי פליוש פונ די דינע מילכיקע ביינדלעכ, זייַנענ אימ גלייַכ טייַער.

ליאמ זעט אָבער, ווי דער באלעבאָס רופט ארייַנ דעמ זונ, ארענ, אונ מאכט צו דאָס טירל פונעמ אלקער, לערנט אימ בעסאָד, ווי צו דער-קענענ דאָס גוטע פעלעכל פונעמ פּראָסטנ. וואָרעמ, איינס א פעלכל קענ ווערט זייַנ 25 קאָפּעקעס, אונ א צווייטס — 2 רובל. אונ סאכאקל קויפט מענ דאָס לאָשעקל — פונעמ גוטנ פעלעכל, ווי פונעמ פּראָסטנ, — פאר 15 קאָפּעקעס. קומט אויס, אז געהארגעטערהייט באקומט ערשט דאָס לאָשעקל די רעכטע פּרייַז.

איינמאָל האָט זיכ ליאמענ געכאָלעמט:

ער קומט ארופ אפ די בוידעמער: אלע אויסגעצויגענע, קאָלירטע פעל הייבנ אָנ שפּילנ מיט די לירעס, שטיל אונ שטארקער — איבער אלע בוידעמער. די פעל ווערנ לעבעדיק, ווארפנ אראָפּ דעמ דאכ אונ יאָגנ אוועק אינ דער הייכ, איינס נאָכ איינס — טאבונענווייַז, אונ ארע פּוסטילניק — כאַפּט אימ, אונ מיט דער צווייטער האנט כאַפּט ער פּעט-ריקנ, צעפירט זיי איינס פונעמ צווייטנ... אונ מיטאמאָל — א זעצ איינס אינ אנדערנ... אונ שרייַט מיט זייַנ גרויסער פארלייגטער נאָז:

— גאָנעפעצ! אומזיסט אזוי צעהאנגענ, די פעל זאָל קאָנענ אנט-לויפנ..

3.

ווענ ער הייבט דעמ גרויסנ טשוואָק פונ דער טיר-קליאמקע, קילט אינ הארצנ: פונ דער אלטיטשקעס צימער וועט ארויס א קוימ-קוימ אויסגעקרעכצטע שטימ:

— יאָסעמ, דאווענענ!...

אונ פונ דער קיכ — דער באלעבאָסטעס טרומייטנ-קאָל, וואָס קנוילט זיכ, ווי פונ די באלקנס אראָפּ:

— קוימ מיטאמאָל!... גיי ברענג...

אונ איר ריזיק געשטאלט טוט זיכ א קרימ אונטער א דוישיקנ שנייצ די נאָז.

אונ פונ קלייט ארויס — א געהאקטער געבייזער פונ דער פארלייג-טער נאָז:

כ'וועל די' געב', ווארט, — שוינ א צענט' פארזאָג!..

סע טרעפט, אז זיי שטייענ אינאיינעמ, פאלט א פאכעד: ליאמ מעסט זיכ מיט זיי — דער באלעבאָס איז צוויי מאָל גרעסער פונ אימ; די באַ-לעבאָסטע — מיט א קאָפּ גרעסער פונעמ באלעבאָס, אונ ערע — מיט צוויי קעפ גרעסער פונ דער מאמענ. אלע קענענ גוט שעלטנ, — באזונדערס, אז זיי קוקנ דורכנ פענצטער צו דער ווייסער שטוב מיטנ הויכנ גאנעק, ווו עס וווינט דער קאָנקורענט — דער סאמ פונ זייער לעבנ.

די שטרענגע באלעבאָסטע בריט זיכ די לאנגע הענט באמ אויוונ, אירע לאנגע גרויסע פיס שטעלנ קליינע שפאנ אינ קליינעמ קיכל, איר גרויסער גופ פארשטעלט די שיינ פונ אייינציקנ גרויענ פענצטערל. פונ אויוונ-פייער גייט ארויס דער גוטער, דער געפּרעגלטער רייעכ פונ קנישעס אונ לאָזט זיכ אוועק איבער אלע צימערלעכ, ציט זיכ האסטיק-לאסטיק איבער די געכעושבנטע, געקריידלטע, געמעקטע טישנ, אונ אז מע הייסט ליאמענ איבערוואַרפנ די זעק אונטער דער סטויקע אונ אויס-זוכנ פלאטענע ראנצנ, — בייגט זיכ אויכ אהינ אראָפּ דער גוטער רייעכ פונ קנישעס, וואָס שלאָגט אָפּ דעמ רויענ טראָנ-געדוכ אונ פאָכעט ליא-מענ פאר דער נאָז, פאָכעט אָנגענעמ...

קומט בער-האָלפ דער שוסטער, — ער האָט א דיקנ בויכ, — דינגט

 761—7

ער זיכ שאָענוויַיז פּאַר א גראָשנ, אונ פּייטעכ פּוסטילניק מאכט פּאַר אימ כעוזשבוינעס, דרייט אלעמאָל איבער דאָס קריַידל, אונ דערוויַיזט, אז ער קענ ניט. געד׳יערט עס לאנג, קענ מענ דערוויַיל ארויס איג דער קיכ, אזוי, א טרונק טאָנ...

— ליאמ, גיכ, כאפּ אריַינ א בערעמ האָלצ!

קליַיבט ער זיכ א ביסל, טאפּט זיכ די באקנ: „זאָגנ איר פּאר די קנישעס, אָדער נאָכ די קנישעס?

— די באָבע האָט געזאָגט...

דער באלעבאָסטעס צעפּלאמט פּאָנעמ מיטנ פּאָלאָנעק:

— וווּוואָס?

— די באָבע זאָגט, כ׳בינ געשוואָלנ.

זי בייגט זיכ איבער, שלעפּט ליאמענ צומ פענצטער, באקוקט זיַינע הענט, באטאפּט זיַינע באקנ, צעשפּיליעט זיַינ העמדל אונ רוקט אימ אריַינ אינ בוזעמ איר הייסע, גרויסע לאפּע, ווי א ריביַיזנ.

— די באָבע האָט געבעטנ מיכ אָפּלאָזנ אהיימ אפ א טאָג.

די באלעבאָסטע צענעמט די הענט:

— פרעג איכ דיכ!.. מע קענ כאָלילע פונ אזא באָכער אומגליקלעכ ווערנ... — פּייסעכ!..

אונ זי גייט אינ קלייט צומ מאנ.

בליַיבט ליאמ אליינ אינ קיכ: צוויי בעקנס קנישעס... ליגנ נאָכ אינ שורעס... ניט צעוואָרפנ... קאָפּ דרייט זיכ... צימעס אינ א שיסעלע, די קאצ לעקט... אזא קאצ!.. די פיס — שווער... צומ פאקנטרעגער... פעט-ראָ, צוויי מאָל ביבליאָטעק בייַטנ... ברוינע בעקנס קנישעס... נאָכ אינ די שורעס...

די באלעבאָסטע האָט א צעטראָגענע אָפּגעגעבנ ליאמענ קנישעס. אימ געהייסנ גיינ אפ דער הינטערשטער טיר, מע זאָל ניט זענ, אז בא איר ווערט מענ געשוואָלנ.

זי האָט נאָכגעשריגנ:

— קומ מאָרגנ צוריק! — הערסט?!..

דער ארשינ

.1

שוינ א שטיק צײַט, ווי מע האָט אופגעהערט ליאמענ צו געבנ עסנ אפ דער קיכ — באגלײַכ מיט אלע פּוסטילניקעס אימ געזעצט צום טיש.

פאר ליאמענ איז דאָס געווענ אי צום בעסערנ, אי צום ערגערנ. צום בעסערנ — ווײַל די מײַכאָלימ זײַנענ גוטע, ניט דאָס, וואָס מע פלעגט אימ געבנ אינ קיכ; צום ערגערנ — ווײַל מע עסט אלע פונ איינ שיסל. אונ דאָס איז א באזונדערע קונצ: מע דארפ קענענ ניט פּלאָנטענ מיטנ גאָפּל צווישנ זעקס אנדערע אונ זיכ ניט לאָזנ באקריוודענ...

ליאמענ ווארפט מענ אונטער די קלאָטשיקע שטיקלעכ פלייש אונ נעמענ דארפ מענ נאָר בא דער אייגענער זײַט. טאָמער אָבער גלוסט זיכ אימ אויכ א ווייכ שטיקעלע פלייש, אונ די ווייכע שטיקלעכ ליגנ דאָכ נאָר בא די פּוסטילניקעס זײַט, — נו, איז אויב מע איז ניט קיינ נאר... מע נעמט טאקע דאָס קלאָטשיקע שטיקעלע פונ דער אייגענער זײַט, נאָר מע שטעקט עס קוים אָנ אפנ גאָפּל אזוי, אז דאָס זאָל באלד ארָאָפּפאלנ אונ טרעפנ פּונקט אינ סוינעס זײַט; לויפט מענ דעמ נאָכ מיטנ גאָפּל אונ מע טרעפט אינ א צווייט שטיקעלע... איז פארפאלנ... דײַנע סאָנימ, וואָס שפּירנ אופמערקזאמ נאָכ, ווי דו עסט, זעענ עס דאפקע, נאָר קענענ זיכ ניט כאפּנ, אויב דו מאכסט עס קונציק אונ פלינק.

ווי שווער ס׳איז צו דערלערנענ אָט די הילכעס-אכילע, האָט ליאמ דערפילט אפ זיכ אליינ.

איינמאָל האָט ליאמ געגעסנ העלדזל. ס׳איז ערשט געווענ נאָכנ צע-הענגענ א סאכ שווערע פעל, האָבנ די הענט בא אימ געציטערט. ער האָט קוים אײַנגעהאלטנ דעמ צו-לײַכטנ גאָפּל, וואָס איז געשפּרונגענ אינ דער האנט. אונ הינגעריק איז ער געווענ, אונ דאָס העלדזל גע-פעלט אימ, אונ שטאָפּנ שטעפּט עס, אונ די פּוסטילניקעס, אויסגערוטע,

רײַבנ גיך, האָט ליאַם פאַר מירקײַט ניט אזוי פלינק געדודעוועט און אָנגעהויבנ זיך ווערגנ.

די באַלעבאָסטע איז אופגעשפּרונגענ, ארויסגעשלעפּט ליאַמענ אינ קיך און אָנגעהויבנ אים בוכקענ אינ דער פּלייצע:

— אז ער כאַפּט, דער בערקוט, אז ער שטופּט אינ זיך!

טרערנ האָבנ זיך ליאַמענ געשטעלט אינ די אויגנ. ער האָט אויס־געבראָכנ. ס'איז אים דעם גאַנצנ טאָג געווענ מיִעס אפנ האַרצנ. דער באַלעבאָס האָט שטילע טײַנעס געהאַט צו דער באַלעבאָסטע, וואָס זי האָט געזעצט ליאַמענ צום טיש, און די באַלעבאָסטע האָט בייז געקוקט אפ אָרענ און שטיל געשאָלטנ ליאַמענ און אַלע בערקוטנ פונ דער גאָרער וועלט.

אינ דעם טאָג האָט זיך ליאַם דערוווּסט, אז זײַנ עלקע איז פּלוצעם אָנגעקומענ פונ דער הרושקער געווירנטע, ווו זי האָט גענייט.

ער איז אראָפּ אַהיים, נאָר בא דער באָבענ גאָרניט געקענט דערגיינ.

— באָבע, וואָס איז מיט איר? — און איז רויט געוואָרנ, א שושקע געטאָנ: — די עקטיקע?..

— ניינ, געזונט.

— וואָ'דענ?

און ער איז נאָענט צוגעגאַנגענ צו דער באָבענ, זיך לעבנ איר אוועקגעזעצט, איר ארײַנגעקוקט אינ די אויגנ. די באָבע האָט זיך צו אים אָנגעבויגנ, געוואָלט עפּעס זאָגנ און זיך צוריקגעהאַלטנ.

ליאַם האָט ניט אָפּגעווענדט דעם בליק פונ איר.

— כ'בעט דיך, באָבע, כ'קאָנ שוינ מער ניט אויסהאַלטנ...

די באָבע האָט געהייסנ צושליסנ די טיר און שטיל געזאָגט:

— די הרושקער געווירנטע האָט זי ארויסגעוואָרפנ. עלקע איז מיט די הרושקער ארבעטער איינ קאָמפּאַניע און מיט יענעמ זעט זי זיך אַלע טאָג.

— מיט וועמענ? — האָט ליאַמענ פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

— אָבער ס'איז א סאָד, ווײַל מע קאָנ אומגליקלעך ווערנ, כאָלילע. מע זוכט אים... ער האָט א סאַך מאָנים...

— ווער איז ער, באָבע? — האָט ליאַם הייס געשושקעט.

די באָבע האָט זיך ארומגעקוקט:

— מע קאָנ אומגליקלעך ווערנ, אויב מע דערוויסט זיך, הערסט? — און ליאַמענ אײַנגערוימט:

— מייערל הייסט ער. מייערל שפּאָן!

ליאַמ האָט זיך א כאַפּ געטאָן, אויסגעגלאָנצט די אויגן, אַפּ דער באָבען און שיִער ניט א געשריי געטאָן:

— דער ארשיִן?

— יאָ, דער ארשין, ווי איר רופט אים.

ליאַמ איז אויפגעשפּרונגען פונעם אָרט. א צעטראָגענער דורכגעלאָפן דאָס ברעקל צימער און פאר פרייד אָנגעכאַפּט די באָבע:

— אוי-אוי, — האָט ער נאָר געקאָנט אויסרעדן, — אוי-אוי.

דערנאָך האָט ער ערשט אָנגעהויבן פרעגן און כידעשן זיך, אים איז גאָר ניט איינגעפאלן, אז עלקע איז אזא כאכאָמע! אז איר ליגט אזוינס אין קאָפּ! פארוואָס האָט זי קיינמאָל מיט קיין וואָרט ניט דער-מאָנט, אז זי קען אים? א מענטש איז זי! א מענטש!

— ער איז דאָך אָבער ניטאָ, באָבע. ער איז דאָך פארשוווּנדן גע-וואָרן!

— ער איז שוין דאָ...

— ווואָאָאָס?

— שטיל, קום אהער, וווּהין לויפסטו, נאריש יינגל, זיצ. דאָס האָב איך דאָך גערעדט מיט דיר, אז מע קאָן אומגליקלעך ווערן. שאַ-שטיל דארף זיין. ביסט שוין ניט קיין קינד. קיין פּיפּס ניט טאָן. עלע ניט — זיינען מיר אלע פארפאלן.

— גוט, באָבע, גוט, כ'פארשטיי. כ'בין מעשוגע, וואָס? גוט, גוט...

2.

דעם צווייטן טאָג פארנאכט האָט מען שוין אין אלע גאסן גע-רעדט, אז דער ארשין איז אין שטאָט. באלד איז געוואָרן א קאָך. הייזאגטער מיט א פּאָר רייטער פּאָליציסטן, מיטן פּריסטאַוו, האָבן ארומ-געיאָגט, ארומגערינגלט הייזער, געקראָכן אין קעלערס, אַפּ בוידעמער, אין די גערטנער, אין די ריוועס. אָט האָט מען אים געזען דאָ, אָט האָט מען אים געזען דאָרט — די שטאָט איז געגאנגען כאַדאָראָם.

מע דערציילט, אז ער איז דאָ צוליב עפּעס א וויכטיקס אראָפּגעקו-מען, זיך מיט עמעצן געזען דאָ, עפּעס אָפּגערעדט, און — א „פּאָדיפּאַל-נעסט פון א יונגע!" — אליין אריינגעקומען צו קאטראָכן אין שטוב אריין.

— די שאָ דײַנע װעט קומענ, װאַרט... פאַר דיר אינ דײַנ גלײַבנ. װאַרט... ליאמ האָט אַלצ געהערט, אונ ס'האָט אימ געקװעלט. ער האָט געװוּסט, אַז דער ארשינ איז נאָכ נעכטנ צוריק אַװעק, אונ זאָלנ זײ זיכ היצנ אונ אַרומשמײַענ.

עלקע איז אינ זײַנע אױגנ אױסגעװאַקסנ, פּונקט װי דער ארשינ מײערל שפּאַנ. אונ בײדע — זײַנענ זײַנע! זײער געהױבענער גרױסער סאָד איז געװאָרנ זײַנ סאָד, אונ ער האָט עס פאַרשמידט מיט שװײַגנ בא זיכ אינ האַרצנ.

אײנס האָט אימ געפּײַניקט, צי מעג ער דערצײלנ פּעטריקנ... װי קאָנ ער רעדנ מיט פּעטריקנ אונ אימ ניט זאָגנ דערפונ!

אַזױנע עטלעכע געיעגנ, מיט װוּנדערלעכע מײַסעס, אַז אָט האָט זיכ װידער באַװיזנ דער ארשינ, אָט האָט מענ אימ געזענ דאָ, אָט דאָרט — אַזעלכע פּלוצעמדיקע אופ־ודרונגענ זײַנענ אָפּט געװאָרנ, נאָכ מיט א צוגאָב: האַריגעס צװישנ די הרושקער אַרבעטער מיט הײזאַנטערנ אונ זײַנ קאָמפּאַניע.

סײַ ליאמ, סײַ פּעטריק, האָבנ אינ די האַריגעס שטילערהײט אָנטײל גענומענ, מיט װאָס נאָר געקענט — געהאָלפנ די הרושקער...

אונ אַרע פּוסטילניק האָט אַלצ געװאַרט, אַז עלקע װעט קומענ צו אימ, װי זי האָט איבערגעגעבנ... דערװײַל האָט ער זיכ געמאַכט א טע-װע, אַז װי נאָר ליאמ קומט אימ אונטער דער האַנט, טוט ער אימ א הײב, א ריס, הײסט אימ איבערשפּיליעװענ די פּעל, אַפּצולאָכעס: — די שװערע רינדערנע זאָל ער צעהענגענ אַפּ די העכערע באַנטינעס. אונ טאָמער איז ליאמ ניטאָ אונטער דער האַנט — זוכט ער אימ, גלײַכ ער קענ זיכ אָנ אימ ניט באַגײנ.

איבער אַרענ האָט ליאמ פאַרפעלט א סאַכ מאָל זיכ זענ מיט עלקענ אונ פּעטריק זעט זיכ מיט איר אָפּט אונ װײסט שױנ װעגנ דער כעװרע א סאַכ זאַכנ אונ דאָס אַרט אימ, ליאמענ.

ראָסל־פּלייש

פריִער האָט צוויי טעג נאָכאנאנד גערעגנט, דערנאָך האָט מיטאמאָל א יאָג געטאָן א פראָסט, א גאָר אומגעווײנלעכער און אומגעריכטער, גלײַך ער האָט זיך אופגעהאלטן דאָ דערבײַ אין וואלד, נאָכגעשפּירט נאָכן דרויסן און פּלוצעם אָנגעפאלן.

ארע פּוסטילניק איז געפאָרן מיט א פור לעדער אפן יאריד, און, ווי ער איז זיך גויהעג די לעצטע כאדאָשים, מיטגעשלעפּט מיט זיך ליאמען.

און ליאמ איז אלץ ניט געוואקסן. כאָטש אינגוויניק איז וואָס אמאָל מער און מער צוגעקומען שטאָלץ און האָפענונג — פון יענער ארבעט, וואָס סע פירט דער ארשין און זײַן עלקע. די אָרעמע און די רײַכע, די ארבעטער און די באלעבאטים, — זײַנען אייביקע סאָנים. מע וועט זיך שלאָגן, — שלאָגן זיך מוז מען, מע דארף וואקסן און גרייט זײַן דערצו.

אָבער קיין לײַב נעמט ער אפ זיך ניט, ליאמ, און ס'איז פּאָשעט א ווייטעק צו זען, ווי ער זעט אויס אין אזא פראָסט, אפן יאריד, בא ארע פּוסטילניקס זײַט, אונטער דעם פּוסטילניקס שווערער האנט, צערייצטקײַט און זידלערײַען.

זיי זײַנען מיט דער פור ארײַנגעפאָרן אין דאָרף, קיינעם ניט באַגעגנט. דער דרויסן איז איין שטאָלענער אויסגאָס. אפן טונקעלן אײַז, ווי קאלעמוטנער שפּיגל, האָט מען ניט געקענט ניט גיין, ניט פאָרן. די פערד האָבן זיך געשטרעקט מיט די בײַכער. די פאָדערשטע פיס האָבן ציטעריק באמיט זיך אָנכאפּן אין אײַז, און ניט גע|ענט — די הינטערשטע טיילן פון די פורן האָבן זיך געגליטשט מיט א זײַט און צוריקגעשלעפּט די פערד. דער מאָדנער ברוינלעכער גליטש-אויסגאָס און די פײַערדיקע ריטער פון פראָסט האָבן אָפּגעשראָקן די יארידניקעס, די פּויערים.

נאָר נאָך איין יארידניק שטייט אפן מארק: דער געלער אייערניק,

וואָס בײַט אלעמאָל זײַנע מיסכאָרים. איצט פאָרט ער מיט א שטעל טיכלעכ. ער רעדט פרויִש מיט א קוויטשיקל:

— ארע, — זאָגט דער אײַערניק אונ קלאַפּט זיכ מיט די הענט, אונ טופּעט מיט די פיס, טרײַבט דעם פראָסט פונ זיכ — ארע, מיר זײַנען אײַנע אפנ יאריד, הא?

אפ ארעס ריזיקער נאָז צעלײגט דער פראָסט א רויט פײַער, נאָר דער הײסער פארפארעטער קאטער אינ איר אינווײניק היט זי אָפּ פונ אראָפּפאלנ. ארע קוקט אפּ גאָרניט:

— צעלײגנ די קראָם — וועלנ קומענ קונים!

ליאמענ הײסט ער האקנ פלעקער.

די האק זאָוט זיכ אָפּ צו בײַסנ דאָס אײַז, די שארפע שפּרינגט צו־ריק, ווי פונ שטאָל, נאָר ליאמ האקט, האקט...

קײנ הונט וועט מענ ניט אינ גאס; שוינ צוואנציק יאָר, זאָגט מענ, איז ניט געווענ אזא פײַערדיקער פראָסט. ארע הײסט ליאמענ סאָרטירנ די לעדערס, אויסלײגנ זײ. אונ אלײנ גײט ער דערווײַל אינ טשײַנע ארײַנ: טאָמער א קונע — זאָל ער, ליאמ, לויפנ אימ רופנ.

דער ווײכער פלאט איז געוואָרנ חארט, דער הארטלעכער יוכט איז איצט ווי א שטײנ; ס'בלוט פרירט אינ ליאמענ, די בײנער־נעכלעכ ווערנ געלײמט.

שוינ אויסגעסאָרטירט, בלײַבט ליאמ זיצנ אפ די קני אונ פילט, אז ער פרירט. דער זינענ פארגעסט אלעמאָל, ווו די פארלעגערטע פיס זײַנענ. עלקע האָט געזאָגט, אויב סע וועט זיכ נאָר אָנהײבנ, וועט זי אימ אונ פעטריקנ נעמענ מיט זיכ; אינאײנעם מיטנ ארשינ אונ מיט די ארבעטער פונ הרושקער זאוואָדנ אונ מיט די מיל־ארבעטער אונ מיטנ פאָרעצס כעוורעלײַט וועט מענ שינדנ פאסעס פונ די הינט, מע וועט אלצ איבערקערנ האָרענ־קאָרענ.

די קרירע האָט שוינ אָפּגענומענ בא אימ די הענט, די פלײ־צעס, אונ קײנ ריר קענ ער זיכ ניט טאָנ. אָט־אָט יאָגט אָנ, פונ די אָפּגענומענע אײוורים, וואָס זײַנענ שוינ ניט זײַנע, יאָגט אָנ א געפיל צום נאָכ לעבעדיקנ זינענ. שרײַענ ווילט זיכ, שעלטנ, באקלאָגנ, אונ סע גײט אָפּ דאָס געפיל, סע גלוסט זיכ בעטנ, קליאנטשענ... ווי א הינטל נאָגנדיק: לאָז־ושע אָפּ... לאָז־ושע־אָפּ.. לאָז־ושע אָפּ..

אונ ווידער טוט א יאָג פונ ערגעצ א געפיל — אָט וועט ער אופּ־

שטיין, ליאָם, צוגעפלייגן גיך די קרעמ און אויך ארײַן אין טשײַנע, און אָרען אויסשטרעקן א גוטע פּוּנג:

— נאָ, נאָ, און ווייס, א רועכ אין דײַנע ביינער,—עלקע שפּײַט אף דיר, אלע שפּײַען מיר אף דיר!

נאָר ליאָם קען זיך ניט רירן פון אָרט. יעדער פּרווו צו רירן זיך טוט מוירעדיק וויי.

אָט קומט אָרע. די וואָרעמע טיי מיט בולקע קאַלויצן זיך אים אין די ביינער און גלאנצן אַרויס פון די באַקן, פון דער צעפאַרעטער נאָז.

— גיי,—זאָגט ער,—דערוואָרעמ זיך! מאַרש!

ליאָם וויל, נאָר ער קען ניט אופשטיין. ער וויל זייער, נאָר ער קען זיך ניט רירן, ער איז פּאַשעט צוגעפרוירן...

אָרע כאַפּט אים פון הינטן און רײַסט אים אָפּ. די פיס אָבער בלײַבן אונטער זיך, ער קען זיי ניט אויסגלײַכן. אָרע הייבט אים אוף, טראָגט אים אַזוי צו דער טשײַנע. ליאָמס פיס, ווי קראָקוועלעך געבויגן, שלעפּן זיך נאָך. מע קוקט פון די טרערנדיקע שײַבעלעך פון טשײַנע און מע לאַכט.

2

אין דעם וואָרעמען טיי-הויז זיצט אויבן אָן הייזאַגטער. לעבן אים—דער נעמען פון לוקיאַנאָווס מיל און נאָך סאָכרים, וואָס פאָרן דאָ דורך, דערוואָרעמען זיך דאָ, כאַפּן אַרײַן זיסע טיי מיט קישקע, ראָסל-פלייש און זראזעס.

הייזאַגטער איז אופגעלייגט, ווײַזט אויס, א קויטע גענומען. ס'איז דאָ, דורכן קאַנט, דורכגעלאָפן, ווי א וויכער, איינער א יאַטל כאַים-יאָסלס, וואָס איז אליין טאָקע א היגער, נאָר לאַנג שוין פון הי אוועק קיין דײַטשלאַנד. איצט איז ער אָרפּגעקומען א רײַכער מענטש און האָט אופגעגעבן גרויסע געשעפטן. אלע רײַבן זיך אַרום אים—דער בעסטער כיילעק איז, פאַרשטייט זיך, אָנגעקומען הייזאַגטערן; איז ער, ווי שטענדיק, אונטער א קויסע.

זײַן אופגעלייגטקײַט, זײַן רירן רייצט ליאָמען. יאָסי ליבערס איז אויך דאָ. אָט וואָרפט ער זיך איבער מיט הייזאַגטערן מיט גיפטיקע האָוויַעס. זיי זײַנען שטענדיק אף מעסער-שטעכ,—האָט די באַלעבאָסטע פאַר יאָסי ליבערס געגרייט צום טיש באַזונדער, אין איר אַלקער.

הייזאגטער האָט לעבעדיק געטונקט הייסע כאלע אינ ראָסלפלייש, פלינק גערוקט אינ מויל אריינ אונ דערביי גערעדט, געלאכט, געכאָב- מעט זיכ.

ארע איז אוועק צו דער שטעל. אונ ליאמ האָט זיכ צוגעשלאָגנ צו דער הרובע, דערפילט זיינ גאנצע נישטיקייט צווישנ אָט דעמ אוילעמ. נישטיקייט אונ עלנטקייט. אזוי פילנ זיכ אלע הונגעריקע, ווענ זיי פאלנ אריינ איינציקווייז אפנ יאָנטעוו פונ זייערע באלעבאטימ. ס'האָט אימ געפייניקט, די זאשפערעס אונ הונגער האָבנ אימ מוירעדיק גענאָגט די ביינער... נאָר א קאפ דערווארעמענ זיכ, וועט ער באלד זיכ אָפטראָגנ פונראנענ.

הייזאגטער האָט ריידנדיק, עסנדיק, אלעמאָל "געוואָרפנ אנ אייגל אפ ליאמענ. די לאקירטע באָרד זיינע, וואָס האָט געהאלטנ אינ איינ אונטערטאנצנ, האָט זיכ צו ליאמענ ניט אויסגעדרייט, נאָר א זייט אייגל הייזאגטערס האָט אימ אלעמאָל א שניט געטאָנ.

הייזאגטער האָט געענדיקט עסנ אונ איז אריינ מיטנ גראָבנ אונ דינעמ פינגער אינ מויל אריינ, ארויסקאלופענ שטיקלעכ פלייש פונ די באקציינער. זיינ צעפלאמט פאָנעמ איז אָנגעשטעלט פונקט קעגנ ליאמענ. דאָס מויל מיט די באָברענדיקע פינגער האָט עפעס א ניט-קלאָרנ מרוקע געטאָנ, ער האָט מיטאמאָל אופגעהערט באָברענ אונ זיכ צעלאכט:

— טוט א קוק, אָנ, בא דער הרובע... פאראיאָרנ... כא-כא... ער מיט נאָכ א שייגעצל,—באסטאָווקע...

אלע האָבנ זיכ אויסגעדרייט צו ליאמענ, וועלכער האָט זיכ איינ- געניורעט. פונ יאָסי ליבערס קוק איז אימ קאלט געוואָרנ אינ יעדנ אייווער. ליאמ האָט מיטאמאָל אפ זיכ דערזוענ דעמ שענדלעכנ בעגעד: די ארבל—איינער יאָקל, איינער פייוול, מיט א סעראטענער לאטע אפ אנ עלנבויגנ, וואָס שיינט, ווי א כיילעוונ ליכט. אלע האָבנ דערזוענ אָט דעמ עלנבויגנ.

הייזאגטער טוט א געשריי צו ליאמענ:

— קומ הער, נו, קומ הער, זאָג איכ! נו, ריר זיכ, וורנ איכ ברענג דיכ בא די אויערנ!..

ליאמ האָט זיכ ניט גערירט פונ אָרט, נאָר אָפגעגאָסטנ דעמ שעטעכ צו דער טיר: קלאָר—אנטלויפנ קענ מענ ניט.

אלצ לעבעדיקס אינ דער טשיינע האָט נייגעריק אָנגעשטעלט די

אויגן אפ ליאמען. הייזאגטער האָט זיך ראַשיק אײַנגענומען מיטן בענקל איבערגעבויגן:

— כ׳הייס דיר צוגיין אָט הער, סמאַרקאַטש דו! באַסטאָווניק, פערד איינער!—גייסט צו?

מיט ליאַמען האָט געוואָרפן. ער האָט זיך ניט גערירט פונעם אָרט, פארלוירנקייט און אומבאַהאָלפענער האָס האָבן געקניטשט זײַן אויסגעדעוועט גופֿל.

הייזאגטער האָט א באפעל געטאָן דעם סטראַזשניק.

— ברענג אים אָט הער!

דער סטראַזשניק איז אופגעשפרונגען, צוגעגאנגען שיקער, שטייענדיק אָנגעכאַפּט ליאַמען, אים צוגעשלעפּט צו הייזאגטערן.

— ווער האָט דיך אויסגעלערנט — באַסטאָווקעס מאכן?! — האָט הייזאגטער געפּאָכעט ניט א פויסט,—זאָג, ווו איז דער ארשין? זאָג, דו הינטישער קויט — ווו איז דאָס שייגעצל, דײַן שיינער כאַווער?!—כ׳מאַך פון דיר א מאַטשינקע!

הייזאגטער האָט אים אָנגעכאַפּט, ארופגעלייגט די לאַפּע אַף ליאַמס קאָפּ און צוגענייגט אים צום טעלער, צום איבערגעבליבענעם ביסל ראָסלפלייש.

— עס, פייגער איינער, עס—זאָג איך!

די גוט-דורכגעפּרעגלטע קארטאָפּלעס און די ברוין-צוויקע יויך מיט דער פּוכקער כאלע דערבײַ, וואָס הייזאגטער האָט ניט דערקײַט, האָבן אזא געשמאַקן זעץ געטאָן ליאַמען אין דער נאָז...

ליאַם האָט צוגעמאַכט די אויגן, זאָלן אזוי ניט שווינדלען, די רעגע געעפנט זיי, און א מוירעדיקער עקל האָט אים אָנגעכאַפּט צו אָט דעם ראָסלפלייש,—צום ברעכן. קויט,—האָט זיך אים געדאכט,—איז עס, מיעס, עקלדיק קויט, וואָס קיין שום שלונג קען עס ניט דערטראָגן.

— עס, זאָג איך,—האָט הייזאגטער געשאָקלט מיט ליאַמס קאָפּ איבערן טעלער, און הייזאגטערס רויט פּאָנעם האָט רויט געפלאַקערט איבער דער לאַקירטער שווארצער באָרד.—דו עסט, צי ניין?

ליאַם האָט זיך ניט צוגערירט, נאָר די ציין האָבן זיך אליין גע-שטשירעט צו הייזאגטערס האנט, וואָס האָט געהאלטן דעם טעלער,—די ציין האָבן זיך אלץ נעענטער און נעענטער געצויגן צו דער האנט... אײַנגעבײַסן זיך...

דעמלט האָט חייזאגטער ליאכענ א הייב געטאָנ אונ מיטאמאָל זייַנ פענעמל ארייַנגעטוציעט אינעם טעלער ארייַנ: ס'האָט אופגעשפריצט ברוינע ראָסלפלייש-יויכ.

אייניקע האָבנ זיכ צעלאכט. הייזאגטער האָט ליאמענ גיכ פונ זיכ אָפגעוואָרפנ אונ זיכ געכאפט פאר דער אייגענער האנט...

ליאמ האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפּ מיט צוגעמאכטע אויגנ, דאָס גאנצע פּאָנעמ איז געווענ פארשמירט מיט פעדעמלעכ פלייש, שטיקלעכ קארטאָפליעס אונ ברוינער פעטער יויכ. פונ נאָז אונ ציינ האָט זיכ באַוויזנ בלוט, דאָס פּאָנעמ האָט שרעקלעכ אויסגעזענ, ס'איז געוואָרנ א קליינינקע צעמישעניש.

הייזאגטערנ האָט געשלאָגנ שפּייַעכצ פונעמ מויל... האָט די באַלעבאָסטע פונ טשייַנע א ווילדנ פּליעסקע געטאָנ מיט די הענט אונ געכאפט ליאמענ אינ קיכ ארייַנ.

די פרעמד צעשיידט

1

נאָכ דער געשיכטע פונ טיי-הויז איז ליאמענ קלאָר געוואָרנ, אז מע איז ארומגערינגלט מיט סאָנים אפ שריט אונ טריט, אונ קיינ פיי-געלעכ אינ בוועמ דארפ מענ זיכ ניט אריסמאָלנ. באטאָנ, באנאכט אינ כאָלעמ, אינ גאנצנ לעבנ דארפ מענ עס אינ זינענ האָבנ. מע דארפ זיכ צוהערנ, וואָס עלקע טוט, וואָס דער ארשינ טוט.

ווי איז מענ זיכ נויקעמ אינ הייזאוטערנ,—האָט אימ מעשוגענערוויַז גענאָגט... אנ ענגשאפט דאָ! מע ווערט דערשטיקט אינייִנעמ מיט דער סינע, מיטנ צאָרנ, מיט לײַב אונ לעבנ!

אפילע די באָבע... צי עפשער וויל זי אימ טרייסטנ דערמיט?

— א באלראכמאָנעס,—זאָגט זי,—איז הייזאגטער, ער איז נאָר אויסנ געווענ די מיצווע פונ אָנהאָדעווענ א הינגעריקנ...

די כאווײרים האָבנ געשוויגנ, געזעסנ פארוקט אינ דער טונקלקײַט פונ טעקלעס נאסנ קוירנ, אינ שטילקײַט. באמ טיש איז געזעסנ טעקלע מיט די געשוואָלענע פיס אונ געשטורכעט מיט א זאק-נאָדל א זאק—א דרימל אונ א שטורכ, א דרימל אונ א שטורכ.

— הער,—האָט ליאמ געזאָגט צו פעטריקנ,—דער געלער אייערניק האָט מיר דעמלט געזאָגט, אז בא זיי איז א באָכערל, ווי איכ, אוועק קיינ כערסאָנ, איז ארײַנ צו א שטעפער, אונ באקומט שוינ איצט א צענערל א כוידעש מיט קעסט.

— מע מוז זיכ אוועקלאָזנ, ליאמ, לאָמיר אוועק. מירנ זיכ אונ-דזערס פארדינענ...—האָט פעטריק פארכוישעכט אונטערגעהאלטנ מיט א מענערשער שטימ, אונ באלד אופגעלעבט צוגעגעבנ:—נ רנ אויס-וואקסנ, עפשער וועלנ מיר ווערנ עפעס, אזוי ווי דער ארשינ זאָגט... קומ זיכ לאָזנ קיינ ניקאָלײַעוו. דאָרט זײַנענ א סאכ זאוואָדנ, זאָגט מענ.

מיט עלקענ האָט מענ זיכ ניט געקאָנט באראָטנ. ס'איז געקומענ

אײנער, איר געבראַכט אַ קוויטעלע, און זי איז אָפּגעפֿאָרן. דעם צווייטן אָפּדערנאַכט איז זי אומגעריכט ווידער געקומען. ליאַם און פּעטריק זײַנען גראָד געווען אין אַלקערל. זיי האָבן אָפּגערעדט, אַז מע דער־ציילט עלקען וועגן אַוועקפֿאָרן. עלקע האָט זיך פֿריִער געשושקעט מיט דער באָבען, געשושקעט זיך אין קיכל, שטאַרק געאײַלט זיך, אַרײַן אין אַלקערל און האַרציק־פֿרײלעך זיך געזעגנט מיט ליאַמען און פּעטריקן:

— סע וועט זײַן גוט, כעוורע, ס'וועט זײַן גוט! ליאַם, זײַ אַ מענטש, און דו, פּעטריק, טוט, טוט. אין אַ צײַט אַרום וועלן מיר אײַך אַרײַנעמען צו אונדז!.. ס'וועט זײַן גוט! נאָר היט אײַך, באַגלייט מיך ניט... מע טאָר ניט.—כ'מוז די רעגע אַוועק...

זיי האָבן געוואָלט אָנהייבן רעדן, איז שוין עלקע אַרויס פֿון שטיבל, מיט דער באָבען זיך צעקושט. די באָבע האָט זי אַרויסבאַגלייט. און ליאַם און פּעטריק זײַנען געבליבן אין אַלקערל פֿאַרגאַפֿט, פֿאַרלוירן ווי אויסגעפּאַטשט...

ווען די באָבע איז צוריק אַרײַן, האָבן אירע דאַרע, איידעלע באַקן זיך געדרויטלט פֿון אויפֿרעגונג, און די קײַלעכדיקע אויגן האָבן אַזוי ווײַט געקוקט מיט זייער כאָלעמדיקן לויטערן אַש־קאָליר, וואָס פֿאַלט אַראָפּ פֿון יאָגנדיקע דראָענדיקע וואָלקנס...

— וווהין איז זי אַוועק, באָבע?

— מע האָט מייערלען געפּאַקט, זי פֿאָרט אים אַרויסרײַסן...

אין איין רעגע איז אין שטיבל געוואָרן טונקל, ליכטיק, פֿינצטער גרין, רויט, געל.

סײַ די באָבע, סײַ די כאַווײרים, זײַנען געזעסן און געשוויגן. דערנאָך האָט די באָבע געזאָגט:

— וועסט שוין לאַנג בײַ די פּוסטילניקעס ניט זײַן. בלײַב איצט דאָ נעכטיקן, און דעם מאָרגעדיקן טאָג בלײַב אויך אינדר'היים.

ליאַם האָט געשטוינט.

די באָבע האָט ווי געענטפֿערט אויף זײַן נאָך־ניט אַרויסגערעדטער פֿראַגע:

— מ'עט דיך סײַווי אַרויסוואַרפֿן...

— פֿאַרוואָס?—איז ליאַם צום וואָרט געקומען.

— ווײַל די פּוסטילניקעס האָבן זיך דערוווּסט, אַז עלקע איז אויך אין דער כאַוורע, און איינס מיט מייערלען.

ליאם מיט דער באָבען זײַנען געזעסן אין שטוב. עלקע איז אוועקגעפאָרן, ניטאָ ווער סע זאָל אַרײַנברענגען די פּאָר רובל אין שטוב. ליאם קאָן מער בא די פּוסטילניקעס ניט זײַן—ער מוז זיך לאָזן ערגעץ... וואָס וועט זײַן? נאָר ער מיט פּעטריקן האָבן שוין לאַנג אָפּגערעדט, אַז מע לאָזט זיך אין דער וועלט אַרײַן,—טויט אָדער רויט, נאָר מע לאָזט זיך אוועק, און—וואָס ווײַטער פּונדאַנען...

פּעטריק איז אָנגעקומען און דערציילט, אַז א גליק האָט אים געטראָפן, א גרויס גליק: ער האָט געבעטן, געקליאַנטשעט די נעמענכע פון דער מיל, און זי האָט אײַנגעוויליקט צו געבן דער מאַמען זײַנער זעק צו פאַריכטן, זעק פאַר דער מיל. זי וועט שוין פאַרדינען עפּעס, און ער קאָן זיך אוועקלאָזן מיט ליאַמען.

מע האָט זיך לאַנג באַראָטן און גערעדט. פּעטריק איז אוועק און געבראַכט די מאַמע, זי באַזעצט אפן באַנקבעטל און אירע געשוואָלענע פיס פּעסטער אַרומגעוויקלט. און ס'איז געבליבן:

טעקלע קלײַבט זיך איבער אַהער. די באָבע און טעקלע וועלן לעבן אינאיינעם, און די זעק וועט מען איניינעם לאַטען. וואָס וועלן זיי אייביק אליין בלײַבן? מע וועט זיך דורכשלאָגן, ביז די כעוורע וועלן זיך אַרופאַרבעטן און זיי נעמען צו זיך.

אוואַדע האָט זיך סאַלי שוין דערוווּסט פון זייער פּלאַן און איז געקומען צולויפן מיט א פרייד צו ליאַמען, ער זאָל זי מיטנעמען. ליאם האָט זיך אָנגעבלאָזן און געזאָגט: ניין—און גענוג. זי האָט ניט אָפּגעטראָטן.

פריילעכע זײַנען די כאַווערים אַרויס אין דרויסן, נאָכדעם, אין א זײַטיקער שטילער גאַס בא א לאַמטערן, האָט פּעטריק געזאָגט:

— כ'האָב א פּלאַן.

ליאם האָט אים פרעגנדיק אָנגעקוקט.

— וואָס קוקסטו אַזוי? מירן הייזאַגטערס פערד נעמען ביז טרידובעס.

— מע דאַרף ניט, פּעטראָ.

— מע דאַרף יאָ, כאָליערע אף אים!

און מאָרגן באַם שעכטהויז זײַנען זיי געשטאַנען אין ריוו, מיט הייזאַגטערס צוויי פערד, וואָס זיי האָבן מיט קלאַפּנדיקע הערצער אָפּ-

געבונדן פֿונעם טאַמבור, וואָס האָט זיך געפּאַשעט הינטער דער אָליניצע, יעדערער גרייט אין וועג אַרײַן — מיט די פּאָר פּיאַטאַקעס אין די קעשענעס, מיט אַ קליין בינטעלע אין די הענט.

זיי האָבן געהאַלטן די פֿערד, אומגעדולדיק און אומרויִק, טאָמער פּאַקט זיי הײַזאַקטער צי מאָטיע? מיטאַמאָל האָט אַ פֿאָכע געטאָן באַם אָנהייב ריוו, מע האָט אײַנגעגראָבן די אויגן און דערזען, אַז ס׳איז סאַלי, זי איז געלאָפֿן אַהער.

ליאַם האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, דערשטיקט אַ זאָג געטאָן צו פּעטריקן:

— קום, כאַפּ זיך אַרויף, פּעטראָ, — מיר פֿאָרן.

זיי האָבן אַוועקגעיאָגט, ניט אומקוקנדיק זיך. דאָס טויבע קלאַפּערדײַ פֿון די קאָפּעטעס און סטערניעס האָט געשראָקן. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז הײַזאַגטער יאָגט נאָך. זיי האָבן געקנאַקט די פֿערד, געשניטן גלײַך דאָס פֿעלד, צום דאָרף, פֿון וועלכן נאָך אַ ווערסט צוואַנציק איז די וואָקזאַל-סטאַנציע. הינטערן דאָרף זײַנען זיי אַראָפּגעשפּרונגען, אויסגעדרייט די פֿערד מיט די קעפּ צוריק צו דער אָליניצע און מיט די פּרוטיעס זיי אָפּגעטריבן. נאָר די פֿערד זײַנען בלינדע, האָבן זיי פֿויל אַוועקגעבלאָנקעט איבערן פֿעלד, יעדערער אין אַן אַנדער זײַט.

אַפֿילע באַם וואָקזאַל האָט ליאַם געהאַלטן אין איין אַרומקוקן זיך: אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אָט-אָט וועט פּערעלע אַ פֿאַרשלאָפֿענע קומען צופֿליִען אַף אַ בריטשקע און פֿאָרן מיט זיי אין דער וועלט אַרײַן...

און פּעטריק איז נאָר באַזונדערס אויפֿגעלייגט געווען פֿון דער נעסיִע. ער האָט זיך געוווּרטלט און געטרייסט:

— באַלד פֿון די ערשטע פֿאַרדינסטן קאַטײַען מיר אָן צוויי בריוו: איין בריוו דײַן באָבען, איין בריוו מײַן מאַמען. מיר שיקן אײַך אַרויס געלט, זעצט אײַך אויף און קומט צו פֿאָרן. עסן און טרינקען, וויפֿל איר ווילט, און אַלערליי ציצן און קאָרטן אַף קליידלעך. מיר ווערן גרויסע מענטשן.

3

מער צופֿוס, ווי אַף פֿויערשע פֿורלעך, וואָס מע באַגעגנט אַפֿן טראַקט, האָבן די כאַווײַרים זיך איבערגעכאַפּט צו דער סטאַנציע.

ס׳איז געשטאַנען אַ צוג פֿאַרן אָפּגיין. וווּהין גייט ער?.. איינער

זאָגט — אהער, אײנער — אהינ, אינ יענער זײַט ארײַנ, קײנ מערסאָנ צו.
די כאוויירימ האָבנ זיכ ארומגעקוקט, אויסגעווארט, אונ אײנס נאָכ אײנס זיכ ארײַנגעכאַפּט אינ וואגאָנ. ארונטער אונטער א באנק. ליאמענ האָט אײנער א כאַסאזשיר ארויסגעשלעפּט באַמ פוס אונ כיט א פּאָר פּעטש אימ ארויסגעוואָרפֿנ. ס'האָט אָבער ליאמענ אָפּגעגליקט אינ א צווײַטנ וואגאָנ.

דער צוג איז אוועק, אוועק, ווי גלײַכ ער אַנטלויפט פונ באלעבאָ-טימ, פונ א וויסט דערשלאָגנ לעבנ.

אונטער די בענק, אינ ענגשאַפט, אינ שטויב, איז די כאווײרימ אלצ ברײטער, אלצ פרײַער געוואָרנ. יעדער שטורכ פונ די רעדער אינ זײַט איז געווענ א ברידערלעכער שטורכ, א פּלי אינ דער גליקלעכער וועלט ארײַנ. אונ יעדנ פונ זײ האָט זיכ געדאכט, אז דאָ מיט אימ אונטער דער באנק איז אויכ די באָבע, אונ טעקלע, אונ אלע ליבע זײַנע מיט זײ אונטער דער באנק, אונ אלעמענ אינאײנעמ שטורכעט עס אינ דער פרײַער וועלט ארײַנ, ווו עלקע מיטנ ארשינ זײַנענ!..

דער ערשטער קאָנטראָל איז אויכ דורכ בעשאָלעמ. די פּאסאזשירנ האָבנ גוט, ווי מיט אײַזערנע גראטעס, מיט די פיס זײ פארשטעלט. מיט די קעפּ זײַנענ די פּאסאזשירנ שלעכט, מיט די פיס אָבער — אײדעלע לײַט. ס'גאָר ניט שלעכט צו פאָרנ, ווי א „האָז".

פּעטריקס אלע געדאנקענ, איבערלעבונגענ, די פרײד, אז ער פאָרט ווערנ פרײַ, גרויס, זעלבשטענדיק, — אלצ האָט זיכ אויסגעלאָזט צו זײַנ ברויט אונ ציבעלע. ער איז אזוי געווענ פארטאָנ אינ מאכשאָ-וועס, אז ווענ דער צווײטער קאָנטראָליאָר, א דארינק נעפּעשל איז פּא-מעלעכ ארײַנ, — האָט פּעטריק ניט געהערט אונ געריבנ די סקריפּנדיקע ציבעלע. טאקע די ציבעלע האָט אימ אויסגעגעבנ.

דער קאָנטראָליאָר האָט פּעטריקנ ארויסגעשלעפּט אונ אפּ אײנער א סטאנציע אימ איבערגעגעבנ א זשאנדאר. דער צוג איז אוועק.

דער זשאנדאר האָט געשריבנ אונ געשריבנ. געהײסנ באצאָלנ א מאט-מוינ מיט געלט, ער האָט אופגעטרײסלט פּעטריקס קעשענעס אונ אימ ארויסגעטריבנ.

. דאָס אלצ איז בליצ-שנעל אָפּגעטאָנ געוואָרנ. פּעטריק האָט אראָפּגע-נומענ דאָס קאשקעטל, זיכ אוועקגעזעצט אפּ א רעלס, אונ כאָטש צי זיכ אויס, כאָטש גײ אויס. וואָס טאָנ?.. ווו געפינט ער זיכ?.. וואָס וועט זײַנ מיט ליאמענ?

ווי ס'איז פריִער אָפּגערעדט געווען, טאָמער טרעפט, זיי מוזן פאָרן אין פארשיידענע וואגאָנעס, — איז נאָכדעם באם אָנקומען, שרײַט מען איינס דעם צווייטנס נאָמען.

דער צוג איז אָנגעקומען, ס'איז העלער טאָג, אלע האָבן זיך ארויס־געשאָטן פון די וואגאָנעס. פעטריק איז ניטאָ. עפשער שלאָפט ער?

ליאמ קלעטערט פונ וואגאָנ צו וואגאָנ, שארעוועט אונטער די בענק, שרייט, רופט, בעט זיך, אונ דאָס קאָל ציטערט. ער שפּרינגט ארופ אפ א קאָנדוקטער, א צווייטנ לאשטשעטער, ווי א הונט, פלאמט אונ שוויצט פונ בושע פאר זײַנ אייגענער פראגע אונ פונ זייער ענטפער.

ווער פעטריק? וואָס פעטריק?..

קיילעכדיקע צוויי מעסלעס האָט ער אָפּגעקרענקט אפ דער סטאנציע, יעדנ צוג באנעגנט, אונטער יעדער באנק געשארעוועט, פרעמדע לײַט זיכ אינ די אויגנ געוואָרפנ, פונ די קאָנדוקטאָרנ סטוסאקעס געכאפּט, — ניטאָ פעטריק!

פונדאנענ דארפ מענ נאָכ פאָרנ עטלעכע שאָ קיינ כערסאָנ, ליאמ איז אוועק זוכנ דעם צוג.

באַגעגעניש

1

אַ מאָרעשכוירע איז אָנגעפאַלן אויף אים, צוריק אַהיים? — ווי קאָן ער זיך ווײַזן אַהין — וואָס איז ער אַוועק און מיט וואָס איז ער געקומען? עלקע איז אַ הפקר־מענטש, און דער אַרשין — ערגעץ אין די טורמעס, איז אים דער איינציקער פּעטריק אויך פאַרלוירן געגאַנגען.

אַ ווייטיק האָט אים געפרעסן, ער האָט ניט געקאָנט אָפּטרײַבן די יסורים וועגן פּעטריקן, אַ געדאַנק האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין אים, אַז ער, ליאָם, איז שולדיק, וואָס פּעטריק איז ניטאָ. פּעטריק וועט ערגעץ גיין פאַרלוירן איבער אים. ער וועט אומקומען אין אַ גרויסער שטופּעניש, אָדער אַרונטערפאַלן אונטער רעדער. קיינמאָל וועט ער אים שוין ניט זען. פון אַלע רייד און שמועסן וועט ווערן אַ טײַך. אויב טעקלע לאָזט זיך אַוועק אים זוכן — וואָס וועט ער זאָגן טעקלען? און דאָ? אין דער וועלט אַליין. וואָס וועט ער דאָ טאָן? ער מוז פּעטריקן אָפּזוכן! ער וועט זיך דערקלײַבן קיין ניקאָלײַעוו, עפּשער געפינט ער אים דאָרט. פּעטריק פלעגט וועלן קיין ניקאָלײַעוו. עפּשער קען מען דאָרט אויך אַ שטעלע געפינען.

ליאָם האָט זיך דערפרעגט און זיך אַרײַנגעגאַנוועט אין אַ וואַגאָן, אַרונטער אונטער אַ באַנק. אין עטלעכע שעה אַרום איז דער צוג געלאָפן קיין ניקאָלײַעוו.

אין 4־טן קלאַס־וואַגאָן איז געווען אַ סך אוילעם, קלומעקעס און פּעק, ליאַרעם און געשטאַנק, און ליאָם האָט זיך אויך איצט, דאָס צווייטע מאָל ניט געפילט שלעכט אונטער דער באַנק. ער פאָרט געפינען פּעטריקן, ער וועט אים געוויס געפינען און אַר עט — אויך.

אַלעמאָל, ווען אַ קאָנטראָל איז אַרײַן, האָבן די צערעפּעטע, לעבעדיקע שטיוול, וואָס פאַר אים, זיך צונויפגעדריקט און ליאָמען פאַרשטעלט. די לעבעדיקע שטיוול האָבן געהאַט געלע, נײַע שפּאַלטיוקענע זאַדניקעס, — ווײַזט אויס אַ רעכטער שלימאַזל.

ליאָם איז רויִק אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

געקומען קיין ניקאָלײַעוו, האָט ער צום אַלעם ערשטן גוט דורכגעקוקט דעם טומלדיקן וואָקזאַל. עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז פּעטריק וואַלגערט זיך דאָ ערגעץ...

דערנאָך איז ער געגאַנגען אין שטאָט.

סאָבאָרנע גאַס האָט געשײַנט מיט ברייטקײַט, גרינס און גלאַנץ. ליאָמען איז דאָס אָבער ניט אָנגעגאַנגען. ער האָט געקוקט די מענטשן אין פּאָנעם אַרײַן, טאָמער ווייסן זיי פֿון עפּעס. יעדן ייִנגל נאָכגעקוקט, טאָמער איז דאָס פּעטריק, וואָס איז שוין פֿאַרענדערט געוואָרן...

נאָך גייעניש, זוכעניש, האָט ער זיך צוגעזעצט בײַ אַ ליידיקער שטעל אין מאַרק. ווײַטער זײַנען נאָך אַנדערע געזעסן.

איינער האָט אים גערופֿן:

— היי, היי!

ליאָם איז צוגעגאַנגען. אַן עלטערער פּויער, מיט אַ טשופּרינע, ווי אַ סטריכע אָרומגעהאַקט, שוין אַ גרויליכער. ליאָם האָט מיט איין בליק אים אָפּגעמאָסטן, דערקענט זײַנע געלע שפּאַלטיוקנע זאַדניקעס און זיך לעבן אים אַראָפּגעלאָזט. דער רוס האָט אים אויסגעפֿרעגט, וואָס און ווען:

— נו, נאָך דעם כאָוער ניט געפֿונען, אַרבעט האָסטו אויך ניט — האָט דער אַלטער רוס געזאָגט. — עפּשער ווילסטו מיר העלפֿן דערווײַל? צוויי מאָל אין וואָך איז אַ יאַריד, שוין אַ טאָג צען, אַז סע שטעכט אונטער דער פּאַכווע. דיר באַצאָלן.

— פֿאַרוואָס ניט? וואָס אי'דעס פֿאַר אַן אַרבעט?

— אַנו, רוק זיך צו, ביסט אַ געזונט ייִנגל? וועסט זיך גיך אויסלערנען. אַ קאָנאָוואַל בין איך.

דער קאָנאָוואַל האָט צעבונדן אַ בינטל: בראָיט, זאַלץ, עטלעכע געטריקנטע פּישלעך, עטלעכע ציבעלעס. ער האָט פֿון דער טאָרבע אַרויסגענומען דאָס שאַרפֿע געבויגענע מעסער. סײַ דאָס פּעסט פֿאַרקוברעטע שטילכל, סײַ דער פֿאַרבראַקנעטער טעמפּער ראַנד פֿון קלינג האָבן איידעס געזאָגט אַף אַ סאַך אָפּעראַציעס איבער פֿײַערדיקע, אומגעצוימטע אָגערס און מעכטיקע בוחײַעס. ער האָט מיטן קאָנאָוואַל-מעסער אָפּגעשניטן אַ רייפֿטל שטיינערנעם ברויט פֿאַר זיך, און אַ צווייטס — פֿאַר ליאָמען, אַ פּישל צעשניטן אַף דער העלפֿט, אַ ציבעלע אויך.

קאַצאָר האָט זיך אָנגעהויבן דער יאַריד.

ליאַם מיטן קאָנאָוואַל זײַנען געקומען אױפֿן פֿערד־מאַרק. מע האָט זיך געדרייט צווישן פּלאָנטער פֿון גלאַנציקע פֿערדישע פּיסקעס, יונגע און אַלטע פֿערדישע אויגן, ווײדלען און היזשערײַ.

צופֿרידן פֿון דער ערשטער אַרבעט אין דער פֿרעמד, האָבן ליאַמס אויגן פֿריילעך־פֿלינק אַרומגעטאַנצט איבער דעם געטומל, וואָס דאַרף אים ווערן נאָענט און אייגן; וווּנדערלעכע שפּיגלענדיקן פֿעל, איידעלע ביינער, פֿלינקע און גראָבע פֿיס, קאָלטענעוואַטע אָפּגעבליאַקעוועטע גריוועס. געהיבענע שלאַנקע קעפּ מיט ווײַסע פֿלעקן אויף די שטערנס און צעפּלעך־סטענגלעך אין דער לענג פֿון גראַציעז־באַוועגלעכן האַלדז.

מע האָט זיך מיטן קאָנאָוואַל געדונגען. ער האָט געוויזן אויפֿן ריזיקן, שײַנעם, פּעך־שוואַרצן אָגער דעם פּאַציענט. וואָס אַ באַלעגוף מיטן זון האָבן אײַנגעהאַלטן בײַ אַ צווייענדיקער צוים:

— דעם פֿערד איז ניט גרינג צו שנײַדן. ווינציקער נעם איך ניט.

מע האָט זיך אויסגעדונגען, זיך גענומען צו דער אַרבעט.

דעם קרעפּטיקן גראַציעזן פּאַציענט האָבן דער טאַטע מיטן זון קוים אײַנגעהאַלטן.

דער קאָנאָוואַל האָט געניט פֿאַרוואָרפֿן שטריק אַרום די איידעלע פֿערדישע פֿיס און פֿאַרצויגן. די שײַנע כײַע האָט אַ מעכטיקן קלינגענדיקן היזשע צעהילכט איבערן צעשפּרייטן יאַריד, ווי ער וואָלט אַלעמען אַ וואָרענונג געגעבן, צו הילף גערופֿן, און די שקאַפּעס אָנגעזאָגט אַ וויסטע בשורה, — אַ ציטער געטאָן מיט דער גאַנצער גרייס.

דער קאָנאָוואַל האָט ליאַמען געהייסן ציִען די שטריק פֿון די פֿאָדערשטע פֿיס, אַליין — בײַ די הינטערשטע, און נאָך עטלעכע פֿריערדיקע זײַטיקע האָבן געהאָלפֿן. דאָס פֿערד האָט זיך מוטערדיק געריסן פֿון דער שטריק־פּלאָנטערניש, די אַרומיקע האָבן געזיפֿצט און געשריגן, געצויגן דעם אָנגעשטרענגטן אָגער צו דער ערד, אָט־אָט צעטרעט ער אַלעמען, אָט הייבט ער זיך אויף אויף די הינטערשטע פֿיס און איז אַלעמען דורעס און טוט זיך אַ ריס אין דער וועלט אַרײַן.

מע האָט אים אַוועקגעלייגט. מע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די געפּענטעטע הינטערשטע און פֿאָדערשטע פֿיס, אויפֿן קאָפּ, וואָס האָט זיך

אַלצ געווערט. די ציינ האָבנ געריבנ די צוימ, שוימ האָט געשלאָגנ פונ דאָרט.

ביז דער קאָנאָוואַל האָט געהייסנ ליאַמענ אָנכאַפּנ ווו מע דאַרפ, אונ מיטנ געבויגענעמ מעסער: איינס-צוויי — אונ די אָפּעראַציע איז פאַרטיק. מיטנ פערד האָט געטאָנ א מאָרדעווע. א מרוק פונ אומבאַגרייפ־לעכער אימע האָט אַרויסגעכריפּעט פונ זיינע טיפענישנ, ווי פונ א סאַכ אונטערגעריסענע קאָנטראַבאַסנ.

ליאַמ איז אָפּגעשפּרונגענ, א שוידער איז איבער אימ איבערגעלאָפנ.

דער כאַציענט איז שוינ רויק געלעגנ. ווענ מע האָט אימ אָפּגעפּענ־כעט, האָט ער זיכ געטאָנ א ווירעוודיקנ שטעל אויפ, באַלד אויסגעדרייט דעמ קאָפּ צו די הינטערשטע פיס, ווו מע האָט אימ געשניטנ, אונ אומרויק אַריינגעקוקט צו דער וואַנד.

3

פאַרנ טאָג האָט מענ 6 אָפּעראַציעס געמאַכט. מיט איינעמ א בוהיי האָט מענ זיכ געפּאָרעט א שאָ דריי, ער האָט זיכ ניט געוואָלט רירנ פונ אָרט, ווי זיי פיס וואָלטנ געווענ אייזערנע סטויפּעס, פאַרגראָבנ אינ דער ערד. אָט די ווילדע זאַכ, אַנ אויסגאָס פונ אורקראַפט אונ אַקשאָנעס, האָט דערוועקט קינע אונ פאַרוווּנדערונג. אַז דער בוהיי האָט זיכ שוינ א ריר געטאָנ, האָט ער ווי שפּענדלעכ אָפּגעשמיצט פונ זיכ אַלע אַרומ ווענ מע האָט אימ אַוועקגעלייגט, האָט ער מיט א ברומ אַזוי פאַר־וואָרפנ דעמ קאָפּ, אַז דער באַלעגופ, דער באַלעבאָס, איז אינ שרעק אָפּגעשפּרונגענ אונ דעמ בוהיי איבערנ קאָפּ עטלעכע מאָל פלינק אַי־בערגעציילעמט.

פאַרנאַכט, — אָנגעהאָרעוועט, האָט דער קאָנאָוואַל זיכ צוגעזעצט, אַרויסגענומענ פונ בוזעמ זיינ פּאַרדינסט אונ ליאַמענ אָפּגעציילט קלינ־גענדיקע 10 גילדנ. ליאַמ איז געווענ זייער צופרידנ.

— אינ פיר טעג אַרומ איז ווידער א יאַריד — האָט דער קאָנאָוואַל געזאָגט אונ זיכ גענומענ טאַפּנ אינ דער קראַנקער פּאַכווע, — קומ אינ איינפאָר-הויז, וועסט זיינ מיט מיר — געלט האָסטו, דאָרט קאָנ מענ עסנ אונ טרינקענ. האָסט דענ ווו צו שלאָפנ?

ליאַמ איז גרייט גיינ, ווו האָט ער ווו צו שלאָפנ? — אינ דרויסנ סיידנ, ווי נעכטנ. נאָר איצט האָט ער געלט! מאָרגנ שטייט ער אויפ, עסט אָפּ

און לאָזט זיכ זוכנ פּעטריקנ. דער קאָנאָוואל איז א ווילער, ער וועט זיי ביידע גיכ אויסלערנענ די מעלאָכע. סײַווי וועט ער גיכ שטארבנ, דער אל טער, און זיי, פּעטריק און ליאמ, וועלנ ווערנ קאָנאָוואלנ, פֿארדינענ געלט. שרײַבנ, — די אייגענע זאָלנ קומענ. דערנאָכ וועלנ זיי ביידע לער נענ אפ „אינזשיניר“, אָדער אפ „כודאָזשניק“.

ווי נאָר זיי זײַנענ ארײַנ אינ אײַנפּאָר-הויז, איז צו ליאמענ צוגע גאנגענ דער גראָבער באלעבאָס, אפּגיכ א קוק געטאָנ אפ אימ, אפנ קאָנאָוואל, אונ נאָכאמאָל אפ ליאמענ. ליאמ האָט זיכ שוינ געזעצט טרינ קענ טיי, איז דער באלעבאָס ווידער צוגעגאנגענ, אונ זײַנ שמאלציק מויל האָט זיכ צעעפנט:

— ביסט א ייִד?

ליאמ האָט זיכ פֿארכידעשט. נו, יאָ, א ייִדיש קינד. וואָס איז פּלוצעמ?

— קאָנסט בא מיר ניט נעכטיקנ! — האָט דאָס שמאלציקע מויל גע זאָגט. — ייִדנ טאָרנ דאָ ניט זײַנ. פֿארנעמ זיכ!

דער קאָנאָוואל האָט זיכ אויסגעדרייט:

— וואָס דולסטו א קאָפּ, טערענטי איוואניטש? זעסט דענ ניט, אז סע איז מײַנ געהילפֿ? פֿונ ווענ האָבנ עס קאָנאָוואלנ קיינ רעכט ניט צו ווינענ דאָ?

— ניינ, טײַערער, ניט דאָס. ייִדנ טאָרנ ניט ווינענ אינ ניקאָלײַעוו.

— איכ זאָג דאָכ דיר, טערענטי איוואניטש, ס'איז מײַנ געהילפֿ.

— ניינ, ניינ, טײַערער, דער נאדזיראטעל וועט שטראפֿירנ אי מיכ, אי דיכ. קײַנ ייִדנ טאָר איכ ניט באהאלטנ.

— אָכ-אָכ, — האָט דער קאָנאָוואל זיכ געדרייט, געטאפּט די פּאכ ווע, — אָכ-אָכ, קוק, טערענטי איוואניטש! ער איז גרויס, ווי א הונט זיצנדיק, אויכ מיר א ייִד!..

דערווײַל האָט דער קאָנאָוואל אָנגעגאָסנ טיי, געהייסנ ליאמענ זיכ אויכ אָנגיסנ, אימ געטרייסט, גערעדט צו אימ. ליאמ האָט קנאפּ געהערט, אונ די הענט האָבנ בא אימ געציטערט. וואָס הייסט עס ניט טאָרנ ווי נענ? ער האָט בעשומויפנ ניט געקאָנט באגרײַפֿנ אונ איז פֿונ פֿארדראָס קימ אײַנגעשטאנענ. ער וויל דאָ ניט בלײַבנ, ער וויל ניט קיינ טיי.

נאָכדעמ, האָט דער קאָנאָוואל אוועקגערופֿנ דעמ באלעבאָס אינ א זײַט, מיט אימ אײַנגעטײַנעט, נאָר דער באלעבאָס האָט געהאלטנ איז איינ צעפֿירנ די קורצע הענט. ליאמ וואָלט שוינ סײַווי ניט געבליבנ, סאָר פֿארדראָס, פֿאר סינע, סאר עקל.

אין כערסאָנ

1

אויסנעמאטערט, צעטראָגנ, האָט ליאמ ארומגעוואָרפנ די היציקע אויגנ איבערנ פאָרט. שיפנ אונ קליינע שיפלעכ זײַנענ געשטאנענ שלעפעריק, אונ שלעפעריקע לײַט האָבנ זיכ אפ זיי ארומגעדרייט, פאר ווילטעק עפעס געטאָנ דאָרט.

ליאמ האָט געמוזט אוועק פונ ניקאָלײַעוו.

ס'איז נאָכ פאסכע געווענ, אונ עטלעכע יונגען, ארבעטער אינ בלוי־קיטײַקענע פארשמאָלצעוועטע העמדלעכ, זײַנענ געשטאנענ אפנ ברעג אונ געשפילט אינ קלאָפערלעכ מיט געפארבטע אייער.

ליאמ האָט זיכ בא דער זײַט צוגעזעצט אונ געקוקט אפ דער שפיל. איינער פונ די בלאָנדקעפיקע שפילערס האָט אפגיכ אָנגעשטעלט א פאָר גרויסע באָלעכעס־אויגנ אפ ליאמענ אונ א זאָג געטאָנ:

— ווי לאנג הונגערסטו שוינ, דו?

ליאמענ האָט עס א שרומפ געטאָנ — נאָר זיכ פונ אָרט נית גערירט.

די כעוורעלײַט האָבנ ערנסט געשפילט, זײַנ געלעכטערס געהאקט ווערטלעכ, אונ אז יענער, וואָס האָט פריִער ליאמענ פארטשעפעט, האָט אויסגעשפילט דעמ קאָנ, האָט ער ליאמענ צוגעוואָרפנ דרײַ שטיק.

ס'איז שוינ שטארק טונקל געוואָרנ, אונ ליאמ האָט מוירע געהאט צו פארשפעטיקנ די שיפ, — וואָלט ער געגאנגענ זוכנ ערגעצ ברויט. ער האָט די אייער אזוי אופגעגעסנ אונ פארטרונקענ מיט א סאכ קאלט וואסער פונעמ טײַכ.

מיטאמאָל האָבנ צוויי שיפנ אָנגעצונדנ פײַער, אונ אפ איינער האָט אָנגעהויבנ שפילנ פריילעכע מוזיק, אונ פאר דער צווייטער, אפנ בריקל, האָט א מענטש געהאלטנ אינ איינ האנט א גרויסנ גלאָק, אינ דער צווייטער — א באלויכטענעמ קארטאָנ, שווארצ אפ ווײַס געשריבנ:

„דאָ האָט איר ביליק אונ גוט, קאָמפאָרט פערווי סאָרט, יעדער באקומט א פריז — א פיראָזשנע".

ס'איז געוואָרנ לעבעדיק אונ פריילעכ, אוילעמ איילט אהער פונ דער שטאָט מיט זעק אונ פעק.

ליאמ ווייסט, אז דאָ קאָנ מענ ווי קיינ האָז ניט פאָרנ, — מע חיט שטארק, אפ א בילעט האָט ער נאָכ. קאָכטנ קאָסט אפ ביידע שיפנ דאָס זעלביקע. סע ציט צו דער מוזיק, אונ ווילנ ווילט זיכ די פיראָזשנע — די פיראָזשנע האָט געזיגט.

ער איז געשטאנענ בא די אָפענע פליגל פונ מאשינ-אָפטייל, די הייס-קאלטע צוגלופטנ אונ דאָס גל.ענדיקע סאָפענ, קרעכצנ, הוכ-קענ, פוכקענ פונ די קעסלענ אונ מאשינ-איוורימ האָבנ אמ געדרייט-דעמ קאָפ.

די שיפ איז געגאנגענ, געשניטנ דאָס וואסער אונ אליינ געקאטשעט זיכ. ליאמ האָט זיכ אָנגעהאלטנ אינ די אייזנ-שטאנגענ, אונ די הייס-קאלטע צוגלופטנ האָבנ אימ אפ דורכ אונ דורכ דורכגענומענ. ער האָט ניט געוווסט, וווהינ זיכ אהינטאָנ, ווי איינצוהאלטנ זיינ נישטיק קערפערל אינעמ איינעמ העמדל אונ די בעזשענע פלוידערלעכ אָנ גאטקעס; ווי איינצוהאלטנ זיינ ביסל קרעפטלעכ, וואָס די הייס-קאלטע צוגלופטנ רייסנ זיי, שמייכנ זיי, יאָגנ זיי, — וווהינ? — אָנ פעטריקנ! אייביק אליינ. אונ טאָמער איז ער אינ כערסאָנ אויכ ניטאָ?..

ס'האָט אימ א כאפ געטאָנ דער בויכ — צי פונ די אייער אפנ ניכטערנ הארצנ, צי פונ דעמ טייכ-וואסער, צי פונ דער פיראָזשנע, — סע האָט אימ שטארק א כאפ געטאָנ. ער האָט ניט געוווסט וווהינ צו לויפנ.

2

ווענ ליאמ איז אָנגעקומענ מיט דער שיפ קיינ כערסאָנ, איז א לויטע-רער פארנאָכ געווענ. די פרעמדע, גרויסע שטאָט איז פאמעלעכ אופ-געשטאנענ. די ערד איז נאָכ פייכט פונ נאכט, נאָר אפ די דעכער שפיגלט שוינ דער אופגאנג.

איידער ער וועט זיכ ארומקוקנ אינ דער שטאָט אונ אָנהייבנ זוכנ פעטריקנ, דארפ מענ געפינענ א וואָסער-ס'ניט-איז כאיונע.

עפשער צוקלעפנ זיכ צו אָט די כאָפטעס ארבעטער אינ די אויסגעוואל-גערטע קיטייקענע חעמד-אונ-פלידערנ, זיכ אָנטשעפענ, ווי א העפ-קער-הינטל צומ ערשטנ, וואָס וועט ניט אוועקטרייבנ — אונ נאָכלויפנ אימ?..

דער פאַרטאָג איז קיל און ריזיק גרויס און לויטער. איבער די ברו־קירטע גאַסנ טרייסלענ זיכ פּאַמעלעכ פּויערשע פורנ, וואָס האָבנ דער שטאָט עסנ געבראַכט, אַלדערסגוטס פונ די רײַכע געגערטענישנ: מילכיקס און פליישיקס, גרינוואַרג און פרוכט.

סע שפּאַרט מיט פורנ, מיט קלומעקעס, מיט פיכ, מיט גוטס פונ הערנ-און-געדענקענ. פונ די אַרומיקע זאַטע, פאַרגרעבטע דערפער און הייסע גערעטענע פעלדער-שטעכנ שפּאַרט עס אַהער, אינ שטאָט אַרײַנ.

און באַטאָג האָט ליאָמ אינ איינער א גאַס דערזענ א פאַרמאַכטע שוואַר-צע קאַרעטע מיט א רויטנ ציילעמ אַפ דער זײַט. די קאַרעטע האָט זיכ אָנ-געשטעלט כאַר א הויפ; מענטשנ זײַנענ פונ הײַזער אַרויס און דערשראָקנ געקוקט פונ ווײַטנ. אַרומ קאַרעטע פאָרעט מענ זיכ עפּעס. פלוצעמ שיסט דאָרט אויס א געוויינ.

באַלד זײַנענ פונ ווײַטנ געוואָרנ רעזולעכ. אייניקע האָבנ געשמו-עסט, — אַלע מיט אײַנגעבויגענע קעפּ. ליאָמ האָט נײַגעריק געשלונגענ די נײַעס.

— שוינ א יאָר צוואַנציק די טשומא ניט געווענ!

— הערט ווײַטער, אַפ אַליעקסאַנדראָווסקע — אכצנ מענטשנ; אַפ ניזש-ני — דרײַ; און וואָס אַמאָל ווערט ערגער.

— די קאַרעטע האָט מענ פאַריאָגט, די סאַניטאַרנ צענעריקט...

— שמאַראָוונ האָט עס אַכנ גאַס אינמיטנדערינענ א כאַפּ געטאָנ און — פּיפּטער.

— מע זאָגט, אַז אינ שפּיטאָל טאַמט מענ זיי אָפּ!

— דאָס איז שטענדיק! ווענ טשומא — איז געסאַמט!

— מע דאַרפ די דאָקטערס מיימעסנ, וויסטע קאַנאַליעס!..

— פּאַר א טשטשור צאָלט מענ א האַלבנ קאַרב. אַנ אַרבעטער פונ פאָרט האָט געכאַפּט א צוואַנציק שטיק און באַקומענ א צענערל.

— א ווילער פאַרזינסט!

— א ווילער פאַרדינסט כאַפּנ א האַלבנ קאַרב און די טשומא א צוגאָב.

— נעכײַ יעמו ביס!

ליאָמ, אָט אַזוי ווי ער שטייט אינ רעדל, וואָלט ער באַלד אַוועק צומ פאָרט, אָפּציִענ פונדאַנענ, — ווײַל די כשומא ווייסט ניט, אַז ער

איז דאָ אַ פרעמדער, אַז ער האָט נאָכ קיינ אַרבעט ניט, אייביק אַליינ! טאָמער טוט אים אַ כאַפּ, — וועט אַפילע קיינער ניט וויסנ.

אונ באַלד האָט אים אַ קלאַפּ געטאָנ: פעטריק!.. עפּשער איז שוינ פעטריק געקומענ אַהער אונ מיט אים האָט זיכ געטראָפנ טשומאַ?

ניינ... ליאַמ איז דאָכ געקומענ אים זוכנ, אַרבעט געפינענ, אַ מענטש ווערנ! אַוועק צוריק? אינ יענער וויסטקייט? — ניטאָ קיינ צוריק!

קנאָבל, — האָט ער זיכ דערוווּסט, — איז אַ טרופע קעגנ טשומאַ. קנאָבל אויפהענגענ אַפנ האַלדז, אונ גלאַט קנאָבל עסנ. זיינע געציילטע גראָשנ האָט ער פאַמעלעכ אויסגעביטנ אַפ אַלטנעבאַקנ ברויט מיט קנאָבל. ער האָט אַזויפיל קנאָבל געכראָמטשעט, אַז דאָס מויל, דער שלונג, די געדערים, האָבנ אים געברענט אונ געבראָטנ.

אַז ער פלעגט אינ אַ ווארשטאַטל ערגעץ אַריינ בעטנ אַרבעט אונ דאָס מויל עפענענ, אַזוי האָט באַלד דער באַלעבאָס זיכ פאַרקרימט אונ זיכ צוריקגעצויגנ.

ס'האָט אים געכידעשט, וואָס הייסט — סע גייט אַרומ אינ שטאָט אַזאַ אונטערגאַנג, אונ מע נעמט ניט אַרומ די מויערס מיט קויל אַרומ די ווענט, די מאַגייפע זאָל ניט צוטרעטנ!..

די ערשטע דריי נעכט האָט ער נאָכנ מידנ טאָג געפונענ זיינ רו אַפ דער ברייטער טעראַסע פונ דער שטאָט-ביבליאָטעק (באַטאָג האָט ער אָפטמאָל געלייענט). די גאַנצע נעכט האָט ער זיכ געדרייט אינ דעמ בעזשענעם רעקעלע, מיט כיטרעקעס געפרוווט אַריינרוקנ אינ דעמ סיי דעמ קאָפּ, סיי די ביינער, וואָס האָבנ פונ באַנאַכטיקער קעלט גע-נאָגט, — אַריינרוקנ אינ רעקעלע, קעדיי דער הייסער קנאָבל-אָטעמ זאָל וואַרעמענ זיינ געפרוירענעם נעפעש.

זיכ דערמאָנט, ווי די באָבע זיינע פלעג אינ די גרויסע פרעסט עפע-נענ די טיר פונ פּאָדערהויז, קעדיי די פאַרוואָגלטע העפקער-הינט זאָלנ קענענ אינ דער וואַרעמ איבערנעכטיקנ, איינגעגיורעס אינעם שטרוי, איינגעטוליעט איינס אינ צווייטנ.

די מעיוכעסדיקע יאַטקע-הינט, די שעכטהויז-הינט, צופעליקע דורכ-לויפער אָדער פאַרבלאָנדזשעטע, — אַלע, פונ די פאַרשיידענע גאַסנ אונ גראַדנ. דעמ גאַנצנ טאָג פלעגנ זיכ די הינט מוירעדיק רייסנ צווישנ זיכ, אָבער צו אָוונט פלעגנ זיי זיכ איבערבעטנ אונ אייגער נאָכנ צווייטנ אַריינ צו דער באָבעס אינ פּאָדערהויז אַפ נאַכטלעגער; אָפגעהיט

דער באָבעס גאסטפריינטלעכקייט: זיך געהאלטנ שטיל, רויק, אנשלאָפנ געוואָרנ אינ דער ווארעמער אכמאגיע. קענ שוינ אינ דרויסנ דער פראָסט אונ שנייי שטורעמענ מעשוגענערווייז, זיי זיינענ געווינט. אונ ווענ דער לעצטער הונט וועט אריינלויפנ, וועט די באָבע קומענ, פאַרשליסנ מיטנ קייטעלע איבער נאכט, אונ פארטאָג וועט זי זיך ווידער ארויסכאפנ, אופשליסנ די טיר, אז יעדער זאָל לויפנ צו זיינ אָרט, צו זיינ מיסט, ווו ער האָט פאקנ א ביינ אָדער א שקאָרינקע ברויט.

אונ ליאמ דערמאָנט זיך די ביאָגראפיע פונ א סאך הינט, זייערע עלטער-באָבעס, קי דער אונ קינדס-קינדער. וואָרעמ סיי דורכ דעמ, וואָס די באָבע האָט זיי אינ די פרעסט מעקארעוו געווענ, סיי דורכ זיינע שטעלעס, ווו ער האָט געדינט — באמ פוסטילניק, אי. שעכטהויז, בא די קאטראָכס, — האָט ער נאָענט צוגעזענ זייער לעבנשטייגער אונ זייערע מאכלויקעסנ, כאסענעס, — געקענט זייער ביטער הינטיש אויסקומעניש. פאר זייע אויגנ איז מענ געבוירנ געוואָרנ, יונג צעוואקסנ זיך, אונ אויב ניט איבער עפעס אנ אומגליק א קאליקע געוואָרנ, איז גלאט אינגיכנ אויסגעכאפט געוואָרנ פונעמ הונגער צי פונעמ היצעל.

.3

קיינ אויס'ועג ניטאָ. וווה'נ טוט מע' זיך אהינ? אונ פעטריק זאָל קומענ — זעט מענ ניט. ליאמ האָט באשלאָסנ, אז ביז עס וועט זיך טרעפנ א שטעלע אונ ביז ער וועט געפינענ אנ אייצע, ווי צו געפינענ פעטריקנ, מוז ער דערווייַלע זיך נעמענ כאפנ שטשורעס, אָבער ווו כאפט מענ זיי? אינ שטעטל, דאָרט בא הייזאנטערנ, איז וויפל דו ווילסט; דאָ דארפנ זיי זיינ ערגעצ אינ די הויפנ, אינ די מיסטקאסטנס.

אונ ליאמ האָט זיך אוועקגעלאָזט אפ גייענ איבער די שטיקנדיקע גוואדזיקע מיסטנ, געשנישטערט מיט א שטעקעלע אינעמ געמייזעכצ, שאָענלאנג זיך אונטערגעקוקט. פונ איפעש אונ שטינקערייַ האָט זיך די גאל געקערט. איינמאָל האָט ער יאָ דערזענ א שטשור — גיכ האָט ער א שמאטע ארופגעוואָרפנ, איז אָבער דער שטשור געווענ א מאזיק: ער האָט נאָכגעשלעפט די שמאטע אונ ניט געסטייעט. פאר אזא שטשור וואָלט ער געוויס געווענ באקומענ א קארב!..

דערפאר אָבער האָט ער געפאקט צוויי מייזלעכ. פארמאכט זיי אינ א שקארביצ אונ ארויס אפנ ברויט-מערקל צו די שטעלעכלעכ, — ניט

געוווסט, צי איז עס אויך א ספוירע, ווי די ששורעס, צי ניט. ער האָט א פּאָר מאָל אַרויסגערופן:

ווער קויפט מײַז? היי, ווער קויפט מײַז? — און געהויבן דערבײַ דאָס שקאַרמיצל, וואָס האָט זיך געריסן און געשקראַבעט אין זײַנע הענט.

עטלעכע טריט ווײַטער איז געשטאַנען א כינעזער, וואָס האָט אַרויס-געצויגן מיט א קישעפ-שטעקעלע ווערים פון צעווייטיקטע ציין. אַרום אים איז געשטאַנען אַן אוילעם און געגאַפט פון זײַנע וווּנדער. פון עם פאַרוואָגלטן כינעזער אין דער אויסגעריבענער קאַפּאָטע און ווייכ-געצינגלטע פּיצלעך רוסישע ווערטער האָט ליאַמ אָפּגעצויגן דעם אוילעם צו זיך.

ווײַבער האָבן ליאַמען מיט כשאַד אָפּגעטראָטן דעם וועג, און יונגע-לײַט האָבן זיך אָפּגעשטעלט, באַקוקט דאָס מאָדנע געפעש, וואָס האַנדלט מיט מײַז, געכאָכמעט זיך, געלאַכט.

איינער האָט זיך געהייסן באַווײַזן די מײַז. ליאַמ האָט פּאָרזיכטיק אַרויסגענומען די צוויי מײַזלעך, אין ביידע הענט געהאַלטן. איינער א לעצ, א פּרומאַק, ווײַזט אויס, א געלער טאָפּ מיט פּייעס, האָט צווישן קעפּ אויסגעשטרעקט ליאַמען א קאָפּעקע און געזאָגט:

— נעם ס'מײַזל אין מויל אַרײַן, — קריגסטו די קאָפּעקע! נעם, באָכערעצ!

— נעם, נעם! — האָבן אַנדערע אונטערגעגעבן כיישעק.

ליאַמ האָט זיך אָפּגעהאַלטן. נאָר איינער א לעצ האָט אויסגעשטרעקט ליאַמען די האַנט מיט א מאַטבייע.

— היידא, אָט קריגסטו נאָך! נעם אין מויל אַרײַן! נעם!

ווען מע קאָן אָט אַזוי א פּליאַסק טאָן איבער דער אָנגעפּרעסענער באַק זייערער!

ליאַמ האָט צוגעטראָגן א מײַזל צום מויל און עס אַרײַנגעלאָזט מיטן קעפּל אָפּריער. דער אוילעם האָט געגאַפט, זיך צעהירזשעט, די הענט זיך געריבן פאַר פאַרגעניגן. ליאַמען האָבן זיך פאַרעקל די אויגן אויסגע-באָלעכט. דאָס מײַזלש ווײַדעלע האָט אַרויסגעשטעקט פון מויל, סלינע האָט געטריפט.

ער האָט באַקומען די עטלעכע קאָפּיקעס, ברויט האָט ער געקויפט, נאָר עסן ניט געקענט. ער האָט טעג דערנאָך זיך געהאַלטן אין איין מוטערן, אַז מע טאָר זיך ניט אַראָפּלאָזן אַזוי.

דערנאָך איז אונטערגעפאלן עפּעס א יאָנטעוו, און ייִדן זײַנען געגאַנגען מיט טאלעס-זעק. ליאָם איז נאָכגעגאנגען און געקומען צו א גרויסער סינאגאָגע. דורך דער אָפענער טיר האָט ער געזען, אז אינווייניק איז וווּנדער-שיין: גאָלד און זילבער, סאמעט און קרישטאָל, מאָלערײַ און אלערליי פארביקע פענצטער, און דער כאזן באם אָמעד טראָגט א קרוין.

אַפ דער שוועל איז געשטאנען דער שאמעס „גענעראליש" געקליידט. ער האָט ליאָמען ניט געוואָלט ארײַנלאָזן. ליאָם איז געבליבן שטיין בא דער טיר.

דאָרט אינווייניק האָט זיך אופגעשטעלט א קורצזיכטיקער דראָנג, אויך אין א קרוין, און געדרייט א לאָשן, עפּעס א נודנע געמיש פון רוסיש און לאָשנקוידעש געקנאָטן עס מיט א פרומען ניגן און קײַלעכדיקע לופט-רייפן, וואָס די הענט באם ריידן האָבן אויסגעארבעט. ווי ס'ווײַזט אויס, איז דאָס געווען גאָר א וואזשנער רעדנער און גאָר א וואזשנע רעדע, ווײַל ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן, האָט זיך דער אוילעם גיך, איינס נאָך איינס, ארויסגעכאפּט פון סינאגאָגע.

ליאָם האָט באקוקט דעם אוילעם, וואָס צעגייט זיך, און ער האָט ווידער דערפילט דעם הונגער-סמא אַפ די ליפּן, דערפילט די עלנטקײַט אין יעדן אייווער.

ער האָט געכאפּט מיטן אויער:

— דאָס צימער איז גרויס, האָט א פּײַכטע זײַט, קען מען זי אָפּצוימען און א באָכער פארדינגען.

ליאָם האָט זיך ארומגעקוקט: איינער א געלער טאָפּ מיט פייעס האָט עס געזאָגט א צווייטן און זיך אָפּגעזעגנט פרום און פײַן, אליין ווײַטער געגאנגען. ליאָם — נאָך אים. אָט וועט ער צוגיין צום געלן!.. נאָר אלץ פונווײַטן געבליבן. גאס-אויס, גאס-אײַן נאָכגעגאנגען, ביז דער געלער איז שוין אַפ דער שוועל פון זײַן קווארטיר. א שמאָל שילדל איז איבער איר געהאנגען. אַפן ווײַסן פאָן זײַנען געשטאנען א פּאָר גרינע הויזן מיט אומגעהײַער ברייטע, רויטע לאמפּאסן, א זשילעט, א סערדעט.

ליאָם איז גיך צוגעגאנגען:

— עפּשער איז דאָ א נאכטלעגער צו פארדינגען?

דער געלער שנײַדער האָט מיט א קורצנ בליק אימ אָפּגעמאָסטנ:

— נײנ.

ליאמ איז פּאמעלעכ װײַטער געגאנגענ. הינטער אימ האָט װידער די טיר אופגעפּראלט — ליאמ האָט זיכ אומגעקוקט. דער געלער שנײַדער האָט אימ װינקענדיק גערופנ.

געגעבנ האָט מענ אימ א זאק מיט אנ אלטנ ראָק אונ אימ אָנגעװיזנ באמ גרויסנ פענצטער, בא דער נאסער, געפּליאמטער װאנט. ליאמ איז געװענ איבערגליקלעכ פונ דעמ געלעגער.

אָט דער געלער שנײַדער מיטנ נאָמענ שימעלס, א פּארביסענער הונט, א פרומאק, האָט זיכ באצויגנ צו ליאמענ, גלײַכ ער האלט אימ אינ ארענדע: ער האָט געפאָדערט, ליאמ זאָל דאװנענ.

ליאמ האָט דעריבער די ערשטע טעג מוירע געהאט אָנצוװערנ זײַנ נאכטלעגער, פלעגט ער גאנצפרי אופשטײנ, אװעק פונ שטוב אונ שטאָקנאכט צוריקקומענ.

װענ שימעלס איז אינ שטוב, איז שטיל: די צװײ קינדער אונ די פרוי גײענ אפ די שפּיצ פינגער. דאָס עלטערע ײנגעלע האָט געקוקט אפנ פאָטער בײז.

ליאמ איז אײנמאָל דורכ די קיכ אונ דערזענ א מײדלשע פּלײצע געבויגנ איבער דער מאשינ. זי האָט אפ א רעגע א קוק געטאָנ אפ אימ. ס׳האָט שוינ דערנאָכ ליאמענ ניט געלאָזט רוענ, האָט ער זיכ בא די קינדער דערפרעגט, צו שמועסנ זיכ צוגעהערט, אונ זיכ דערװוסט:

ריװע די זשילעטנ־צע, שוינ דרײַ יאָר ארבעט זי דאָ. פונ דער קאָלאָניע באָבראָװי־קוט איז זי. זי רײַכט זיכ אנטלויפנ צוריק אינ קאָלאָניע, פארהאלט ער איר פארדינסט. ער, שימעלס, טײַנעט, אז איר פארדינסט פאר די דרײַ יאָר װעט זײַנ איר נאדנ. זי װעט נאָכ א פּאָר יאָר זיצנ בא אימ, װעט ער איר אומקערנ מיט פּראָצענט.

פונ שימעלס געל, פרומ פּאָנעמ האָט מענ ניט געקאָנט ארויסזענ, אז בא אימ אינ קיכ אפ זשילעטנ קרענקט א מײדל שוינ דרײַ יאָר.

ריװע ארבעט פונ פארטאָג ביז פארנאכט. די אויגנ זײַנענ איר שוינ קאליע. װײסט עס ליאמ, נאָר מיט איר אלײנ קײנ אײנ װאָרט ניט אויסגערעדט, ניט געזענ זי גוט.

זי האָט אָבער, װײַזט אויס, אָנגעשמעקט, װאָס פאר א פּארשוינ ליאמ איז, װײַל אלע גאנצפרי געפינג ער א ציגעלע צוקער אפנ פענצ־

טער. וויפל ער טשאטעוועט נאָכ, קענ ער ניט פֿאַקנ, ווי זי וואַרפֿט אים דאָס אונטער. סע רײַסט אים דאָס הארצ זיכ נעענטער באַקענענ מיט איר. זי איז די איינציקע דאָ, כאָטש זי זיצט די גאנצע צײַט אינדרײַענ געבויגנ איבער דער מאשינ, — די איינציקע, וואָס ווייסט דעמ צושטאנד פונ זײַנע פינאנצנ, ווענ זי ווייסט נאָכ פונ זײַנ אומגליק מיט פּעטריקנ!

אינ קלײנינקײַטנ האָט זיכ שוינ ארויסגעוויזנ, אז צווישנ ליאמענ אונ דעמ געלנ שימעלסנ טלִיעט א שטילע סינע, האלעווײַ סע זאָל ניט אופרײַסנ.

אָנגעזועטיקט זיכ אינ מארק מיטנ קוקנ אפ גוטע זאכענישנ פונ אלערליי טאמימ, פארבנ אונ גערוכנ — האָט זיכ ליאמ ווידער געלאָזט אינ דער שטאָט-ביבליאָטעק.

דאָרט אינ לייענזאל לייענט ער אנ אלט בוכ אפ רוסיש, ער לייענט עס שוינ עטלעכע טעג. אז די ביבליאָטעקערנ ברענגט עס אים, שלאָגט אים שוינ פונ ווײַטנ דער גוטער רייעכ פונ דעמ: עס קערט זיכ צו אים דער רייעכ פונ קנאָבל, וואָס ער, ליאמ, האָט ארײַנגעטעמט אינ די אלטע בלעטער. דאכט זיכ, א נאריש בוכ, — טראכט זיכ ליאמ, — נאָר סע ציט אים אונ סע מאכט אימ פארגעסנ אינ אלע צאָרעס, סע כראָגט אים אוועק צו שטילע אָרעמע מאָלצײַטנ, צו סודעס אינ די מידבאָריעס, ווו סע שטייט זיסע שפּײַז. דאָס בוכ איז דער קאָראנ, דער מאכמעדאנישער סייפער, וואָס איז צופעליק ארײַנ צו אים אינ די הענט.

ער זעט דעמ מידבער, ער זעט ווײַסע אונ רויטע לײַכטע שטאָפנ ציִענ זיכ פונ דער זונ אונ ווייענ אומ איבער די זאמדנ פונ מידבער. דאָרשטיקע שוואָטימ הייבנ זיכ כאָפּטעכווײַז פונ אונטער די זאמדנ, ציִענ זיכ צו די לײַכטע שטאָפנ אונ דערלאנגענ זיי ניט. וואָס לענגער אונ דינער זיי ווערנ, די האמוינימ, אלצ העכער הייבנ זיכ די פארביקע שטאָפנ, ביז שוינ גאָר אויסגעצויגנ ווערנ די האמוינימ, ביז זיי באוועגנ זיכ שוינ פונ דינקײַט, ביז זיי ווערנ שוינ אליינ, ווי די לײַכטע ווייענדיקע שטאָפנ, אונ באהעפטנ זיכ מיט זיי; אונ ווידער שטייענ אופ דאָרשטיקע כאָפּטעס פונ אונטער די זאמדנ, אונ ציִענ זיכ צו די לײַכטע רויטע, ווײַסע שטאָפנ.

נאָר איינ ריר אימ באמ ארבל, — אונ ליאמ ווערט ווידער אראָפּגעבראכט אהערצו...

די ביבליאָטעקערנ שטייט פאר אימ, שוינ קיינ איינ לייענער ניטאָ, ער מוז אוועקגיינ. אנ אומגעלומפערט בוכ...

די קראַפט, וואָס ער פלעגט אמאָל פילנ אינ די פינגער, איז איצט אינגאנצנ אריבערגעגאנגענ אינ די אויגנ. די פינגער זײַנענ אויסגעדערט, ניט רירעוודיק — שטומע לעלעס. נאָר די אויגנ לעבנ — אומרויִק, ברייט אונ שארפ איז זייער זע-קראַפט: הונגער-אויגנ.

ליאמענ דאכט, אז ער זעט אלצ, אז אינ די מינדסטע קלייניקײַטנ דרינגענ ארײַנ זײַנע אויגנ אונ שפּרינגענ ווײַטער. נאָר פעטריקנ זעענ זיי ניט, אונ קיינ ארבעט פאר זיכ זעענ זיי ניט, אונ קיינ אויסוועג ניט.

פאראזיטנ פרעסנ אימ, אונ די ציינ שאָקלענ זיכ, אונ דער שלאָפ האָט זיכ פונ אימ אָפּגעטאָנ. באמ דרײַער לעמפּל, וואָס ער האָט זיכ די ערשטע טעג דאָ געקויפט, לייענט ער עפּעס, אונ סע לייענט זיכ ניט, — סע שפּרינגענ די ווערטער. צווישנ די שנאָרכערײַענ, וואָס רימפּלענ פונ די שימעלס זאטע בײַכער ארויס — גלײַכ שטריקל-דרייערס האלטנ מיל-כאָמע מיט הארטנ פלאקס, — צווישנ דעמ רימפלענ אונ סקריפּענ, פאלט אמאָל ארײַנ א ביטערער זיפצ פונ שלאָפ: ער קומט פונ דער קיכ, דער זיפצ, כאפּט זיכ דורכ דורכנ ליארעמ אונ טוליעט זיכ צו ליאמענ.

ליאמ דרימלט, ער סטארעט זיכ אָנכאפּנ אינ א יאָגנדיקנ כאָלעמ אונ אוועק ערגעצ, אוועק צו די מאָלצײַטנ אינ די מידבאָריעס.

פארטאָג, אז מע כאפּט זיכ אופ אונ מע באגעגנט זיכ, איז שימעלס אָנגעדראָדלט אפ ליאמענ. פעדערנ שטעקנ שימעלסנ אינ קאָפּ, באָרד אונ פּייעס, אינ טאלעסקאָטנ. עפּעס האָט ער שוינ ליאמענ א בורקע געטאָנ מיט רוגזע, פארוואָס ער ברענט א לאָמפּ באנאכט. ס'ארט אימ ניט, — האָט ער געבורקעט, — דער גאז, סע ניט זײַנ גאז, נאָר דאָס גראָבקײַט ארט אימ.

מיט די פאַרבערס

1

באַמ פאָרט האָט מענ דעמלט נײַע סכויוע-לאַגערס אופגעשטעלט, מע האָט זיי געפאַרבט. צונעמענ האָט מענ אימ ניט געוואָלט, אונ אלײנ איז ער ניט זיכער, צי געדענקט ער נאָכ עפּעס אינ פאַרבערײַ, צי ליגט נאָכ די האַנט דערצו.

האָט ליאַמ אײנעמ א פאַרבער אלעמאָל דערלאַנגט דעמ עמער צומ לײטער, ווו דער פאַרבער איז געשטאַנענ. גלאַט אזוי דערלאַנגט, גאָר-ניט געמײנט, אונ יאָ געמײנט, אונ מאָרגנ — ווידער, — אונ דער פאַר-בער האָט אימ געשיקט קויפנ מאַכאָרקע.

ס'איז אָנגעקומענ דער פּאָדריאַטשיק מיט היצ, מע זאָל גיכער אַר-בעטנ, אונ ווײַל ער מוז פאַרטיק ווערנ ביז ד'עמ-אונ-דעמ טערמינ. די פאַרבערס האָבנ זיכ געבלאָזנ, דאָכ געקראָכנ פונ דער הויט, זיכ אָפּ-געגאָסנ מיט שווייס אונ געיאָגט מיט די באַרשטנ, ווי צענ וויכערס וואָלטנ ארײַנ אינ זיי.

אײנ פאַרבער האָט אָנגעוויזנ אפ ליאַמענ, אז ער העלפט, ער קענ. דער פּאָדריאַטשיק האָט אפ אימ א קוק געטאָנ אונ אימ אָפּגעדונגענ אפ א כוידעש, מיט גוט געצאָלטס...

דעמלט האָט ער זיכ אָפּגעטײלט פונ דעמ גאַנצנ ארומ, זיכ אוועק-געשטעלט אויסער דער גאַנצער לעבעדיקער וועלט אונ א גלײַכ גע-טאָנ: „ווער איז דאָ דער גליקלעכער? ווער איז צו אימ גלײַכ? אָט דאָ וועט ער זיכ צונויפשלאָגנ געלט אונ וועט זיכ לאָזנ געפינענ פעטריקנ. טעלעגראַמעס וועט ער קלאַפּנ... אַכ, ווענ פעטריק זאָל בע-סער זײַנ דאָ!"

א פאָר גילדנ האָט ער שוינ באַקומענ אונ ניט פאַרשטאַנענ, אז די פאַרשרומפּענע געדערימ מוז מענ פאַמעלעכ דערמונטערנ, אופלעבנ, דערוואַרעמענ. ער האָט זיכ אָנגעקויפט אויבס, קישקע עטלעכע סאָרטנ,

און פרישע בולקע — געשטאָפּט אין זיך, לאָעט געשטאָפּט, און אָפּ עט־לעכע טעג אזוי פאַרשטאָפּט זיך, אז די בויכוויייטעקן האָבן אים דאָס גאנצע פאַרגעניגן פון דער ארבעט אָפּגעסאמט.

ס'איז אים אָבער שטארק גוט געוועזן, און א חייסע באָד האָט צוגע־האָלפן — ער איז געזונט געוואָרן, און דער פעלדשער־ראָטשיק האָט אים נאָך אָפּ א כוידעש אָפּגעדונגען, ער האָט דעמלט די ערשטע פאַרהאָרעווע־טע גראָשן אָפּגעשיקט דער באָבען.

•

צו ריוועג וועט ער צוגיין און בעטן, זי זאָל גיין מיט אים אין קינעמאטאָגראַפ. אויב שימעלס וועט ניט לאָזן, וועט ער, ליאמ, פאָ־דערן. זאָל ער פרוווג זיך אקעגנשטעלן, דער שימעלס. ליאמ וועט גיין אָפּזוכן די כעוורע: עס מוז דאָ זײַן א כעוורע, א „סאָיוז", מע וועט שוין שימעלסן דערגיין די יאָרן. ריווע וויל אויך א שפּאציר טאָן.

דאָס פאַרפאָלק שימעלס איז ניט געווען אין דער היים. שאבייסע־נאכטס, ריווע האָט זיך געזעצט צו דער אָוונט־ארבעט בא א בארג צו־געשניטענע זשילעטן. ליאמ איז פון דרויסן ארײַן, זיך געדרייט, געשעמט זיך, זיך אָנגעבויגן, הייס געשושקעט.

— ריווע, ריווע, כ'וויל אײַך בעטן, ריווע... יאָ, מע טאָר זיך ניט... יאָ... קומט מיט מיר אין קינעמאטאָגראַפ... כ'בעט אײַך זייער. קומט!

ריווע איז אזוי אויך א רויטלעכע, נאָר אונטער די אויגן איז בלוי; פון די ווערטער איז זי אינגאנצן רויט געוואָרן, אפילו די אויגן רויט.

פאַר דער גאנצער צײַט, וואָס ער איז דאָ, האָט ער נאָך איר קאָל ניט געהערט. איצט האָט עס אים איבערגעראשט: זי האָט אזוי געכריפּעט, גלײַך איר האַלדז איז פאַרלייגט און דורכגעגעסן מיט רויך.

— ווי קען איך?! — און געוויזן אפן פּאַק זשילעטן.

— וואָס רעדט איר, ריווע? באנאכט דאַרף מען ניט ארבעטן! ער טרעט אײַך מיט די פיס, דער באַלעבאָס... מע טאָר ניט לאָזן, עך, רי־ווע, מע מוז זיך זען מיט די אנדערע בא די טאנדעטניקעס, זיך אקעגנ־שטעלן, יאָ, יאָ, קומט!

ריווע האָט זיך ניט גערירט. אירע קליינע פינגער האָבן ציטעריק געקלאַפּט אין דער מאשין, זי האָט געקוקט אַפּ אים, און טרערן האָבן

זיך געשטעלט אין די רויטע אויגן. זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ס'האָט געהייסן: ווער וועט קאָנען אָנהייבן קענען שימעלסן!

איר קאָפּ איז געפאלן אפ די זשילעטן און די אקסלען האָבן זיך אופגעהויבן צום כליפּען. ליאַם האָט ציטעריק אַרופגעלייגט זיין האַנט אַפ איר קאָפּ.

— קומט, ריווע, מיר וועלן זיך א ביסל דורכגיין.

די זשילעטניצע האָט זיך אופגעהויבן, זיך צעשמייכלט, געכאפּט אַפּ זיך א רעקל, און מע איז אוועק.

מע איז דאַפקע געווען ניט נאָר אין קינאָ, וווּ מע האָט ביידע גע-פּלאַמט פון גליק און אופרעגונג, נאָר מע איז אויך געווען אין גרויסן טיי-הויז, „קיטעי", וווּ מע האָט געטרונקען א פּאָרל טיי מיט בייגעלעך און געהערט שפּילן די גרויסע שפּיל-מאַשין.

2

ריווע האָט מוירע געהאַט אַהיים צו גיין.

זי האָט ליאַמען דערציילט, ווי איינמאָל האָט זי שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן און אַנטלאָפן, — די שער האָט ער אין איר געוואָרפן. זי האָט איבערגענעבטיקט אין מארק אונטער א שטעל און פּאַרטאָג באַדאַרפט זיך לאָזן מיטן סטעפּ-וועג צו איר קאָלאָניע — כאָטש געוווּסט אַפ זיכער, אַז דער פאָטער וועט זי באַגעגענען מיט א בייטש, מיט א פיינעם „סקאָצל קומט". זי האָט עס אָבער פאַרשפּאָרט, ווייל שימעלס האָט זי באַצייטנס אָנגעיאָגט, זי געכאַפּט און געשלעפּט בא דער האַנט... ס'האָט ניט געהאָלפן שרייען, בעטן זיך בא די אַדו-מיקע מענטשן, — ווי א בעהיימע האָט ער זי געשלעפּט אַהיים. אַזאַ איז ער.

כאָטש ס'איז נאָך גאָרניט אַזוי שפּעט, דאָך האָט שוין בא די שי-מעלס קיין ליכט ניט געברענט, און אַפן ערשטן שוואַכן און אַפן שפּע-טערדיקן שטאַרקערן קלאַפּן אין טיר האָט מען זיי ניט געעפנט. דער-נאָך האָט ליאַם געקלאַפּט אין פענצטער, און אויך אומזיסט.

ס'איז געווען קלאָר, אַז די שימעלס זיינען זיך נויקעם. ריווע איז מאַלע-יסורים אומגעלאָפן פון טיר צו פענצטער, זיך געביסן די פויסט-לעך, געוויינט און געוויקעט:

— ער וועט דערציילן דעם טאַטן, ער וועט מיך מיימעסן, ער

וועט ניט אָפּגעבנ דאָס געצאָלטס; ער וועט ניט עפֿענענ, דער פֿאַר־ביסענער הונט.

אונ ריווע האָט אַלײנ בענומענ קלאַפּנ, ניאַווקענ אינ פֿענצטער אַרײַנ, ווי א געשלאָגנ הינטל; אינווײניק האָט זיך עפּעס גערוקט, גערודעוועט.

אינ ציִמער האָט זיך א שוועבעלע אופֿגעריבנ, אונ זיי, אינ דרויסנ, האָבנ געזענ, ווי די שימעלעכע שטייט בײַ דער טיר אינ אײנ העמד, רײַסט זיך פֿונ שימעלסנ, וואָס איז אויך אינ אונטערשטער וועש, ער שלעפּט זי צוריק, אונ זי רײַסט זיך עפֿענענ די טיר. א קינד א נאַקעטס אפֿנ בעט רײַבט א שוועבעלע נאָך א שוועבעלע.

דאָס שטילע ראַנגלעניש אינ פֿינצטערער שטוב האָט באַלד אויסגע־שאָסנ אינ א שעלטערײַ, אונ באַלד איז א קוויטש פֿאַרגאַנגענ אינ א ציִענדיק געוויינ, — די טיר האָט אופֿגעפּראַלט.

3

פֿאַרטאָג איז די שטוב, ווי דורך א פּאָקוס, אופֿגעשפּרונגענ. אַלע אירע טײלנ האָבנ זיך געשאָקלט מיט רוגזע, געבייזער, אַקשאָנעסדיק צולאָכעס.

צוערשט האָט שימעלס אָוועקגענומענ דעם לאָמפּ פֿונ ריווענ, אונ ריווע האָט געמוזט אינ דער פֿינצטער שטעפּנ די זשילעטנ, ער האָט געשמיצט מיט דער שער אונ געשריִענ „מויד“. ער האָט צעריײַצט גע־וואַרט, עמעצער זאָל אים פֿאַרטשעפּענ מיט א וואָרט. די שימעלעכע, פֿאַרבונדנ דעם קאָפּ מיט א גרויסנ האַנטעך, האָט אַלעמאָל געפּאַטשט די קינדער, וואָס האָבנ זיך באַלד פֿאַרטלאָגנ — ווער אונטערנ טיש, ווער אונטער א בעט, אונ דאָרט געפּילדערט.

ליאַמ האָט זיך ניך געוואָלט אָפּוואַשנ אונ אַנטלויפֿנ צו דער אַר־בעט, נאָר שימעלס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אפֿ דער שוועל, די הענט ווי א מאַרקעלעכע אפֿ די קליבעס, אונ די געלע פּייעס זײַנענ מוירע־דיק אופֿגעשויבערט. א פּאַכעד!

די קאַלעמוטנע אויגנ האָבנ זיך אײַנגעגעסנ אינ ליאַמענ, אונ באַלד, ווי א דונער:

— א רוח אינ דײַנ געפּייגערטנ טאַטנ, וואָנ, דו ווערעמדיקער הונט! וואָנ פֿונ מײַנ שטוב! — אונ זיך א לאָז געטאָנ אפֿ ליאַמענ.

ליאַמ האָט זיך אונטער די הענט אים אויסגעגליטשט, שימעלס האָט

געטאָן א טעלעמעץ, זיך אופגעהויבן און ווידער זיך געלאָזט נאָך ליא־מען, וואָס איז אריין אין קיך, געכאפּט דעם לאנגן בעזעם־שטאָק און זיך געשטעלט באם צושנייד־טיש. שימעלס האָט געכאפּט די שער:

— די טרייפענע קישקעס דיר ארויסלאָזן, דו, סמארקאטש איינער! שיקסע־באָכער! וואָן!

ריווע האָט זיך פארשלאָגן אין א ווינקל און פאר כארפּע באהאלטן דעם קאָפּ. די פרוי שימעלס, באהאנגען מיט די קינדער, האָט בעקווי־טשעט.

שימעלס האָט אוועקגעלייגט די שער:

— באצאָלן פאר די צוויי וואָכן — און...

ליאם איז צום לאָשן געקומען:

— איך צאָל ניט. און גיין וועל איך גיין, — נאָר איר וועט האָבן צו געדענקען, בלוטצאפּער! — און ליאם איז אוועק, נאָר באלד איז ער צוריק אריין. אלע זיינען דערצ־טערט געוואָרן. ליאם איז ווי א בליץ פארביי־געלאָפן און געכאפּט זיין איינ־און־איינציק פארמעגן, זיינע איינ־ציקע באוועגלעכע גיטער: דאָס דרייער קעראָסין־לעמפּל... עס געכאפּט פון פענצטער און ארויס פון שטוב...

ס'איז נאָך געווען זייער קיל און ערעוו טאָג. אף די גאסן איז קיי־נער ניט געווען. ער האָט דאָס דרייער לעמפּל געטראָגן באם בלעכע־נעם טאָזעלע און געגאנגען דערמיט פאמעלעך גאס־אויס, גאס־איין, אין פוסטקייט פון שטאָטישן באגינען.

ארעסט

I.

דער פּאָדריאַטשיק איז ווידער גענומענ מיט א היץ אונ געיאָגט מעשוגענערווײַז די פארבערס. ער פארשפּילט דעמ קאָנטראַקט איבער זיי, — האָט ער געשריגנ; זיי מאכנ אימ אומגליקלעכ, פונ מאָרגנ אָנ — פריער מיט צוויי שאָ צו דער ארבעט אונ שפּעטער מיט א שאָ אינ דער נאכט ארײַנ. „וואָס זאָל מענ טאָנ? — א סעזאָנ-ארבעט!" — האָט ער געטײַנעט. — א סעזאָנ-ארבעט: נאָכ דעמ גייט איר פראנק אונ פרײַ!

— יאָ, — האָבנ געבורטשעט פונ די לייטערלעכ אראָפ די פארבערס, — א סעזאָנ-ארבעט, דערנאָכ דעמ גאנצנ ווינטער פייגערנ פאר א ביסנ ברויט. ער — ניט, מיר אָבער — יאָ.

נאָכ דער ארבעט זײַנענ די פארבערס געגאנגענ אינאיינעמ אינ טשײַנע. דאָרט איז געווענ פול: פארבערס, טישלערס, דאכדעקערס, מוליערס — אלצ ארבעטער-אוילעמ. אינ מירעדיקנ רויכ אונ פארע זײַנענ זיי געזעסנ פאר אויסגעהאָרעוועטע טישנ, אפ וועלכע עס זײַנענ געשטאנענ פאָרלעכ טיי. מע האָט געשמועסט, געכעזשבנט זיכ, געקריגט זיכ, געקנאקט ווײַסע הארטע שטיקלעכ צוקער מיט די פארלאָזטע גרינע ציינ, געבראָכנ בייגל אָדער ברויט געקנײַפּט מיט די אפּ אייביק-פארפארבטע פינגער.

מעקלערס פונ פּאָדריאַטשיקעס האָבנ דאָ ארומגעשמײַעט מיט זייער לופטיקער, צעפלאָכטענער רירעוודיקײַט, מיט זייערע צווייפּענעמדיקע זיסע דיבורימ אונ שמייכעלעכ. אָט האָט מענ עפּעס אָפּגעשלאָסנ א געשעפט בא א טומלדיקנ טיש אונ מע האָט געשטעלט ביר.

סע איז געווענ אינ סאמע ברענ פונ סעזאָנ, אונ ליאמענ האָט צעטומלט דער יאריד אינ דער טשײַנע. ער האָט דערפילט א היימישע אייגענע וועלט: פארשוינענ, מיט וועלכע ער איז עפּעס דורכ א זעלטנ-שטארקער קרויוועס פארבונדנ. א זעלטנ געפיל האָט אימ ארומגעכאפּט:

אָט דאָס איז דאָכ דאָס אָרט, וואָס אים אונ פּעטריקנ פעלט! אָט דאָס איז עס דאָכ, וואָס איז מיסטאמע אומעטומ פאראנ — אומעטומ, וווּ-היג מענטשנ, אזעלכע ווי ער אונ פּעטריק, ווערנ פאַרוואָרפנ. א טשײַ-נע איז די היימ פונ אזעלכע לײַט, — דאָ מוז זײַנ אזא עלקע, אזא אר-שינ. אינ אָט דער היימ גרייט מענ דאָס, וואָס דער ארשינ גרייט.

די אָנגעקומענע האָבנ זיכ אויסגעזעצט. באַלד זײַנענ אויסגעוואַקסנ פּאָרלעכ הייסע טיי מיט שעלעכלעכ צוקער אונ בייגל, ברויט.

ליאמ איז געזעסנ צווישנ די פאַרבערס, געריבנ בייגל, געכליעפּ-טשעט הייסע טיי אונ זיכ אײַנגעהערט, שווײַגנדיק אײַנגעהערט זיכ, טוי צו די רייד, סײַ צומ אייגענעמ פארגעניגנ אונ וואַקסנדיקער זיכערקײַט, זעלבשטענדיקײַט אונ שטאָלצ.

יעדער טײַנע, וואָס האָט ארויסגעכלינעט פונ א פאַרבערס א מויל, האָט ליאמענ פאַרשמיסנ מיט פאַרדראָס אפנ פּאָדריאַטשיק, אונ אָט, זאָלנ אימ די כאַוויירימ הייסנ, — איז ער אפ אלצ גרייט, אפ אלצ!..

אייניקע האָבנ געשימט פעכ אונ שוועבל, מיט סינע אונ ווייטעק אויסגעמאָלט דעמ פּאָדריאַטשיקס גרויסע פאַרדינסטנ אונ געפּאָדערט, מע זאָל מאָרגנ ניט גיינ פריִער אפ דער ארבעט, ווײַל מע ווערט שוינ אזוי אויכ געגנוג אויסגעריסנ פונ עלפ שאָ שטיינ אפ די פיס.

אנדערע האָבנ אָנגעכמורעט אונטערגעהאלטנ. איינער האָט, טונקענ-דיק שטיקער פּאַנזעל אינ הייסער טיי-געדיכטעניש, מיט כליעפּטשענ-דיקע, שלינגענדיקע ווערטער דערוויזנ, אז פאַרבערײַ איז א סעזאָנ-זאַכ, מע דארפ זיכ פּרווונ צוקוועטשנ דעמ פּאָדריאַטשיק צו דער וואַנט, ער זאָל העכערנ דעמ פּרײַז. אנ אנדערער איז ארײַנ:

— נאָכ דרײַ שאָ — איז נאָכ דרײַ שאָ! וואָסי דאָ דער ראש? — אבי די מאַטבייע זאָל ער געבנ!..

ליאמענ איז אלעמאָל קאלט אונ הייס געוואָרנ פונ די שמועסנ. ער האָט זיכ אויכ געוואָלט ארײַנמישנ. נאָר יעדעס מאָל דערפילט א שטארק הארצקלאַפּעניש, געפילט, אז די ווערטער וועלנ דערוואָרגנ ווערנ אינ אימ. ער האָט זיי וואָס צו זאָגנ, ווענ פּעטריק איז דערבײַ, וואָלט ער, ליאמ, געוויס געוואגט. עפּעס ליכטיקס שטעקט אינ די ווערטער, וואָס ער וואָלט זיי געזאָגט. ער פילט, אז מע וואָלט זיי, די פאַרבערס, צו-געגעבנ מער זיכערקײַט, מער מוט. נאָר די ווערטער ווערנ אויסגעלאָשנ אינ אימ: קיל, קאלט; הייס, קיל, קאלט. דאָס הארצ שלאָגט מוירעדיק.

אינ די שמועסנ, אמפּערנישנ, הייבט אָנ אופקומענ א מאכלויקעס, א קריג צווישנ די פּארבערס... א קלאָלע פאר זיי — אונ א בראָכע פארנ פּאָדריאַדטשיק... מע קלאפּט מיט דעם פויסט אינ טיש, סע טאנצנ די פּאָרלעכ טשײַניקעס, סע ווערט צעבראָכנ ליאמס פריערדיקע זיכערקײַט, מוט. די מעגושעמדיקע צאָרע איז אָנגעקומענ, די ערגסטע שטראָפ: מאכלויקעס צווישנ זיכ — דער פּאָדריאַדטשיק ווועט אויסשפּילנ!..

אפ מאָרגנ זײַנענ אלע געקומענ פריער מיט א שאָ. פונ דעם פּאָדריאַדטשיק איז געקומענ א מענטש אונ פארשריבנ. דרײַ זײַנענ שוינ געשטאנענ אונ געארבעט, ווי דער פּאָדריאַדטשיק האָט געהייסנ. צווישנ די דרײַ — דער פּארבער, וואָס האָט ליאמענ צוגעצויגנ צו דער ארבעט.

א וואָרט פאר א וואָרט — אונ די פּארבער האָבנ געהייסנ די דרײַ אראָפּ פונ די לייטערלעכ. דער מענטש דעם פּאָדריאַדטשיקס האָט אָפּגעשטופּט די שטרײַקער; די שטרײַקער — דעם מענטשנ. יענער האָט געמאכט א טומל אונ געשריגנ, פּאָליציי זאָל דערהערנ.

די דרײַ האָבנ ניט געוואָלט אראָפּ, מע האָט אָבער אזוי געטרייסלט מיט די לייטערס, אז זיי האָבנ געמוזט אראָפּקריכנ. ליאם האָט געהאָלפנ... דאָס הארצ איז איבערפולט געווענ מיט ווייטעק אונ פארדראָס.

ווי נאָר דער פּארבער איז אראָפּ, האָט ער געכאפּט ליאמענ אונ אים אָנגעהויבנ נעריקנ. מע האָט אים אָפּגעשלאָגנ, אונ ליאם איז ארויס ניט קיינ גאנצינקער, נאָר א צופרידענער: זײַנ צאד האָט געזיגט, די דרײַ האָבנ געמוזט שטעלנ פיס. אינאיינעם מיט זיי — דער מענטש, דעם פּאָדריאַדטשיקס; סע האָט זיי נאָכגעיאָגט א האָגל פונ שטיינער אונ זידלערײַ.

מע האָט אויסגעוואַרט, ביז די געוויינלעכע ארבעט-שאָ האָט געשלאָגנ, אונ מע האָט זיכ געשטעלט צו דער ארבעט.

שפּעטער איז אָנגעלאָפנ דער פּאָדריאַדטשיק, דער מענטש, א נאדזיראטעל מיט א סטראזשניק אונ ליאמס פריערדיקער באשיצער.

מע האָט אלע ארבעטער געהייסנ אראָפּ פונ די לייטערלעכ, דער פּאָדריאַדטשיק איז געווענ רויט, ווי א בורעק, אונ דער נאדזיראטעל האָט אלעמענ איבערגעשריבנ. דער מענטש האָט אָנגעוויזנ אפ צוויי, אז זיי זײַנענ עס די געפערלעכסטע, די שולדיקסטע. די צוויי האָט דער נאדזיראטעל געהייסנ פארנעמענ. ליאמס פריערדיקער באשיצער האָט געשושקעט דעם מענטשנ אינ אויער אונ געוויזנ אפ ליאמענ, — האָט מענ אים אויכ צוגענומענ.

צווייטעג געזעסן, און די ארבעטער האָט מען קוים מיט צאָרעס ארויסגעלאָזט.

ליאמען אָבער האָט מען פאַרהאַלטן. מע האָט אים אין אוטשאַסטעק א פּאָר מאָל געשלאָגן, ער זאָל זיך „מוידע זײַן". מע דאַרף וויסן, ווו ווױנט ער, ווו צוגעשריבן, און, דעריקער, וואָס זאָגט דער באַלעבאָס, באַ וועלכן ער איז צוגעשריבן.

אז ווײַנען ווױנט ער שוין עטלעכע טעג אין ערגעץ ניט: דאָ א נאַכט, דאָרט א נאַכט, צומײַנסטנס באַ יענעם פאַרבער, וואָס וויל אים איצט באַגראָבן, און געוווינט האָט ער אַפּריער באַ שימעלסן. א שיינע זאַך, כ'לעבן. זיי זאָלן זיך גיין דערפרעגן באַ שימעלסן וועגן אים.

שוין דאָס צווייטע מאָל, אז מע איבעראַשט אים דאָ, אין דעם מאָ־רעשכוידעדיקן לאַגער, באַ די סאָנים אין די הענט. ריווע האָט זיך דערפרעגט און געקומען אהער. זי האָט געטשאַטעוועט, ווי א גאַנעוו, אַף א גוטער ווײַלע און אויסגעבעטן, מע זאָל זי לאָזן זען זיך מיט אים.

ס'האָט אויסגעזען, ווי זײַנע אַלע ליבסטע וואָלטן מעגולגל געוואָרן אין דער אײנער ריווע. אָט קומט זי צו אים, גלײַך ער ליגט געפער־לעך קראַנק, און זי קומט מיט גוטער האָפענונג, זיצן לעבן אים.

ער האָט אַלץ דערציילט.

זי איז געווען אויסגעבונדן אין אַלע קליינקײַטן און האָט אים גע־מאַכט געדערכט. סע האָט געהאַלטן שלעכט. מע האָט אים באַדאַרפט אָפּשיקן מיטן עטאַפּ צוריק אַהיים... מע זאָל אים אַפן אָרט באַגראָבן לעבעדיקערהייט, וואָלט אים געווען גרינגער.

ריווע איז דערנאָך געזעסן נאָך מער דערשלאָגן, נאָך מער אײַנגע־הויקערט איבערן באַרג זשילעטן, און ווי פּליאַמעס האָבן זיך צעפּלאָסן די גלײַכמעסיקע שטעכ פון אונטער דער לאַפּקע, ווי פּליאַמעס — די לאַפּקע אַליין. די אָנגעדראָלענע ראַנדן פון די אויגנלעפּלעך האָבן ווײ געטאָן, גלײַך זאָלץ וואָלט זיי געשניטן.

ריווע האָט זיך אויסגעגלײַכט און רירעוודיק צוגעגאַנגען צו שימע־לסן, וואָס איז ערשט אויסגעגאַנגען שעמוינעסרע. זי האָט שטיל, נאָר גיך און קורץ ארויסגעכריפּעט:

— כ'בעט אײַך, מע האָט אַרעסטירט יענעם, דעם ליאַם, מע וויל אים

אָפּשיקנ מיטנ עטאפּ. גיט א קוויטל, אז איר קענט אים, ער האָט געווינט בא אײַך.

שימעלס האָט זי אָנגעקוקט, מיט די אויגנ איבערגעגאנגענ צום ווײַב אונ ווידער צו ריוועג. אָפּגערוקט פונ זיך דעם סידער, די פּייעס האָבנ זיך אופגעשטעלט — א פּאכעד...

— א-א... האָט שימעלס מיט כויזעק אויסגערעדט אונ ווידער געקוקט צו ריוועג.

— א-א... האָט ריווע איבערגעקרימט — יאָ, א-א... טוט עס — ער וועט אײַך א טויווע טאָנ... אמאָל...

— וואָס האָט עס צו דיר, מײדעלע? — האָט ער צוגעזשמורעט מאמזעריש די אויגנ. — זאָל מענ אים שיקנ. ער וועט אויסזײַנ א וועלט מיטנ עטאפּ, א כאדאָשים דרײַ, — וואָס איז דײַנ טאטנס אײסעק? מיטנ עטאפּ איז זײער גוט פאר אים, ווי אָנגעמאָסטנ.

ריווע האָט זיך אָנגעשפּיצט אונ באלד זיך באהערשט:

— פּאניע שימעלס, די כאָכמעס לאָזט אפּ שאבעס. טוט די טויווע מיר. כ'וועל אײַך אָפּדינענ...

שימעלס איז זיך דורכגעגאנגענ איבער דער קיך אונ געשיקט ריוועג זיך זעצנ צו דער מאשינ. זי האָט זיך ניט גערירט פונ אָרט. ער איז צוגעגאנגענ צו איר נאָענט אונ שטיל געזאָגט:

— איך מאך אים דיר פרײַ. שרײַב אונטער א צעטעלע, אז דו האָסט באקומענ בא מיר פאר הײַנטיקס יאָר געצאָלט, דערפאר קויפ איך דיר אויס דעם באָכער.

ריוועג האָט עס אונטערגעצונדנ:

— סע דארפ אײַך קײנ גראָשנ ניט קאָסטנ, נאָר א צעטעלע אז ער האָט געוווינט בא אײַך אונ איר קענט אים. ער איז ניט קײנ גאנעוו, קײנ גאזלענ! פארוואָס ווילט איר מײַנ יאָר געצאָלטס?

— שרײַ אפּ די צײנ! — איז ער אופגעשפּרונגענ פונ איר, — ווער דארפ דײַנ געצאָלטס? פּיסקאטע מויד! גײ צו דער מאשינ!

ריווע האָט זיך ניט גערירט פונעם אָרט. שימעלס האָט געשמיצט מיט די שערנ, געכאפּט דעם פּידזשאק אונ זיך געלאָזט צו דער טיר, פונ דער שוועל א געשרײ געטאָנ:

— מאך פארטיק די פּארטיע זשילעטנ!

ריווע האָט זיך ניט גערירט פונעם אָרט. פאר אירע צוגעמאכטע אויגנ

און אויפגערודערטע זינען איז דורכגעגאנגען דאָס יאָר געצאָלטס: דריי הונדערט בערג ושיליעטן, וואָס קומען זיך אָנוואַרפֿן אויף איר נישטיקן נעפּעש...

זי איז גלייך צוגעלאָפֿן צו דער טיר. ער איז שטיין געבליבן. זי האָט געזאָגט:

— כ'גיי איין. היינט נאָך שרייבט מען אין אוטשאַסטעק און גיט עס מיר.

— ע, ניין, אין אוטשאַסטעק גיי איך אליין, מאָרגן איז ער דיר פריי.

3

ס'איז ליאַמען געווען אַזאַ ווילדער כידעש, אַזוי אומגעלומפּערט און פריקרע: מע האָט אים אַרויסגעפירט פון אוטשאַסטעק-קאַמער און אים איבערגעגעבן שימעלסן. שימעלס האָט מיט אַ זיס שמייכעלע אים אָפּגענו-מען, ווי אַ ציג אָדער אַ קישן — אַ מאַשקן, וואָס מע קויפט אויס צוריק.

אין דרויסן האָט שימעלס אים געזאָגט:

— כ'האָב באַצאָלט פאַר דיר אַן אַפּויטעקע. נאָר גאָרניט. וואָס זאָל מען טאָן? זאָלסט זיך כאָטש ניט וואַרפֿן אין די אויגן. וועסט קאָנען, וועסטו מיר אויסצאָלן.

בעסער פאַלן דאָ אויפן אָרט, אַבי ניט דאַרפֿן קוקן שימעלסן, זיינע אויסלייזער אין די אויגן, — הערן זיינע רייד. ליאַמ האָט פאַרשטאַנען, אַז סע ריוועס אַרבעט, אָבער וויאַזוי, וואָס? ס'האָט אים שטאַרק גע-פייניקט אַן אומרויִק טונקל געפיל, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט, שטאַרק ניט גלאַט.

ער האָט זיך בא שימעלסן גאָרניט דערפרעגט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַריין אין טשיינע. ער האָט זיך ווי אַ פאַרטשאַדעטער אומ-געדרייט צווישן די בוי-אַרבעטער אין דער בירזשע-טשיינע.

אַ טאָג איבער אַ טאָג, אַ טאָג איבער צוויי, האָט ער אַרבעט באַ-קומען, נאָר ס'האָט זיך ניט געקלעפּט. ליאַמ האָט בא ריוועס ניט גע-קאָנט דערגיין קיין עק, וויאַזוי האָט זי אים באַפרייט.

אינ וועג ארײַנ

1

ליאמ האָט געוואָרפנ אנ אומכײנ אפ כערסאָנ, — ענג איז אימ דאָ.

א פּאָר מאָל נאָר האָט ער, נאָכ לאנגע וואַרטענישנ הינטער דער שטוב, געטראָפנ זיכ מיט ריווען. איר פּאָנעמ האָט ער אינ דער פינצ־טער ניט געזענ, נאָר אירע בלעכענע הענטלעכ געהאלטנ, ס'איז געווענ אומהײמלעכ אפנ הארצנ.

זי האָט דערציילט, אז דער פאָטער אירער איז פונ דער קאָלאָניע געקומענ אפ א טאָג. שימעלס האָט אימ געגעבנ א דרײַערל אפ ריוועס כעזשבנ אונ אימ אָנדערציילט, אָנדערציילט, אז דאָס פּאָנעמ האָט גע־פלאטערט פאר ביזויענ. דער פאָטער האָט זי, ווי נאָכ א קלײנ מיידעלע, גענומענ אינ די קאָלאָניסטישע הענט ארײַנ, אונ שימעלס האָט זי קוימ באפרײַט פונ אימ. טאָמער קלערט נאָכ ליאמ אוועק פונ כערסאָנ, איז פּאָשעט נעמ אונ עק זיכ...

סאָנימ ארומ אונ ארומ!

דאָס לעצטע מאָל, ווענ ריווע איז געקומענ, האָט זי אימ געבראכט א בריוול פונ זײַנ היימ. דאָס קארטל האָט געשריבנ אווראָמ גרעבנ, דער ראָש פונ די גרעבערס. מיט קאָטשערעס-לאָפעטעס האָט ער ליאמענ מודיע געווענ, אז די באָבע איז שוינ ניטאָ, אונ די עטלעכע רובל, וואָס ער האָט געשיקט, האָט מענ אויסגעגעבנ אפ דער קווורע. ער זאָל צו־שיקנ נאָכ עטלעכע רובל אפ א מאצייווע אונ די שאמאָסימ פאר דער טירכע.

„געשטאָרבנ איז די באָבע, האלעוואַי אפ אונדז געזאָגט געוואָרנ: איז אופגעשטאנענ גאנצפרי, געזאָגט טעקלענ, דער שכײנע: „טעקלע־לעבנ, היינט מאָרגנ שטארב איכ" — אונ האָט אופגעשטעלט א טאָפּ וואסער, זיכ ארומגעוואשנ, זיכ אוועקגעזעצט אפ דער סאָפּקע, אײַנגע־וויקלט אינ שאל, — אונ אזוי אָפּגעגעבנ די נעשאָמע. אונ ברושקע די „יעסוימע" האָט מענ אָפּגעשיקט צו קרויווימ"...

און דאָס האָט ליאמען אופגעריסן... ער האָט מיט ריווען געפּלאַנעוועט אוועק צוזאמען. אָבער ניטאָ קיין גראָשן בא דער נעשאָמע, מיט פעטריקן וואָלט אלץ געגאנגען אנדערש. מע וואָלט געמאכט אפ הויצאָעס און זיך געלאָזט אין דער גרויסער רייזע קיין ווארשע, — דאָרט האָט ער א פעטער א פּאפּיראָסניק.

ער האָט אופגעהערט פילן דאָס הייסע לייב פון די זומער-טעג, ס'איז אים דאָ קאלט און נימעס געוואָרן, נעכטיקן פלעגט ער אין די ניט דערבויטע אמבארן, — אויב עס האָט זיך אײַנגעגעבן אריינצוגאנווענען אהין, די וועכטער זאָלן ניט זען, שוין וואָכן, אז ער האָט זיך ניט אויסגעטאָן, בייסט.

ביז שפּעט נאכט ליגט ער אָפּ באַם דניעפּער-ברעג, בא דער זייט פונעם האפן-טומל, קוקט אפ די אָנקומענדיקע, אָפּפאָרנדיקע שיפן. כאָפּ-טעס פרעמדע, מאָדנע פּאדשווינען, וואָס שטויסן זיך צו א באשטימט-אָרט ערגעץ, און קיינער שטערט זיי ניט. גליקלעכע מענטשן — ליארע-מען, טומלען, אײַלן זיך אהין, וווהין זיי דארפן, ווו ס'ווארטן אפ זיי פריילעכע שטעט מיט פריילעכע מענטשן, סימכעס און שפּאציר-געגנ מיט ארבעט-כאוויירים, און עפּשער ווארטן אפ זיי שטרייַקן מיט פּראָצעסיעס, מיט א שיינ לעבן.

„אזוי — צווישן אלעמען, מיט פעטריקן, מיט ריוועג... א שיפ אפן שטורמישן יאם... ווען ער זאָל געווען זיין אין רער היים, וואָלט ער ניט געווען געלאָזט די באָבע שטארבנ"...

2

ווען ער איז פון ארבעטטאָג געגאנגען זיך אוועקלייגן בא זיין קלאָץ אפן דניעפּער-ברעג, איז שוין דאָרט געלעגן א כאָפּטע פון א מאנ צען. געלעגן מיט קלומעקעס ארום זיך. אייניקע — אינגאנצן באָרוועסע, מיט פינצטערע פיס. א כאָפּטע פלאַקסענע העקער-מענטשן, וואָס די נויט האָט זיי ארויסגעפליקט פון פּארוואָרפענע רוסישע העקן און געטריבן זיי ווער ווייס וווהין — ווו געטאָגט, ניט גענעכטיקט, מיט איין באגער — באַקומען ארבעט, מיט איין טרייסט — מייסעס, געשיכטעס אפ זינגענדיקן לאָשן, מיט איין דערקוויקונג פארן אויסגעדעווערטן בויך — ערדיק שווער ברויט, שווער ווי שטיקער מאקוכע, וויסט ווי דער גורל זייע-

רער. אזעלכע פארשוינענע פרעגנ אפנ וואָקזאל; „ניטאָ קיינ זיבעטער קלאס? מיר ווילנ פאָרנ מיטנ זיבעטנ קלאס"...

רויִק, מיט שטיקער נאקעט לײַב איז מענ געלעגנ אפנ ברעג, אויסגערוט די בינטלעכ ביינער, וואָס זײַנענ ניט געווינט צו זיצנ, ווי מע זיצט אפ א באנק, נאָר וואלגערנ זיכ, אָפּוואלגערנ זיכ דאָס גאנצע לעבנ אפ א ברעג, א ריוו, א פעלד אינ שטענדיקער גרייטקײַט צו וואָגלענ.

ליאמ האָט זיכ אראָפּגעלאָזט לעבנ זיי. ס'האָט זיכ פארבונדנ א שכוּעס. דער כינעזער, דער ציינ-צויבערער, איז אויכ שטילערהייט צוגעקומענ אונ זיכ צונעזעצט. ער האָט געהאלטנ אינ איינ קאכיקנ, אינ איינ הוסטנ; ס'איז אימ נאָכגעגאנגענ א קליינ כינעזעלע, א קינד פונ א יאָר 6—7, וואָס האָט מיטנ צעפּלעטשט פענעמל ניט אופגעהערט כידעשנ זיכ.

דעמ כינעזער האָט מענ שוינ אינ שטאָט א פּאָר מאָל געשלאָגנ, אונ געזעסנ איז ער שוינ אויכ. מע האָט דערשמעקט, אז די ווערעמלעכ וואָס ער ציט קלוימערשט ארויס פונ די קראנקע ציינ, שטעקט ער פריער ארײַנ אינ זײַנ אויסגעהוילטנ שטעקעלע.

שמועסט מענ דאָ, דער, יענער דערציילט, אז ער וואָגלט שוינ וואָכנלאנג, כאדאָשימלאנג פונ דערשלאָגענע דערפלעכ, פארהייעריקטע פעלדער, צופוס, זעלטנ מיט א דורכפאָרנדיקנ פויער, מיט אומגעהייערע אומוועגנ.

מיקיטקע איז געקומענ. אָט ליגט ער, מיקיטקע, אונ האָט געזאָגט, אז אינ די שאכטעס דארפ מענ ארבעטער, — גייענ מיר. אָט די זײַנענ אינ וועג צוגעשטאנענ, יענע אויכ אינ וועג צוגעשטאנענ, הינטיִר כערסאָנ, אייניקע זײַנענ פארבליבנ אינ ראָסטאָוו, זיכ אָפּגעשלאָגנ. ווי מע קומט קיינ כערסאָנ? אזוי האָט זיכ אויסגעדרייט! — הא. מיקיטקע, נאָכ ווײַט?

מיקיטקע האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפּ:

ניינ, ניט ווײַט.

אונ מיקיטקע האָט ליאמענ דערציילט, ניט דערציילט—געזונגענ פריילעכלעבעדיק, ווי וועגנ א גוטער זאכ: ער האָט עטלעכע כאדאָשימ געארבעט אינ א שאכטע. גוט פארדינט. האָט מענ אימ אהיימ גערופנ, דער פאָטער איז געשטאָרבנ, געלאָזט א שטיקל ערד. דאָס שטיקל ערד איז געווענ צווישנ צוויי שכיינימ. זיי האָבנ אימ געוויזנ א פּאפּיר, אז דער פאָטער האָט

זיי פארקויפט די ערד. ער האָט אָנגעגעבן אַפּ זיי אַ לאָדעניש און גייט צוריק צו דער שאכטע.

ליאַם האָט באַשלאָסן שלאָפן דאָ מיט זיי די נאַכט. ער האָט דער-ציילט וועגן זײַן אומגליקלעכער רײַזע מיט פּעטריקן. מיקיטקע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— וואָרט, ער הינקט אַ ביסל? און אויער איז אים צוגעקלעפּט? קליי-ענדיק, אין דײַנע יאָרן? אַזאַ מינעם האָב איך געזען, אָנגעקומען אין שאכטע. איינעם מיט מיר געאַרבעט.

— יאָ, יאָ. פּעטראָ הייסט ער, און קראַסענקאָ רופט מען אים אויך!

און שטענדיק האָט ער איינעם געזוכט, זאָג ווי רופט מען דיך?

— ליאַמע.

— יאָ, יאָ, טאַקע דיך האָט ער געזוכט, טאַקע אַזאַ מינעם!...

ליאַמען האָט אַ צופּ געטאָן באַם האַרצן. צי געגלויבט דעם פּלאַפּ-לענדיקן מיקיטקען, צי ניט געגלויבט, נאָר האָפענונג האָט אַ צופּ גע-טאָן, פּעטריקן וועט ער זען, פּעטריק זוכט אים אויך!

ס'האָט אַ ציִ געטאָן גיין מיט דער כעוורע.

אַרום איז שוין עמעצע טונקעלע נאַכט. נאָר דאָ, וווּ זיי ליגן, איז באַשײַנט פונעם האַפן-לאַמטערן. אייניקע פון דער כאָפּטע האָבן זיך אוועקגערוקט, זיך אײַנגענורעט, און כראָפּען שוין;

ליאַם איז דורכגעשלאָפן דאָ די נאַכט, און פאַרטאָג האָט ער זיך אוועקגעלאָזט מיט זיי — באָרוועסע, העפקער-מענטשן, הונגעריק און צע-כראַסטעט, זיך אוועקגעלאָזט קעגן זון-אויפגאַנג.

סע האָט עמעצער געשריגן פון הינטן. מע האָט זיך אומגעקערט: דער כינעזער איז געלאָפן צו זיי מיט אַ פּעקעלע. זיי האָבן אויסגעוואַרט.

ליאַם האָט געוווּסט, אַז דער כינעזער ווייסט אַפילע ניט, וווּהין מע גייט, צוליב וואָס מע גייט.

די כעוורע איז ווײַטער געגאַנגען אין לויטערן פאַרטאָג.

פעטריקנ פירט א פארשויב

1

ס'איז אלצ פאָרגעקומענ אומגעריכט אונ גיכ:

נאָכדעמ, ווי דער זשאנדארמ האָט ארויסגעריסנ בא פעטריקנ דאָס ביסל מינצ אונ אימ ארויסגעוואָרפנ, האָט זיכ פעטריק אומהיימלעכ ארומגעקוקט: אלצ איז אימ דאָ פרעמד. כאָטש איינגאנצנ איז עס די צווייטע, צי די דריטע סטאנציע פונדר'היימ, דאָכ האָט זיכ אימ געדאכט אז אינ עק וועלט איז ער שוינ... צי איז דאָ אויכ ראסיי?

פונעמ אוועקיאָגנדיקנ צוג איז דאָס לעצט ארויסגעפיכקעט רויכל אינ ווײַטקײַט אונ בלויקײַט צעגאנגענ. א וואסערל האָט פונווײַטנ זיכ געפעסטעט, געבראָכנ פיסקעס פאר דער זונ, — האָט ער זיכ אוועקגעלאָזט צו דעמ, אָפּוואשנ די הענט, וואָס זײַנענ פונעמ מעסלעס ליג אונטער דער באנק אינ וואגאָנ שטארק שמוציק געוואָרנ. אונ באמ וואסערל האָט עס אימ געפאקט: „כאָליערע”...

אפנ הארצנ איז געגוג ביטער, האָט ער זיכ וואשנדיק פארטראכט, פארשפילט אונ גאָר אָנגעהויבנ זוכנ קרעפּסנ. ער האָט זיי נאָכ קיינמאָל ניט געכאפט, אָבער ווי צו זוכנ האָט ער געוווּסט. האָט עס אימ געטראָפנ: ניט פעטריק האָט דעמ קרעפּס געפאקט, נאָר פארקערט — א קרעפּס האָט זיכ מיט צוויי לאפּעס אזוי ארײַנגעשטאָכנ אינ זײַנע פינגער, אז פעטריק איז אופגעשפּרונגענ פאר ווייטעק אונ פארצווייפלט געפּאָכעט מיט דער האנט, דער קרעפּס זאָל אראָפּפאלנ. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפנ, דער קרעפּס האָט זיכ געבאָמבלט, אונ בא יעדער פּאָכ מיט דער האנט מוירעדיקנ ווייטעק אָנגעטאָנ.

ווײַטער א ביסל איז געזעסנ אפ א שטיינ אונ געוויגט די פיס איבערנ וואסער א קליינינקער מאָנאכ, א קארליק מיט א הויכנ וואטאָווג מיצ איבער די אויערנ. ער האָט זיכ פונעמ אָרט ניט גערירט, באקוקט א

מאטבייע, וואָס ער האָט אלעמאָל איבערגענומענ פונ איינ האנט אינ דער צווייטער, אונ צוגעזענ, ווי פּעטריק שפּרינגט פאר ווייטעק.

מיטאמאָל איז געשענ שרעקלעכעס: פּעטריק האָט צוגעטראָגנ די האנט מיטנ קרעפּס נאָענט צום פּאָנעם, א קוק צו טאָנ, ווי רייסט מענ אים אָפּ. האָט אים דער קרעפּס אָנגעכאפּט מיט די אנדערע לאפּקעס בא דער ליפּ — אָבער אזוי פּעסט אונ מיט אזא שמארצ, אז פּעטריק האָט א קוויטש געטאָנ ניט מיט זײַנ קאָל אונ איז פארגליווערט געוואָרנ: צווישנ דער האנט אונ דער ליפּ איז דער קרעפּס געבליבנ הענגענ.

אזוי איז פּעטריק מיט א געוויינ, אינ אומגעלומפּערטער שרעק צוגעלאָפנ צום שטיינ, צום מאָנאכל, וואָס האָט געשמייכלט אונטערנ הויכנ מיצ.

דאָס מאָנאכל האָט ארײַנגעשטעקט די מאטבייע אונטערנ כאלאט אונ פונ דאָרט ארויסגענומענ א פּעקל שוועבעלעכ, אופגעריבנ איינס אונ אונטערגעטראָגנ דאָס פײַערל אונטערנ בײַכל פונעם קרעפּס, וואָס האָט זיכ אינ איינ רעגע א צאפּל געטאָנ אונ אראָפּגעפאלנ.

ווי נאָר פּעטריק האָט זיכ געוואָלט לאָזנ צום וואסער, די וווּנדנ אָפּשווענקענ, האָט אים דאָס מאָנאכל אָנגעכאפּט אונ ארויסגעשטרעקט א זילבערנע מאטבייע.

— לויפּ פריִער אינ בופעט, ברענג א שקאליק בראָנפנ — האָט ער זיכ סוידעסדיק צוגעבויגנ צו פּעטריקס אויער — לויפּ-לויפּ, כ'וואַרט דאָ.

פּעטריק האָט געפאָלגט.

„א... כאָליערע... האָט ער געמריקעט. דער ווייטעק האָט ניט אופגעהערט. ער האָט מיט דער האנט פארדעקט דאָס מויל, נאָר ס'האָט געברענט אונ געבראָטנ. ער האָט זיכ ארומגעקוקט: לעבנ אים איז קיינער ניט געווענ. נאָר דאָס וואסער פונוויַטנ אונ דאָס מאָנאכל באם וואסער האָט מענ נאָכ געקענט זענ. דער קארליק-מאָנאכל איז דאָרט געזעסנ אפנ שטיינ, געוויגט מיט די פיס איבערנ וואסער, מיט דער האנט געפאָכעט צו פּעטריקנ: „גיי, גיי...“

פונוויַטנ, פונעם גרינס, פונ יענער זײַט טײַכ, האָט זיכ געטראָגנ א קלאפּנ פונ העק אפּ געהילצ: ארום א קופּע מויערלעכ מיט קלויסטער-שפּיצנ האָבנ זיכ געפּאָרעט ציגל-אונ געהילצ-טרעגער. מע האָט צוגעבויט נײַע ביניאָנימ צום מאָנאסטיר.

„כאָליערע“... — האָט פּעטריק געמרוקעט פונ אונטער דער האנט.

וואָס ער האַלט באַם פאַרווונדעטן מויל, א קוק געטאָן נאָכאמאָל אפֿן מאָנאַכל מיטן וואַטאָווע מיץ, ווי א שפּיץ-קלויסטערל, ארויסגענומען דעם זילבערנעם גילדן און אים באַקוקט.

אין וואָקזאַל-בופעט האָט מען אָפּ פּעטריקן א קוק געטאָן פּאַרדעכטיק: א נישטיק פרעמד יינגל פאַרשטעלט דאָס מויל און חייסט זיך געבן א שקאַליק.

— דו, וועמעס טאַטנס ביסטו, הא?

די צעהאַרגעטע ליפּ האָט מיט ווייטעק קוים ארויסגערעדט:

— דער מאָנאַך האָט מיר געשיקט.

— אהא, — האָט מען זיך פון יענער זײַט סטויקע פאַרשלאָפן באַרויקט.

אויסגעפּילט דאָס שליכעס, האָט זיך פּעטריק ארומגעוואַשן און פאַמעלעך געגאַנגען צוריק צום וואָקזאַל. די זון האָט געטריקנט דאָס פּאָנעם און די ליפּ, — וואָס שמאַרצט.

2

באַ דער זײַט סטאַנציע האָט זיך פּעטריק אוועקגעזעצט אָפּ א רעלס, ער האָט זיך אַליין געזידלט:

„נאַר, נאַר! געווען באַדאַרפט א געשריי טאָן „ליאַמע“! — וואָלט ער ארויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן, וואָלט מען עפּעס צוגעקלערט! עמעסער נאַר!“

ער האָט א קוק געטאָן אָפּ דער פרעמדער סטאַנציע, אָפּן פרעמדן ארום און פאָרזיכטיק באַטאַפּט די אויסגעליידיקטע קעשענע, פּאָוואָלינקע, גלײַך זי טוט אים וויי. און פון צווישן זײַנע ציין האָט א שפּײַ, ווי א שפּיז אין דר׳ערד, א שלײַדער געטאָן. ס׳האָט געהייסן:

„ליגסט גוט אינדר׳ערד, פּעטראָ!“

ער האָט זיך געלאָזט צו דער צווייטער זײַט וואָקזאַלעכל, צום זשאַנדאַרם, גייענדיק, אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פון דער זײַט, אָפּ וועלכער ער איז געלעגן אונטער דער באַנק אין פאַרשאָלטענעם וואַגאָן. באַ דער טיר האָט זיך אים צען מאָל געביטן דער מוט אָפּ פּאַכעד: ער האָט זיך גענוג אָנגעהערט, פון וועלכע גידן עס זײַנען געפלאָכטן זשאַנדאַרמישע נאַהײַקעס. דער זשאַנדאַר האָט אופגעהויבן די פאַרשטאָכענע אויגן:

— וואָס דאַרפסטו?

— גיט מיר אָפּ מײַן געלט.

— וואָס? קום צו נעענטער.

פּעטריק איז אָפּגעטראָטן אַ פּ צוריק.

— כ'מוז פאָרן קיין כערסאָן. גיט אָפּ.

— אָט וועל איך דיר געבן! — האָט דער זשאַנדאַרם זיך א שטרעק געטאָן.

פּעטריק האָט זיך באַצייטנס אָנגעבויגן און איז אַרויס.

„ווי-זשע קומט מען אויס די דריי טעג, ביז ס'וועט ווידער גיין א צוג קיין כערסאָן! זאָל זיך כאָטש עסן ניט וועלן!"

פּעטריק איז צוריקגעגאַנגען צום זשאַנדאַרם, צוגעלייגט די האַנט צו דער טיר-קליאַמקע און ניט געעפנט, זיך אַראָפּגעלאָזט בא דער טיר.

מיט געשמאַקער וואַרעמקייט איז פאַרבייגעגאַנגען א גאַלעך, גלייך ניט קיין בויך טראָגט ער אונטער דעם מאַנטל, נאָר א צוגעדעקטע מאַ-קעטרע מיט הייסער טרעבוכע. מיט געשמאַקער וואַרעמקייט האָט אויך די זון פּעטריקן געשמידט די פאַרזשמורעטע אויגן און דאָס גרויע פּאָ-נעם מיט דעם פאַרוואונדעטן מויל.

האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַוועק, זיך אַריינגעוואַלגערט אין ריוו, וואָס באַם פעלד-וועג, אין פאַרטויקן ווילד-גראָז, וואָס איז פאַרטשאַדעט פון הייכע גרויע ביטערקרויט-שטענגלעך. די פּאָר קלייטלעך באַם וואָק-זאַל און דער בופעט אינעם פּאַסאַזשיר-זאַל האָבן מיט זייער אָנגע-שטאָפּטקייט מיט אַלע גוטע זאַכן — קאָלבאַסן און בולקעס, — אים שטאַרק באַאומרויִקט. האָט ניט אויפגעהערט נאָגן: אַן אַרבעט קריגן, עפּעס אַן אַרבעט. האָט אים ניט אָפּגעלאָזט: אַן אַרבעט עפּעס... ער שטעלט זיך צונויף א פּלאַן אַף מאָרגן. אומגעריכט, פון דער העלער היץ ווערט אים קלאָר, אַז ער וועט צוגיין צום מאָנאַסטיר, ווו די באַל-מעלאָכעס קלאַפּן, וועט מען אים צונעמען. ס'ווערט היים מיטאַמאָל פון דעם גוטן געפיל, און די רעגע — ווייסט: „מע וועט ניט צונעמען, זיך ווידער דעם גאַנצן טאָג אַרומוואַלגערן. ערגעץ גייט עס מענטשן גוט: פון פאַרטאָג ביז פאַרנאַכט אַרבעט מען"... אַזוי סאַמט עס און מאַטערט אים, ביז סע פאַרשלעפּערט.

אויפגעכאַפּט זיך שפּעט אין טאָג אַריין מיט א ביטערניש אין האַלדז, מיט א נאָגעניש, — כאָטש הריזע די אייגענע פויסטן.. פאַרשלאָפן, — האָבן אים די פיס געטראָגן צום וואָסערל: זיין לאַנג, דאַר לייב איז געווען צעטיקט פונעם בייסעכץ, — די קרענק פון די אָרעמע האָט גלייכ-

מעסיק באדעקט זײַנ גרויע הויט, באדעקט מיט רויטלעכע פינטעלעכ, וואָס האָבנ געבריט ווי פײַער-נאָדלענ. דאָכ האָבנ זיכ אונטער דער מיעסער הויט באוועגט יינגלשע מוסקולנ, וואָס האָבנ געוווסט אונ געטאָנ זייערס: שטארק געוואקסנ אונ געגלוסט צו ארבעט.

אויכ ליאמ האָט געהאט דאָס בײַסעכצ. פעטריק האָט שיר געמיינט, אז דאָס בײַסעכצ האָבנ אלע פונ זיינ גראד.

ס'נאָגט אזוי האָבנ א זויבער לײַב, גלאט זאָל עס זײַנ, קריציק; מע זאָל זענ, ווי דאָס בלוט האלט זיכ אונטער דער ערשטער הויט. פונ שטענדיק אָנ נאָגנ אימ שווענקענ זיכ אינ וואסערנ. באמ פאָרעצ לוקיאנאָוו, אז ער האָט געדינט בא די כאזיירימ, דאָרט האָט ער זיכ אָנגעהערט פונ א סאכ פארגעניגנס, אָבער מער פונ אלצ איז אימ ארײַנ אינ קאָפ: אזא קאסטנ, — זאָגט מענ, — מע גיסט אָנ הייסע וואסער אונ מע גיסט אָנ ווידער, — אזוי קענ מענ גאנצע טעג...

ער האָט זיכ ווידער אָנגעזייפט דאָס לײַב מיט זאמדיקער בלאָטע, געריבנ, געריבנ, זיכ אונטערגעטונקט אינעמ קויטיקנ וואסערל, גאָרניט געקענט זיכ אָנזעטנ, — האָט דערפילט זיכ זויבער, שטארק. ער האָט ווידער אוועקגעשפאנט צומ עק וואָקזאלעכל, באמ זשאנדארמ האָט ער געטראָפנ נאָכ א פארשוינ, אנ אויסגעפוצטנ ווי א פרינצ, ער איז פעטריקנ שוינ פריער עטלעכע מאָל ווי דורכגעשווומענ פאר די אויגנ. א גרויסער אָפענער בליק מיט א סאכ גוטסקײַט, מיט א סאכ ראָזעווקײַט אינ די באקנ אונ מיט א סאכ פעטס — גלײַכ ער איז געקלעפט פונ לויטער פלוסטערנ. אָבער אזא וויל-רירעוודיקער: אינדערפרי איז צומ וואָקזאל אָט דער אומגעוויינלעכער פארשוינ צוגעפאָרנ אפ א בריטשקע, ארויסגעשטעלט האָט ער די דיקע פיס, ניט ווי א דיקע פרוי, נאָר פלינק, אפ אלעמענ געוואָרפנ גרויסע גליקלעכע בליקנ, ווי ער וואָלט יעדערנ אונטערגעוווּנקענ וועגנ עפעס: „גוט אזוי, גוט אזוי...״

דערנאָכ האָט אימ פעטריק געזענ דורכנ פענצטער אינווייניק, ווו די טעלעגראפ-מאשינקעס שטייענ אונ מענטשנ אינ מעשענע קנעפ ארבעטנ. דאָרט האלט זיכ דער פארשוינ ווי א היימישער, שטעלט פאר אלעמענ אונטער דאָס גאָלד-פאפירענע פודעלע פאפיראָסנ, נאָר ער פאסט ניט צו זיי דאָרטנ צו קיינעמ ניט. אונ דאָ זיצט ער גאָר קעגנ זשאנדארמ פאר א גרויסער שיסל ערשטע, פרישינקע פאפשוי-קאטשענעס, סע זעצט מיט אימפעט א קאָכיקע פארע, בא ביידע, באמ זשאנדארמ אונ פארשוינ,

אַרבעטן שטאַרק די צעשרויפטע מויל-אַנגלען, אײַנגעגעסן אין די קאַטשענעס, וואָס לויפן אום פון עק צו עק, ווי מויל-האַרמאָניקעס. פונעם מונטערן רײַבן מיט די מײַלער האָבן זיך באַ זיי די אויגן אויסגעבאָלעכט, או סגעבאַלעכטערהייט געבליבן הענגען איינס אפן צווייטנס צעפאַרעטן פּאָנעם.

פּעטריקן האָט אַ נאָג געטאָן. האַרט, ווי מע וואַרפט אַ שטיין, געזאָגט:

— גיט אָפּ דאָס געלט.

מיטן קאַטשען אין מויל האָט זיך דער זשאַנדאַרם אופגעהויבן, פּעטריק האָט זיך ניט גערירט פונעם אָרט.

— גיט אָפּ דאָס געלט.

דער זשאַנדאַרם האָט זיך אָנגעגאָסן מיט צאָרן, גיך-גיך מיט די קאַסטנס קורצע ציין אָפּגעהריזעט די פּאַפּשוי און פלינק פאַרמאָסטן זיך מיטן קאַטשען פּעטריקן אין פּאָנעם אַרײַן. פּעטריק איז ניט אָפּגעטראָטן, צוגעלייגט די האַנט צום ברענענדיקן פּאָנעם:

— גיט אָפּ דאָס געלט.

— אַ-האַ, שלעפּערס, — מע קען אײַך! ווו ערגעץ אַ כאַפּ טאָן, אַ שלעפּ טאָן... ווײַז דײַן פּאַשפּאָרט! — דער זשאַנדאַרם האָט אַ שפּרונג געטאָן, אים געכאַפּט און צוגעשלעפּט צום טיש.

— וואָסער פּאַשפּאָט?

פּעטריקן איז קלאָר: אָט פאַרשמידט מען אים אין קייטן, מע שיקט אים אָפּ קיין סיביר. זאָל מען כאָטש שיקן דורך כערסאָן, — עפּשער וועט ער ליאַמען באַגעגענען.

נאָר פון דער העלער הויט איז פּעטריקן קלאָר געוואָרן עפּעס אַן אײַנפאַל. פון אומגעדולד און מוירע, — דער אײַנפאַל זאָל כאָלילע ניט צעגיין, — האָט פּעטריק פאַרביסן מיטן מויל און זיך באַמיט קוקן אין איין פּינטל, אין אַ זײַט.

אַף די גרילציקע פראַגן — וואָס טוט ער דאָ, ווי קומט ער אַהער — האָט פּעטריק געענטפערט אָנגעברויגעזט און קורץ און אומגעריכט פאַר זיך אַליין:

— פון כערסאָן בין איך, אַ כערסאָנער.

— כ'וויל אַהיים קיין כערסאָן. גיט מיר אָפּ מײַן געלט.

ס'האָט אָנגעטראָגן אַן עלטסטן. דער מאָדנער אויסגעפּוצטער פאַר-

שוינ מיטנ פאפשוי איז אים אנטקעגנ געגאנגענ. מע האָט זיכ פרײַנטלעכ געגריסט, דער עלטסטער האָט אויסגעדרייט דעמ קאָפ צומ זשאנדארמ אונ האָט באפעלעריש מיט די אויגנ געפרעגט: — וואָס איז דאָ?

האָט דער זשאנדאר אָפגעטראָטנ אפ צוריק אונ אָפגעהאקט לאָקשנ:

— א קעשענע-שנײַדער פארהאלטנ אפנ צוג, א האָז, א שלעפער, אָנ דאָקומענטנ, פונ כערסאָנ.

— מיטנ עטאפ! — האָט דער עלטסטער אָפגעהאקט אונ ווײַטער געשפאנט.

— גיט אָפ מײַנ געלט! — האָט מונטער ארויסגעכריפעט פעטריק. ס'איז געווענ אומדערווארט.

דער עלטסטער האָט זיכ אומגעקוקט. דער זשאנדארמ האָט קונציק פונ מאנזשעט ארויסגעכאפט מינצ אינ א פאפירל אונ עס אויסגעשטרעקט דעמ עלטסטנ.

— צוויי רובל מיט אכציק קאָפיקעס. געגאנוועט געלט. ער האָט זיכ מוידע געווענ.

פעטריק איז בלאָ געוואָרנ: וואָס הייסט דאָס? ס'האָט עפעס א ברומ געטאָנ פונעמ עלטסטנ, דעמ זשאנדארמ האָט עס אונטערגעהויבנ ווי אינ קאדאָכעס, ער איז צוגעלאָפנ צו פעטריקנ אונ אימ אויסגעשטרעקט דאָס געלט:

— נא! — האָט ער דערבײַ א כריפע געטאָנ מיט הארצ, מיט אלע קישקעס, גלײַכ דאָס שענקט ער שטיקער פונ זײַנ לײַב אָט דעמ פארשיוונ שלעפער.

3

די קראפט — דער לײַכטער מעטאל — וואָס איז פעטריקנ צוגעקומענ פונעמ באָדנ זיכ, איז נאָכ שטארקער געוואָרנ דורכנ ניצאָכנ איבער דער זשאנדארמעריע: זײַנ געלט האָט ער צוריק באקומענ אונ דערצו נאָכ וועלנ זיי אליינ, די סאָנימ, אימ ברענגענ קיינ כערסאָנ.

דערווײַל איז פעטריק געזעסנ פארשפארט אינ א קעמערל, געגעסנ קאזיאָנע ברויט מיט טיי, פאר וועלכנ דער זשאנדארמ האָט בא אימ קאָפיקעס עצאפט. ס'האָט אימ גאָרניט געפעלט. געציטערט נאָר, טאָמער טראָגט אָנ עפעס א רועכ — הייזאגטערנ אָדער לוקיאנאָוונ, צי אנ אנ-

דער שלאק, אונ מע דערוויסט זיכ, אז מיט כערסאָנ האָט ער אָפּגע-נארט. ער וועט ארײַנכאפּנ — „א מאָטשינקע“...

פּעטריק האָט גאנצע מעסלעטנ געברענט, אונ אָט שיר-שיר וועדט עס דער ערשטער טאָג פונ זײַנ עטאפּ. ער איז געווענ אזוי אופגערעגט, אז ס'האָט צערודערט אלע בײַס-כײַעלעכ אינעמ לײַב, אונ די גאנצע נאכט האָט עס אימ מוירעדיק גענאָגט: ער האָט געהאלטנ זיכ אינ אײנ קראצנ, שינדנ די הויט, כאָלעמענדיק, אז ער רעדט מיט ליאמענ, אר-בעט מיט אימ ערגעצ אינ די פרעמד-שטאָטיקע גאסנ: א צעדרייטע נאכט...

ס'איז געווענ גוט. פּארטאָג האָט פּעטריק, דער רעשטאנט, שטיל אופגעקוועטשט די טיר פונ זײַנ ארעסט-קעמערל; הינטער די פּלייצעס פונעמ כראָפּענדיקנ דעזשורנע-זשאנדארמ גענומענ דעמ שליסל פונ דער דרויסנדיקער טיר, אָפּגעשלאָסנ אונ ארויס.

די זונ האָט ערשט גערעכנט אופגיינ. שארפע פרישקײַט האָט א דעק געטאָנ אינ פּאָנעמ. פרײדיקער, ברייטער אָטעמ האָט פּעטריקנ צעשפּארט די ביינער. די שארפ פונ פרישקײַט איז דורכגעגאנגענ איבער אלע גלידער, א שניט געטאָנ דאָס ווייכע ווענטל, וואָס צווישנ די נאָזלעכער, אונ אָנגענעמ אונטערגעראָבנ די וואָרצלענ פונ בײדע שורעס ציינ ביזנ שלונג.

ער האָט א ציטער געטאָנ, זיכ ארומגעקוקט אונ פלינק מיטנ טוי-גראָז אוועק צומ וואסערל.

זײַנ צעיושעט לײַב האָט געבראָקט דאָס וואסער, וואָס האָט מיט ראש ארויסגעכלינעט קנוילנ בלאָטע פונעמ פלאטשיקנ גרונט. ווי א קינד, וואָס ווייסס, אז מיטנעמענ מיט זיכ דעמ טײַכ קענ עס ניט, נאָר פרווונ פּרווט עס זיכ, — האָט פּעטריק אלעמאָל צעשפּרייט די הענט אונ גע-ריסנ שטיקלעכ פונעמ וואסער, געשפּילט, געברומט, מיטנ קאָפּ זיכ אײַנ-געבורעט אינ גרונט, ווידעראמאָל אונ אָבעראמאָל.

פּעטריק האָט זיכ געײַלט אומקערנ צוריק אינ ארעסט-קאמער נאָכ ביז דער זשאנדאר וועט דערוואכנ, — געפײַפט א לידל אונ די יונגע אקסלענ געהויבנ צומ טאקט. אפנ וועג דערזענ א בוימ מיט גאניידנ-עפּעלעכ. האָט ער ארופגעקלעטערט, אָנגעפּליקט א פולנ בוזעמ אונ — אראָפּגעשפּרונגענ. די עפּעלעכ מיטנ טוי מיט די כשוביקלעכ, וואָס זעענ אויס ווי כינעזישע בערדלעכ, האָט ער געוואָרפנ אינ בריטנ מויל אונ

געריבן, די צונג האָט אפילו ניט באוויזן רעכט צו דערפילן דעם פריק־רע־ביטערן טאַם זייערן. ס'איז פריילעך אפגן הארצן.

צוויי פארפאָראָשעטע פויערלעך אין סוויטקעס מיט גרויסע בו־לעוועס האָבן געטריבן א טאבון אָקסן. ווי פאראיאָריקע הארבסט־טעג אָדער ווי סטראשידלעס, שפאנען די פויערלעך נאָך די אָקסן, לאָזן רויק אפ זיך פאלן דעם שטויב, וואָס דער טאבון הייבט אוף.

— קומעס, וועמעס אָקסן טרייבט איר? — ווייל סיי די פויערימלעך, סיי די אָקסן האָבן פעטריקן אויסגעוויזן קענטלעך.

— הייזאגטערס אָקסן, — ענטפערן זיי אים, ווי מע ענטפערט א גרויסן.

— וווהין זשע טרייבט איר די אָקסן, קומעס?

— אפן מארק אין אָדעס, טייערער.

— אָדעס איז א ווייטער וועג, קומעס?

— פאר וועמען ווייט, פאר וועמען נאָענט, פאר אונדז איז ער ניין מעסלעס.

— נעמט מיך מיט, קומעס, קיין אָדעס.

— היידא, קום קיין אָדעס.

א נייע מעגלעכקייט! ער האָט מיטאמאָל זיך דערפילט אין גרויסער באוועגונג, ווו ער קאָן אליין אָנפירן מיטן אייגענעם גורל.

ער וועט מיט טשאבאנעס טרייבן די כאָפטע אָקסן הייזאגטערס, פון ביידע זייטן — די קודלאטע וואכט־הינט, און ער וועט גיין איבער פרעמד־קייטן, דורך כוטערס, סטעפעס, דערפער. פרי באגינען אין דער קעלט — טרייבן צו דערוואַרעמען זיך, און ווען די זון וועט נעמען באקן — איז אָפּשטעלן זיך פאשען, די היץ זאָל די אָקסן ניט פאטערן, — זאָלן קענען די קעפ אין קילן גראָז האלטן; און פארנאכט — ווידער טרייבן, נייע פרעמדקייטן זען, מענטשן באגעגענען, מעגלעך א ציגעלנע, עפשער א זאוואָד; טרייבן ביז שטאָקנאכט, אפ הוילן סטעפ זיך שטעלן נעכטיקן, אוואדע בא א טייכל: אָקסן לייגן זיך. בא די זייטן די פארשטויבטע קודלאטע הינט אויך. פון די טשאבאנעס קען מען זיך אָנהערן אָן א שיר — זיי גייען אויס א וועלט.

גוט!

זיך א כאפ געטאָן, אז ער מוז צוריק אריין אין ארעסט־קאמער, מוז אויספילן דעם פלאן מיט כערסאָן, — און אוועקגעשפרונגען.

באמ וואָקזאל האָט שוינ פּעטריק געטראָפנ געציילטע, פרי-אופגעשטאנענע פארשוינען.

ער האָט זיכ אַרײַנגערוקט אינ ארעסט-קאמער.

די גוטע שאָ איז געקומענ. ער שטייט א מונטערער פארנ זשאנדארמ, אויסגעצויגנ, ווי פאר נאטשאלסטווע. יענער שטעלט צונויפ א ראפּאָרט פארנ סטראזשניק, וואָס וועט פירנ פּעטריקנ צומ נאָענטנ דאָרפ-וואָלאָסט, אונ פונ דאָרט וועט אימ פירנ א צווייטער, א דריטער, א צענטער—ביז קיינ כערסאָנ.

דער פודיקער זשאנדארמישער קאָפּ האָט זיכ בא יעדער פראגע אופגעהויבנ צו פּעטריקנ:

— נו, אפ וואָסער גאס וויינסטו דאָרט, אינ כערסאָנ?

— אפ וואָסער גאס?—האָט זיכ פּעטריק אפ א ווײַלע פארלוירנ.— אָט—אָט, גאָ-פאָדינ זשאנדאר,—קאַפּעט אראָפ פונ דער פּענ, הייבט אופ... יאָ, הינטער דער שטאָט באלד.

— אפ דער סלאבאָדקע, צי וואָס?

— יאָ, יאָ, אפ דער סלאָבאָדקע. אפ דער סלאָבאָדקע טאקע.

ס'האָט ארײַנגעשפּאנט דער עלטסטער. ער האָט פארבײַגייענדיק א ברומ געטאָנ:

— וואָס איז?

— א שלעפּער,—האָט דער זשאנדאר אונטערטעניק זיכ א שטעל געטאָנ—איר האָט געהייסנ אימ אָפּשיקנ מיטנ עטאפּ.

דער עלטסטער האָט, ניט אומקוקנדיק זיכ, באפוילנ.

— ווארפ אימ ארויס!

פּעטריקנ איז געוואָרנ א לאָכ אינ הארצנ.

— מע האָט אימ אראָפּגעשלעפּט פונ צוג. א האָז, א קעשענעגאנעוו,—האָט דער זשאנדארמ נאָכגעשריגנ.

גייענדיק, האָט דער עלטסטער קוימ אויסגעדרייט דעמ קאָפּ מיט א שפּיצ אויג אונ מויל:

— אויספּאטשנ אונ ארויכוווארפנ!

דער זשאנדאר האָט צומ אלעמ ערשטנ אימ אויסגעליידיקט די קעשענע אונ כאקע באלד אימ ארויסגעשלײַדערט.

מענטשן מיט פעק האָבן זיך געגרייט צום אָנקומענדיקן צוג. דער קאָפּ איז פּעטריקן מעשונגע שווער, ווי מע וואָלט אַף די אויערן גע-וויכטן אָנגעהאנגען, סע שלעפּט דעם קאָפּ צו דער ערד.

ניט געפרעגט, ווהין דער צוג וועט גיין, האָט ער זיך געשמעלט הארט אַף דער פּלאַטפאָרם, ווי אַלע פּאַסאַזשירן,—אבי וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פונדאַנען.

סײַווי איז דער כערסאָנער צוג נאָך נעכטן אוועקגעפאָרן. א יונגע פרוי מיט א קלומעקל אין האנט איז צוגעקומען, און נאָך איר באלד—פּייסעך פוסטילניק, די באָרד און פּייעס צעקאָשמעט. ביידע האָבן זיך געהאלטן איינעם, זייַנען מיט די אויגן אומגעלאָפן איבערן אוילעם, וואָס האָט געוואַרט אַפן צוג, און יעדערן, וואָס האָט זיך באוויזן דאָ, האָבן זיי מיט די אויגן דורכגעדרונגען: עפּשער ווייסט עמעצער, וווּ ער איז, אַרע זייערער?..

איינער מיט א טשעמאָדאַן האָט פּעטריקן א רוק געטאָן אין פוס. ס'איז געווען דער אויסגעפוצטער פארשוין, וואָס איז צוריק מיט א פּאָר טעג געזעסן מיטן זשאַנדאַרם און געגעסן פּאַפּשוי-קאַטשעגעס.

פּעטריק האָט זיך בייז פארקרימט. דער פארשוין האָט פריינטלעך געשמייכלט. זייַן פעט-באַפּלוסטערט פּאָנעם איז געווען זייער יונג—ס'האָט אויסגעזען אומשולדיק-גוטמוטיק. אין דאָרף-קלויסטערל האָט פּעטריק געזען אַזא מאַלעכל אין די וואָלקנס. ער האָט פּעטריקן מיידלש געזאָגט:

— נא דעם טשעמאָדאַן, העלף.

פּעטריק האָט ניטווילנדיק גענומען. דער פארשוין האָט זיך צוגע-בויגן און וואַרעם אַפּן אויער, ווי א סאָד:

— האָסט שוין א בילעט?

— ווהין?

— כ'ווייס ווהין?—האָט דער פארשוין אים מאַמזעריש אַרייַנגע-געקוקט אין די אויגן און האָט אַרופגעלייגט זייַן ווייכע האנט אַף פּעטר ריקס, אים צוגעצויגן צו זיך:

— זאָג, ברודערל, קאָנסט אָנטרייַבן פערד? וואַרט דאָ, כ'גיי די נעמען א בילעט, וועסט זייַן בא מיר א קוטשער.

פעטריק קוקט מיט כשאַד. סע גאָרניט שלעכט זיכ לאָזנ אַזוי באַ-זאָרגנ פונ עמעצנ. הײַנט, מאָרגנ, איבערמאָרגנ. אַזאַ טײַערער טאַמ איז אינ מויל, ווי פונ זעלטענע פּאָטראַוועס. ווער איז ער, וואָס האָט אַזאַ גוט האַרצ, ער רעדט גאָר ווי אַנ עמעסער גוטער-ברודער, ווי זײַנס אַ גלײַכנ, פּעטריקס? וווהינ פירט ער אימ? אַ בילעט? אַפּ אַזאַ פּאַרשוינ איז אַלצ צו גלייבנ...

זײַנ ברייטראַנדיקער, ווייכער, העל-גרויער הוט איז עטוואָס ווי-לעריש פאַרהויבנ,—גיט דאָס צו מער אָנגעהאַרציקײַט זײַנ שמאַלציקנ שמייכל. מיט אָפּשײַ אונ נײַגעריקײַט טרעט מענ אימ אָפּ דעמ וועג. ער פּאַכט מיטנ בילעט אינדערלופטנ,—סע הייסט:

— אַ בילעט האָסטו שוינ, מיר פאָרנ!

פעטריק האָט נאָכגעטראָגנ דעמ טשעמאָדאַנ אינ צווייטנ קלאַס, אַוועקגעשטעלט אינ קופּע, אונ זיי זײַנענ בײדע ווידער אַרויס.

— קומ, כ'וועל דיר געפינענ אַנ אָרט, נאַ דיר דײַנ בילעט,—דער פּאַרשוינ האָט געשפּאַנט אַפּ פריִער אונ אונטערגעזונגענ. אינ דריט-קלאַסיקנ קאַלטנ וואַגאָנ זיצנ עטלעכע בערדיקע, קליינשטעטלדיקע סאָכ-רימלעכ אונ יונגעלײַטלעכ. אויכ דער גאַלעכ, וועלכנ ער האָט געזענ אַפּנ וואָקזאַל, זיצט דאָ.

ווענ דער פּאַרשוינ איז אַרײַנ, האָבנ זיכ אייניקע אונטערגעהויבנ אונ זיכ נידעריק גענייגט.

— אָט דאָ זיצ, איכ'ל דיכ רופנ.

סאָכרימלעכ האָבנ זיכ צונויפגעשלאָגנ אײנײנעמ, אונ פעטריק האָט פונ זייער שושקענדיקנ שמועס געכאַפּט שטיקלעכ אונ קנאַפּ וואָס פאַר-שטאַנענ.

— ווער וואָלט זיכ עס גערעכט, נו, זאָג מיר, ווער וואָלט זיכ עס גערעכט! אַז באַ כײימ-יאָסלס זאָל זײַנ אַזאַ זונ...

— שוינ איינמאָל אַ פּאַרשוינ... יאָטל...

— אונ קיינער ווייסט טאַקע ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַ קראָמ?

— מעסירעס האָט ער שוינ מער מיט אַ בימל. מע זאָגט, גאַנצ נאַטשאַלסטווע מיטנ גובערנאַטער אַליינ קאָנענ אימ ניט אײַנבײַסנ, ער פירט אַלעמענ באַ דער נאָז, דער פעמפיק.

— ווער—ווער, נאָר הײַזאַגטער לעקט אָפּ אַ ביינ... געלט גייט צו געלט. די הײַזאַגטעריכע קלײַבט זיכ שוינ קיינ גערמאַניע צו פּראָפעסאָרנ

זיך היילן. קניפּלעך האָט זי נאָך פֿון פֿריִער, נאָר איצט האָט איר שוין הייזאַגטער אַליין צוגעזאָגט...

— ס'אַ מאָשל, יענע איז באַם פֿאַרשווין די גאַנצע דרייערקע.

— מע וועט הייזאַגטערן איבערקערן.

— קיין רועך וועט אים ניט נעמען!

— זײַ ניט קיין לאָקש,—הער, וואָס די וועלט רעדט: יאָסי ליבערס גראָבט אים אונטער. יאָסי ליבערס האָט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע מיט אַ סאַך געלט: אַ סוואָרע, אַז יאָטל כאַיִם-יאָסלס אַליין וויל פֿאָטער ווערן פֿון הייזאַגטערן:

— אָ-וואַ, וועט עס זײַן אַ קלאַפּ.

— וואָדען, אומזיסט האָט יאָסי ליבערס געלאָזט צעפּויקן, אַז ער גיט אַ טייפּערטווירע דעם גרויסן בעסמעדרעש.

— ס'וועט זיך טאָן אָפּ טיש און אָפּ בענק.

— וואַרט, היינטיקן סימכעסטוירע וועט זײַן מער געשפּאָלטענע קעפּ, ווי גאַנצע.

— בלוט וועט זיך גיסן.

— יאָטל כאַיִם-יאָסלס וועט זיך דערווײַל צופּאָרן קיין בערלין.

— וואָדען, אַ נאַר איז ער!

פּעטריק האָט זיך איבערגעזעצט נעענטער. די ייִדישע שפּראַך קען ער, כאָטש באַ אָט די ייִדן קומט זי אַרויס ווי שטיקלעך טראַנטעס,— גלײַך די צינגער זײַנען באַ זיי אָפּגעריבן.

פּעטריק דערמאָנט זיך, אַז צוריק מיט כאָדאָשים האָט זיך די שטאָט געוויגט מיט איינעם אַ יאָטל כאַיִם-יאָסלס, וואָס איז אַראָפּגעקומען פֿון דײַטשלאַנד. זאָל עס זײַן אָט דער פּרינץ? וווהין פֿירט ער אים? אין אַ גליקלעכער מעדינע? ער, פּעטריק, וועט זײַן דער קוטשער פֿון דער גליקלעכער מעדינע? צי עפּשער פֿירט ער אים קוילען, ווי אַ כאַזער? דער רועך ווייסט אים! בעסער אַ שפּײַ טאָן און אוועק, צופּוס קען מען זיך אויך דערשלעפּן קיין כערסאָן.

עפּעס זײַנען אַרומגעגאַנגען וועגן אים לעגענדעס, עפּעס אַ געשעפט מיט פֿיש-ליסקעס, דערציילן פֿלעגט מען אויך כידושים פֿון אים: לידער פֿון דער וועלט קאָן ער. ייִדישע לידער יוגן אָפּגענאַרטע ליבעס, וועגן גאַנאָווים זינגט ער, אַזוי זיס, מיט אַ טאָן, מיט פֿאַרגיין זיך, ווי די שנײַדערקעס, ווי עלקע, און די לידער קען ער אָן אַן עק; אַבי נאָר

מע בעט אים,—האָט ער ליב צו זינגען, און אליין צוטראכטן קען ער אויך.—אז מע האָט געדערט פון אים, האָט מען אָנגעקוואָלן און שטיל צוגעגעבן, אז ער האָט א טרייפ מויל.

דער צוג בלײַבט שטיין, סע שפרינגט ארײַן דער פארשוין, דער-לאנגט פעטריקן עפעס א פארוויקלטס אין א פאפיר:

— נא, כאפ איבער.

האָבן זיך יענע אופגעהערט צו שושקען און זיך אינגאנצן אויסגע-דרייט צו פעטריקן.

— וווהין פאָרסטו? — איז איינער פון די טאָכרימלעך צוגעגאנגען צו אים. ער האָט ניט געוווּסט, וווהין ער פאָרט, האָט ער ניט געענטפערט,—נאָר א צווייטער האָט געענטפערט:

— וואָס פרעגסטו, וואָס? אפ די פלאָווניעס אוואדע. א-יאָ, אפ די פלאָווניעס?

— יאָ.—האָט פעטריק צעטראָגן געקוקט פון איינעם אפן צווייטן, געהאלטן מיט אלע צען פינגער דאָס ראָזעווע פוטערברויט, ניט אָנגע-הויבן עסן. ער האָט געגאַרט דערהערן קלאָרע דיבורים וועגן דעם פאר-שוין זײַנעם, און עפשער ווייסן זיי, וווהין פירט ער אים.

די טאָכרימלעך האָבן אָבער אויך געמיינט עפעס אויסטאפן בא פעט-ריקן, האָבן זיי אים גענומען אפ דער העצקע, אויסשמעקן, אויספרעגן, געזען, אז דער ווילדער נפעש ווייסט נעבעך ניט, ווער ס'האָט אים געשווירן,—זײַנען זיי אָפגעגאנגען צו זייערע פאָלקעס.

פעטריקן איז פריקרע האלטן דאָס פוטערברויט, דאָך האָט ער פאָר-זיכטיק אלעמאָל ארײַנגעביסן... דער פריש-ראָזעווע קאָליר און דער זעל-טענער רייעך פונעם בלעטעלע פלייש — ס'איז גאָרניט יענע מילצ, וואָס ער פלעגט אמאָל אין דער היים בא דער מאמען עסן!.. ס'איז גע-וויס די מילצ פון עפעס א ווונדערלעך באשעפעניש.

ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו די טאָכרימלעך, וואָס האָבן זיך גענומען האקן הארטע אייער און פארשטאָפן מיט בולקע, דערבײַ ניט אופגעהערט ריידן. עפשער וועט ער עפעס פאָרט דערגיין, וווהין פירט מען אים און אפ וואָס.

ווען די באן האָט זיך ווידער אָפגעשטעלט, האָט יאָטל כײַים-יאָסלס פעטריקן ארויסגערופן, און איז געגאנגען פריִער: ברייט, פעט, לוסטיק. די יונגשאפט פון זײַן פאָנעם און די רירעוודיקייט זײַנע — פונקט ווי א

ייִנגל וואָלט געזעסן אין א פּעלץ פון שמאלץ. אָט וועט ער ארויס פון נעם פּעטס און אָנהייבן ארומטאנצן, ווי א לופטיק מענטשל.

פון יענער זײַט סטאנציע האָט מען יאָטלען פריילעכ באגעגנט. פּעטריקן איז פינצטער געוואָרן: וואָס-וואָס, נאָר טרעפן דאָ הייזאגטערן — האָט ער זיכ ניט געריכט. סע קומט אויס, אז אָן הייזאגטערן קאָן מען זיכ גאָרניט באגיין! סע קומט אויס, אז ער, פּעטריק, איז גאָר פון דער היים ווײַט ניט אוועקגעפאָרן!..

א שווייס האָט אים באשלאָגן, ווי פאר א געשלעג, „א מאָטשינקע". אָט, אזוי ווי ער, פּעטריק, גייט הינטער זיי — זיי ריידן הויכ, ווען ניט הערן, — וועט ער אוועקלייגן דאָ אפן וועג דעם טשעמאָדאן און שטעלן פּיס. דער רועכ זאָל עס וויסן!

מע איז דערווײַל צוגעגאנגען צו דער בריטשקע. יאָטל האָט, הערנדיק הייזאגטערן, וואָס האָט געהאלטן אין איין שעלטן און פארקלאָגן עמעצן, געהייסן פּעטריקן ארופלייגן דעם טשעמאָדאן און זיכ זעצן,

דעם טשעמאָדאן האָט פּעטריק ארופגעלייגט און אליין ניט ארופ. נאָר מיטאמאָל האָט זיכ צעטיאָכקעט דאָס הארץ; פון הייזאגטערס מויל האָט ער דערהערט דעם נאָמען יאָסי ליבערס — יאָסי ליבערס איז אויכ דאָ... פּערעלעס טאטע... ווו איז יאָסי ליבערס? און פּערעלע? עפּשער גייט אהין די בריטשקע?

הייזאגטער האָט פּעטריקן ניט דערקאָנט: ער איז אזוי צעיאָכצט מיט יאָטלס אָנקומען און מיטן פארמאסערן יאָסי ליבערס, אז ער האָט אפילע קיין בליק ניט געוואָרפן אפ פּעטריקן. אז ער וועט אים דערזען, וועט ער זיכ דערמאָנען דעם שטרײַק און די פערד, וואָס ער און ליאם האָבן אוועקגעפירט פארן אוועק פון דער היים... „א מאָטשינקע".

נאָר ס'איז גאָרניט יענער הייזאגטער: ער איז שטארק צעטראָגן, א ביסל אראָפּ פון פּאָנעם. און אלע, וואָס קומען אנטקעגן, בייגן זיכ אים מיט אונטערטעניקער געטרײַשאפט, כאָטש ער רופט זיי: „הינט, גאנאָווים, מערדער, און די אויגן לויפן אים אום.

אָבער ה י י ז א ג ט ע ר אליין — הייזאגטער — ציטערט דאָס קאדאָכעס פאר יאָטלען. גוט!

פּעטריק איז אויכ ארײַן אין בריטשקע.

אויב דאָרט איז יאָסי ליבערס, איז עפּשער אויכ פּערעלע דאָרט. ער

וועט אראָפּשפּרינגענ פונ בריטשקע אונ אנטקעגנ וועט קומענ פערעלע:
„דאכט מיר, פעטריק?..". — „יאָ פערעלע, ס'איז איכ..."

דאָס פערד האָט לײַכט געטראָגנ די בריטשקע צווישנ גאָלדענע באשטאנעס מיט קאבאקעס אונ קאווענעס, א שטויב אופגעהויבנ. דער שטויב פונ הייכנ זומער האָט אלצ ארומ געטריקנט אונ פארשטעלט.

ניט וועגנ הייכנ זומער האָט פעטריק געטראכט, אונ אויכ דער אומרו פונ זײַנ איצטיקער מאָדנער לאגע האָט זיכ אײַנגעשטילט. דאָס טרייסלעניש פונ דער בריטשקע האָט אימ ווי פארוויגט, אונ דער פריקרער טאַם פונ יאָרנ איז ארופגעשווומענ, — זיכ דערמאָנט: די מאמע. זי האָט נאָכ דעמלט ניט געהאט אזוינע געשוואָלענע פיס. דרײַ גענדזלעכ האָט מענ אימ געשיקט פאשענ. ס'איז שוינ געווענ הארבסט. אפ די אראָפּגענומענע גערטנער זײַנענ אלע גריבלעכ פול מיט קאלעמוטנע רעגנוואסער. בורעקעס פוילנ. באַם ריוו אונטער די געדיכטע בורעקעס שיצט ער זיכ פונ דעמ נאָגנדיקנ רעגנ... צווישנ די צענומענע דערנער, אינ א „זאטישעק", רודעווענ נאָכ רויטע זשוקלעכ. ער רייניקט זיי דעמ וועג. נעצ אונ קעלט נעמענ אימ דורכ. איינס א גענדזעלע שטייט אָפּ פונ די איבעריקע, כאפט ער עס אינ רוקט עס זיכ אונטערנ העמדל, ס'זאָל אימ ווארעמענ. ער רייניקט די וואטע פונ סאָנעשניק-שטעקנ, מאכט א פאסטעכ-פײַפעלע. דאָס גענדזל אונטערנ העמדל קרעכצט, ווערט קעלטער אונ קעלטער.. שוינ טונקל-בלויער אָוונט. די פיס פארגליאָגנעט, דאָס באָרוועס גיינ טוט ווײ. אהיימ גיינ! ער שלעפט ארויס דאָס גענדזל פונ אונטערנ העמדל — סע וויל ניט שטיינ. „שטיי, זאָג איכ דיר!" — סע פאלט אומ טויט. לויפט ער נאָכ יענע צוויי גענדזלעכ, — ניטאָ. „ווײַט אפנ טײַכ שווימט עפּעס. לאָזט ער זיכ לויפנ אהינ. לויפט אונ דער לויפט ניט, יאָגט אונ דעריאָגט ניט.. ווי וועט ער גיינ אהיימ? וואָס דער מאמענ זאָגנ! שלעפט ער זיכ מיטנ טויטנ גענדזל אונטערנ העמדל, שלעפט ער זיכ אינעמ הארבסטיקנ, קוואטשנדיקנ דרויסנ, האָט מוירע אהיימ זיכ אומקערנ.

אונ טאקע דעמלט, נאָר העט שפּעטער, האָבנ דער מאמענ אָנגעהויבנ געשוואָלנ ווערנ די פיס.

א קוטשער בא די פיש

1.

בא א קערעווע פונ וועג האָט א שפאר געטאָן רויער רייעך פונ וואסער, פײַכטער אָטשערעט, פראָש-שיסעלעך און שליים. די בריטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פארשוינענע זײַנענ אראָפּגעשפּרונגענ. צום רוי- ען רייעך פונ וואסער איז צוגעקומענ טוכלער רייעך פונ רויע פיש; די זונ און די ערד פונ הויכנ זומער האָט מענ דאָ ווייניק וואָס געפילט.

פונעם הילצערנעם שטיבל איז מענ ארויסגעלאָפנ אנטקעגנ, פעטריק האָט געשטוינט:

— אלצ באקאנטע פארשוינענ — פונ שטעטל און פונ דאָרף און פונ פאָרעצ לוקיאנאָווס עקאָנאָמיע! נאָר אלע זײַנענ עפּעס ניט די זעלבי- קע. וואָס איז געשענ? ווי קומענ זיי אהער? גוט, וואָס מע קוקט זיך אפ אים ניט אום, גלײַך ער איז ניטאָ גאָר אינגאנצנ, ווילד — וואָס טו- ען זיי דאָ?

אז הייזאגטער איז זייער נאטשאלניק, דאָס זעט מענ באלד. און היי- זאגטער אליינ קוקט אונטערטעניק יאָטלען אינ מויל ארײַנ, וואָס יענער וועט זאָגנ, וואָס יענער וועט טאָנ.

אפ ערדענע פריש-געגראָבענע טרעפּ גייט מענ אראָפּ, מע קונט צום דניעפּער-ברעג. דאָס וואסער איז צויסגעשפּרייט אפ אלע זײַטנ.

פיצלעך אינדזעלעך מיט זייער הויכנ אָטשערעט, מיט געדיכטעביי- מער. וואָס זײַנענ גרינ באבלעטערט שוינ פונעם וואָרצל אָנ — זיי פאר- שטעלנ די לענג פונעם טײַך, מע זעט נאָר די ברייט: עטלעכע טײַכנ וואָלטנ זיך איינס לעבנ צווייטנ אוועקגעלייגט, נאָר זיך אָפּגעגרענעצט מיט די געדיכטע ביימער-גרופּעס.

הייזאגטער פירט יאָטלענ, ווי מע פירט א באלעבאָס ווײַזנ, ווי די ארבעט גייט. הינטנ, מע זאָל זיי ניט איבעריק באמערקן, גייענ נאָך שווייגנדיק פארשוינענ, פעטריק האלט זיך בא דער זײַט.

מע קומט אינ א גרויסנ אמבאר, ווו סע זײַנענ צעהאנגענ, ווי שפּינוועבס, זעלטנ־שיינע נעצנ פונ איידעלער ווונדערלעכער ארבעט.

הייזאגטער אונ יאָטל גייענ גיכ, מע קומט אינ נאָכ א גרעסערנ אמבאר: א סאכ מענטשנ איבער פעסער געבויגנ, צווישנ בערג מיט פיש, בערג מיט זאלצ, הענט אָנגעצונדענע, צערפּעטע. מע זעצט, מע פּאָכט מיט די זײַטנ שווערע האָרעוואניע.

אינ איינעם א קעמערל, באַם אמבאר, האָט מענ זיכ לענגער אָפּגעשטעלט. נײַע בלעכענע פּושקעס, שפּיגלדיקע, פּארלייטע מיט צינ, — זײַנענ געשטאנענ איינע אפ דער צווייטער, ביזנ באלקנ. יאָטל האָט אלעמאָל גענומענ אנ אנדער פּושקע, ארומגעקוקט פונ אלע זײַטנ, געפונענ כעסרוינעס, הייזאגטער האָט שולדיק געשאָקלט מיטנ קאָפּ, אונ געשלאָגענע רעציכע האָט געברענט אינ אים.

דאָ אינ קאמער איז געזעסנ עפּעס א פּארזעעניש. בא יאָטלס דערשײַנענ איז עס אופגעשפּרונגענ, אראָפּגעכאפּט אונ אָנגעשטעקט, אראָפּגעכאפּט אונ אָנגעשטעקט די פּענסנע, געפּינטלט אונ געקרימט זיכ.

יאָטל האָט זיכ אומגעקוקט אפ פּעטריקנ אונ געזאָגט דעם פּארזעעניש:

— הערט, וואקאָווסקי, כ'וועל אײַכ מיסטאָמע צושטעלנ אָט דעם שייגעצ, איר זאָלט זיכ ניט דארפנ אליינ הייבנ. כ'האָב אײַכ שוינ געזאָגט, די קאמער טאָר ניט בלײַבנ אליינ. מע האָט מיר איבערגעגעבנ, איר גייט צו לאנג אפ לעצווירעכ. דאָס טויג ניט, פונ זאפּאָר מוז מענ פּאָטער ווערנ. איר הערט וואקאָווסקי?

אונ זיכ אויסגעדרייט, ברודעריש א גלעט געטאָנ דעם פּארזעעניש דאָס רוקנדל, אונ צו הייזאגטערנ:

— וואָס שיקט איר ניט אָפּ די סכוירע, אפ וואָס ווארט איר? הײַנט פּאקעווענ אונ אָפּשיקנ!

כאָטש פּעטריקנ האָט האנאָע געטאָנ, וואָס יאָטל איז בייז, גראָב צו הייזאגטערנ אונ לאָזט אימ אפילע ניט ריידנ, נאָר ס'איז אימ שוינ רעכט נימעס געוואָרנ די גאנצע זאכ: וואָס פאר א סוידעס איז דאָ? וואָס פאר א געשעפט? ווער איז דער יאָטל? אפ וואָס גיט אכטונג אָט דאָס פּארזעעניש וואקאָווסקי? ארײַנגעפאלנ, דער רועכ ווייס אימ וווהינ! וואָס פאר א קוטשער וועסטו דאָ זײַנ? בא די פיש צי בא די בלעכענע פּושקעס?

יאָטל האָט אים דערוויַיל געהאלטן לעבן זיך. מע איז געגאנגען אי־בער זאלץ־קאמערן, איבער לאנגע שפּייַכלערס מיט גרויסע שאָב־טישן, ווו מענטשן האָבן געשאָבן די ליסקעס פון פיש. און דאָ האָט זיך יאָטל ווי נאָכגעגעבן: זייַן יונג פּאָנעם האָט געשייַנט, פרייַנטלעך גע־גריסט זיך. ווילעריש א כאָכמעלע פארוואָרפן, נאָר מיט גענוג אָפּשייַ פאר דער אייגענער פריצישער פערזאָן.

און פּעטריק האָט באמערקט, מיט וואָסער אינטערעס הייזאגטער גיט אָפּ באפעלן וועגן וועטשערע פארן גאסט, וועגן געלעגער, באלייַכטונג, — פארגעסט ניט יעדע קלייניקייַט.

מע איז צוריקגעגאנגען צום הילצערנעם שטיבל. הייזאגטער האָט מיטן בליק געהייסן דעם אוילעם צעגיין זיך; אין שטיבל זייַנען אריַין נאָר יאָטל און הייזאגטער. אין א רעגע ארום האָט הייזאגטער ארויסגע־שטעקט דעם קאָפּ און גערופן פּעטריקן. דער אוילעם, וואָס איז געבליבן אין דרויסן, האָט אים פארכידעשט נאָכגעקוקט און זיך אָנגעהויבן צעגיין.

3.

פּעטריק איז געפּלעפט געוואָרן פונעם געגרייטן טיש, פון דער שמע־קנדיקער פארע, וואָס האָט געפּארעט פון די פולע טעלער־שיסלען. ער איז געבליבן בא דער טיר, און ס'האָט לאנג געדויערט, ביז יאָטל האָט אים דערזען און אים אָנגעוויזן אפן קליינעם פּעסעלע מיט דער ניקעל־נער קאָרבע, וואָס איז געשטאנען באַם טיש, — געזאָגט:

— דריי!

הייזאגטער האָט זיך ניט געלאָזט איבערהאקן, ווייַטער מיט חיץ, האַלב שטיל זיך געריסן דעם גאָרגל:

— כל'דיר זאָגן דעם עמעס, הערסט, יאָטל — דאָס לעבן באקומט מיר ניט, אז כ'ווייס ניט, ווער ס'האָט מיך געשלייערט! — כ'האָב גע־זאלצן טשעכאָן, האָב איך געוווסט, איך זאלץ טשעכאָן, דאָס דרויב, די „ווערכאָוואָדקע", פלעג איך ווארפן אפן מארק, ווי סע שטייט און גייט... ווער האָט געטראכט וועגן ליסקעס? אויך מיר א טכוירע — ליסקעס האָסטו מיר אופגעגעבן...

— איר דערלייגט טאקע דער באָבעס יערושע! — האָט יאָטל פארדומפּן פונעם טעלער א מרוקע געטאָן, שמאָטשקענדיק דעם נעבראָטענעם קא־טשקענעם גאָרגל.

— ווער ווייסט! — האָט הייזאגטער אויסגעשאָסן, — עפשער יאָ, טאַקע יאָ! דער פּאָרעצ לוקיאַנאָוו זאָגט דאָס זעלבע!

יאָטל האָט אָפּגעשאַרט דאָס גאָפּל-מעסער און מיט די הענט גענומען אָפּדרייען דאָס פליגעלע פון דעם גאנדז-פּערטל.

— דרייט איר... — דאָס פליגעלע האָט זיך שטארק געהאלטן אין שלאָס און געפּיצקעט צוריק. ער האָט עס צוגעטראָגן צום מויל, דעם שלאָס איבערגעביסן און געענדיקט די פּראַצע: — ... הייסט עס, א ספּאָדעק! — ער האָט אריינגעוואָרפן דאָס פּערטל מיטן אָפּגעביסענעם פּליגעלע צוריק אין טעלער, אָפּגערוקט פון זיך און דערלאַנגט די גענדזפּופּיקעס, אריין מיטן מעסער, א שטעק געטאָן אינעם איידל-גרינעם שניט פון פּופּיק: „גרויס ווי פּערדישע פּופּיקעס".

— און דעם פּאָרעצ לוקיאַנאָוו גיט איבער, אז איך האלט אים ניט צו, אייך — אויך ניט. וואָס ווילט איר נאָך?

— ווער וויל?.. איך וויל פון דיר צוויי זאכן — און פּארטיק: ערשטנס, וויל איך האלב פון אלע רעוועכן, וואָס דו באקומסט פון גערמאַניע, צווייטנס, פּירג בוכהאלטעריע אין מיין קאַנטאָר. עפּשער איז גאָר ליסקעס גאָלד!

יאָטל האָט זיך אופגעהויבן און צו פּעטריקן:

— גיי, פרעג זיך נאָך, — רופ אריין יאָסי ליבערס.

— וואָס טוסטו, וואַרט! — איז הייזאגטער אופגעשפּרונגען, — ווער זאָגט דען עפּעס שלעכטס וועגן געשעפט? כ'מיין... כ'בין העכסט צופרידן. אוואדע, נו, נאָר גאָרניט, כ'זאָג דען עפּעס? כ'מיין נאָר... גאָרניט... אזוי. וואָס איז טאקע מיין אייסעק, אבי איר צאָלט, נעמט זיך ניט צום הארצן, בין צופרידן, צופרידן, האלעווייַ אפּ ווייטער! ... מער גאָרניט, — הייזאגטער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ: — די פּאָליציע שלעפּט מיך אלעמאָל, וויל איך אוואדע וויסן, פארוואָס איך לייד.

— איך העכער אייך די פּרייז נאָך אף 20 פּראָצענט — פארגרעסערט דאָס שאָבן.

הייזאגטער האָט זיך א שאָקל געטאָן פאר איבעראשונג, געוואָלט יאָטלען ארומנעמען.

— לאנג לעבן זאָלט איר! — האָט ער אויסגעשאָסן מיט אופגעהויבענע הענט; — מירן שוין שאָבן! שוין איינמאָל שאָבן! וואָדען, יאָסי ליבערס, דער אינדיק-זוימענ!

גייט, — האָט יאָטל הארב געזאָגט, — שטערט ניט אַרבעטן.

— אָ, מיטן גרעסטן קאָוועד. געזונט און שטארק זאָלסטו זײַן. מירן שוין שאָבן, — קײַן איין טשעכאָן וועלן מיר ניט איבערלאָזן מיט ליסקעס. יאָ, כ'האָב געוואָלט עפּעס זאָגן. טאקע נייטיק צו דער ארבעט אליין. וואָס וועט אײַך ארן, אז מע וועט מיט א פּאָר שאָ לענגער ארבעטן. סײַווי באלד אויס סעזאָן!

יאָטלען האָבן זיך געקלעפּט די אויגן.

שטארק אופגעלייגט איז הייזאגטער אוועק, בא דער טיר דערזען פּעטריקן, ארויסגענומען פון זשילעט-קעשענע א האלבן קארב זילבער און אויסגעשטרעקט.

פּעטריק האָט זיך פארלוירן.

— הער, דו, קראסענקאָ, — האָט יאָטל א רוף געטאָן, — זיצ בא דער טיר. אויב עמעצער קומט, זאָג: ניטאָ אין דער היים. קום אהער, צע-שנירעווע מיר די שיך!

יאָטל איז ארײַן אין צווייטן אלקער, אין א מינוט ארום האָט זיך פון דאָרט געהערט א געשמאק כראָפּען.

.3

אָנגעלענט צום פענצטער, האָט פּעטריק ארויסגעקוקט אפ דעם צו-פאלנדיקן פארנאכט. אָט די פרעמד מיט אָט די מענטשן האָבן אים קיין גוטס ניט צוגעזאָגט. און דאָס געשעפּט מיט די פיש—איז עפּעס אן אומגעלומפּערטער וויסטער פּלאָנטער, אין וועלכן אלע רײַסן זיך און טשופּען זיך.

אין דער פרעמדער פארנאכט-גרויקײַט האָט זיך פון די אהין-און אהער-גייענדיקע אויסגעטיילט איינער א פארשוין, וואָס האָט זיך דער-נעענטערט, געהאלטן אין איין וואקסן פארן פענצטער.

פּעטריק האָט אים דערקענט. ס'האָט א ציי, א נאָג געטאָן — גלײַך ס'איז אן אייגענער. דער פארשוין, יאָסי ליבערס, איז ארײַן, אים אפּי-לע ניט אָפּגעמאָסטן מיטן בליק, זיך אָנגעבויגן, שטיל:

— יאָטל איז דאָ?

— וואָס?

— יאָטל...

— קיינער ניטאָ.

יאָסי ליבערס האָט זיך צוגעזעצט צו פּעטריקן. אים סוידעסדיק אַרײַנגעקוקט אין פּנים, ניט דערקאָנט.

יאָסי ליבערס האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אָפּן אַלקערל:

— לאָז ער שלאָפן געזונטערהייט, ס'רעדט אַ מענטש — ס'איז אַ גאָלד.

— ווער?

— אַ דימענט, ניט קיין מענטש.

מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן האָט פּעטריק טאַמעוואַטע געפֿרעגט:

— וואָס דאַרפֿט איר אים?

ביסט דאָ אַ פֿרעמדער? כ'בין זײַנער אַ גוטער פֿרײַנט, ער איז אַן אַרײַנגייער צו מיר אין שטוב: מיר האַלטן פֿון אים, אַ כּיעס. גאָט אַליין האָט אים אונדז אַראָפּגעבראַכט! ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער זיך געניאַנטשעט מיט מײַן פֿערעלען. ווער האָט זיך אָפּ אים אומגעקוקט... זאָג מיר, כ'בעט דיך, — האָט זיך יאָסי ליבערס צוגעבויגן צו פּעטריקס אויער, אַזש די צעקאָשעטע באָרד-האָר האָבן אים אַ קיצל געטאָן: — הייזאַגטער איז דאָ נאָר וואָס געווען?

— געווען.

— וואָס האָט ער עפּעס גערעדט?

— כ'ווייס ניט.

— אַ-אַ, דו ווייסט ניט. פֿײַן, פֿײַן... אַבעטעכ, דו דינסט דאָ?

— יאָ!

— אַזוי, אַזוי, זײַנער אַ דינער, זייער פֿײַן, קריגסטו מיסטאַמע אַ פּאַק מיט געלט?

— יאָ.

— נו, כאַרטש אויך, נאַכטלעגער אויך? בלײַבסט שוין דאָ מיט אים? וואָס-זשע האָט ער גערעדט מיט אים, הייזאַגטער? אַ-אַ, ווייסט ניט, איז וואָלט איך דיך גענומען בעסער צו זיך אָפּ נאַכטלעגער. דאָ איז אַזאַ ענגשאַפט.

— ווו איז דען אײַער שטוב?

דאָ באַלד. יאַטלס אַ מענטש וועל איך שטענדיק צונעמען מיטן גרעסטן קאָוועד. קום טאַקע צו מיר. דערווײַל בין איך אַליין. אַז דאָס געשעפט וועט מיר אָפּגליקן, ברענג איך צו גאַסט מײַן ווײַב מיט מײַן טעכטערל. אין דײַן עלטער טאַקע. אַזוי, אַזוי... ווייסט ניט, וואָס הייזאַגטער האָט גערעדט? — ביסט, דאַכט זיך, ניט קיין נאַר.

יאָסל איז אַ פֿאַרשלאָפֿענער אַרויסגעקראָכן פֿונעם אַלקערל. יאָסי ליבערס איז אופֿגעשפּרונגען, זיך אָנגעהויבן נייגן און בייגן.

יאָסל איז צוגעפֿאַלן צום טיש און ווידער ווי געשלאָפֿן, ניט אופֿגע-הויבן דעם קאָפּ, און געפֿרעגט:

— וואָס ווילט איר?

— כ'האָב זיך געוואָלט מיט דיר אַן אייצע האַלטן, יאָסל.

יאָסל האָט אופֿגעהויבן דעם קאָפּ, די אויגן אויסגעריבן, זיי פֿאַר-זשמורעט ביז אַ דינינקן מאַמזערישן מעסער-שאַרף. מיט אַ געמאַכטן גענעץ אויסגעצויגן:

— ווער זײַט איר?

יאָסי ליבערס האָט זיך דערפֿילט ניט מיט אַלעמען און אים שעמעוו-דיק דערמאָנט אין זיך.

— אַך- אַך, — האָט יאָסל ווידער שיר ניט געגענעצט, — מיט וואָס-זשע קומט איר ווידער צו מיר? איר האָט, דאַכט זיך, דעם פּאָדריאַד מיט זאַלץ?

— גאָט זאָל דיר באַצאָלן קייפּל-קייפּלאַים, יאָסל טײַערער, נאָר טאַקע צוליב דײַן טויווע וועגן קום איך צו דיר. כ'וויל דיר אוועקשטעלן דאָס געשעפֿט, סע זאָל לאָפּטשען.

— שוין ווידער פּלענער? קאָנקורענץ?

— גאָט באַהיט! נאָר צוליב דיר, דיר אָפּצודאַנקען טו איך עס. דעם בוג קאָן איך נעמען אין אַרענדע.

— יענע סכוירע טויג ניט.

— נו, איז אין אַנדערע טײַכן. אין דער ערד וועל איך קריכן; דעם לעוויאָסן אַליין וועל איך אָפּשאַבן. פּרווו נאָר, גיב מיר איבער דאָס געשעפֿט. זעסט דאָך, אַז הייזאַגטערס פֿראַוועט זיך ניט. פּרווו, מײַן פֿרײַנט, וועסטו זען.

יאָסל האָט זיך געמאַכט פֿאַרשלאָפֿן.

— אָט זעט, וואָס כ'האָב שוין אָפּגעטאָן נאָך איידער וואָס-ווען. טאַקע נאָר צוליב דײַנע געשעפֿטן. מיט די דערפֿער אַרום בוג און סעניוכע און דניעסטער האָב איך שוין גערעדט, איבער די דערפֿער אַרומגעפֿאָרן.

אַ וואָרף האָט געטאָן מיט יאָסלען:

— ווער האָט דיך געבעטן פּלאַפּלען?! — האָט ער אַ פֿאַרוווּנדערטער

ארויסגעבראָכן. און די צוויי ברודער האָבן וואָגיק זיך א הייב געטאָן און אראָפּגעלאָזט.

יאָסי ליבערס איז ווי צעפּלעטשט געוואָרן.

יאָטל האָט זעץ געטאָן מיטן פויסט אין טיש:

— וואָס!...

אין איין רעגע האָט יאָסי ליבערס ניט געשטייעט.

פּעטריקן האָט ווילד האַנגען געטאָן פון דער מעגלעכקייט, אז מע קאָן זיי דורכטרייבן, אָט די לייט. און ווער וואָלט געקאָנט דורכטרייבן אים אליין, אָט דעם מאָדנעם נפעש, יאָטל כאַים-יאָסלס? ווייזט אויס, ער האָט שטארק פאר עפּעס מוירע, יאָטל, ווייל אָט זעט ער איצט אויס ווי א געשלאָגענער. פארוואָס האָט ער מוירע?

פּעטריק האָט צוגעקוקט, ווי ער שנורעוועט א שוך און אָטעמט, קרעכצט דערביי אזוי, אז דאָס הארץ רייסט פאר געלעכטער. די פּעטע קאטשעלקעס בויך-שמאלץ לאָזן ניט צו די הענט צום שוך,— ביידע הענט מיטאמאָל דערלאַנגען ניט, מוז ער מיט איינער. אָטעמט און שמאָרעט, ווערט מיט שווייס באדעקט פון האָרעוואניע. אן עמעס אָפּקומעניש שנו-רעווען א שוך... בייז, צערייצט רופט ער פּעטריקן צו הילף...

ארום דעם טשעכאָנ

1

די מאָדנע לאַגע פּעטריקס: צי איז ער א קוטשער, צי איז ער א הויזדינער בא יאָטלען, צי א פישכאַפּער און גייט אויך מיט די נעצנ, צי א זאַלצער און ברעכט די פּלייצע איבערן פּאַס, צי א היטער פון די בלעכענע פּושקעס, — די אומבאַשטימטקייט פון זיין לאַגע, און די פאַרפּאַלענע האָפענונג צו געפינען ליאַמען, און די פאַרפּלאָנטערטקייט פון דער גאַנצער אַרבעט אַרום דעם געשעפט, וואָס איז פול מיט רוג-זע, קריג, מיט א סאַך באַלעבאַטים, וואָס שנאָרען אַרום, זאָגנ דייעס און ציילנ געלט...

ס'האָט גענאָגט צו שמעצנ א נאָענטנ: יעדע פרייע מינוט אויסגע-נוצט אפ צו אַרבעטנ מיט די זאַלצערס, מיט א באַזונדערנ כיישעק און אַקשאָנעס זיך אַריינגעטאָן אין די פעסער, אין דער שטענדיקער קריג צווישנ די זאַלצערס מיט די שאָבערס.

א גרויסער טייל פרויענ און קינדער אַרבעטנ באַם זאַלצנ, כאָטש ס'איז די שווערסטע אַרבעט: סע צעפרעסט דאָס לייב, די אויגנ ווערנ קאַליע, א שטעכעניש באַקומט מענ. און אַפ דער גרינגסטער אַר-בעט, ליסקעס שאָבנ, האָט מענ מאַנסבלענ געזעצט: הייזאַגטערס און לוקיא-נאָווס קאָמפּאַניע.

די יעדיע, אז הייזאַגטער וועט הייסנ די זאַלצערס אַרבעטנ ביז שטאָקנאַכט, האָט זיך מיט א פאַרשטיקטנ ברום געטראָגנ פון איינ פּאַס צום צווייטנ, פון איינ איינגעהויקערטנ האַלדז-און-נאַקנ צום אַנדערנ. די גאַנצע שווערקייט וועט פאַלנ אַפ די זאַלצערס, ניט אַפ די שאָבערס. ווייל די אַרבעט איז א קאַטאָרזשנע און געהער נאָר צו לוקיאַנאָוונ און הייזאַגטערנ. זיי ווילנ, דער טשעכאָנ זאָל זיי בלייבנ ווי רייגער רעוועכ: קאָרג איז זיי די גרויסע געלטנ, וואָס זיי באַקומענ בא יאָטלענ.

מיט די שאָבערס איז יאָטל איינ קנעפּל: ער דאַרפ אויספּאָמפּענ

וואָס מער ליסקעס. צוליב ער פארן שאָבן א באַזונדערע פּרייַז, און די שאָבערס נעמען אָן פאר ליב, אויב ער הייסט נאָך א פּאָר שאָ אַר-בעטן: נאָך פּאַרדינסט,—די אַרבעט איז א גרינגע.

פּעטריק הערט דעם פאַרשטיקטן געברום צווישן די זאַלצערס, דעם קאָפּ אַרייַנגעטאָן אין דער אַרבעט, שוואַרצקייט שווימט אַלעמאָל צו צו די אויגן. ווי א טאַטשקע טשעכאָן קערט זיך די שוואַרצקייט איבער, שווימט אָפּ, און ווידער צו, צו אַלע זייַ, צו אַלע זאַלצערס שווימט מיסטאָמע שוואַרצקייט צו די אויגן.

מיטאַמאָל האָט זיך אַלץ אויסגעדרייט: פאַר פּעטריקן איז עס פּאַשעט געוואָרן א גליק:

יאָסי ליבערס, וואָס האַלט בא די זאַלצונגען דעם פּאָדריאַד פון זאַלץ, האָט אַראָפּגעבראַכט צו זיך פאַר א בינדריוושניק קעטן.

ניט נאָר פּעטריק האָט אויפגעלעבט—קלאָר, אַז אויך די זאַלצערס לעבן אויף, ווען קעט קומט אַרייַן. ריזיק, רירעוודיק, רופט ער בא אַלע-מען אַרויס אינטערעס צו זיך און א פאַרבאָרגענעם געפיל פון שטאָלץ און געהאָלפן ווערן,—מע ווערט באַרײַדעוודיק.

קעט פּאַסט ניט אַרייַן אין אָט דער וויסטער, שווערער אַרבעט. בא אים, דאַכט זיך, קרעכצן ניט די ביינער פון דער ביטערער האָרע-וואַניע. ער פּלעגט דאַפּקע פריִער פּעטריקן אָפּט ניט געפעלן. איצט ציט צו אים.

אַלעמאָל, ווען ער ברענגט די זעק זאַלץ, גלוסט זיך אויפהייבן דעם קאָפּ, און ווי א ליכטיקן פלעק דערזען אים. די שווערסטע אַרבעט טוט קעט מיט א גרינגער האַנט. קיינמאָל דערקענט מען ניט, ווען איז ער מיד. אפילו דעם שווייס ווישט ער אָפּ, ווי מע ווישט אָפּ דאָס פרישע וואַסער באַם אינדערפריִענדיקן וואַשן זיך. ער קאָן אַזוי, פון דער העלער הויט, צענעמען די לאַנגע רויט-געשוואָלענע זאַלציקע הענט, דאָס פּאָנעם שייַנט, דער קאָפּ פאַריסן, און פּאַמעלעך, אויסדרייענדיק די הענט מיט די פינגער אַראָפּ, א זאָג טאָן קלינגענדיק איבערן אַמבאַר:

— איך האָב זיי אין דר'ערד!

אַלע פאַרכמורעטע כאַפּן זיך דאַן אויף פון איבער די פּעסער, פאַר-שטייען אַפּן וווּנק, וועמען ער מיינט, צערודערן זיך, און זייַנען גרייט

אונטערצוכאפּן די ליד, וואָס ער וועט מונטער אָנהייבן, צוקלאַפּנדיק צום טאקט.

„ער איז א באַרימער", — האָט פּעטריק אמאָל געטראכט און זיך גע־מוסערט, וואָס סע ציט אים אזוי אויסהערן זײַנע פריילעכע רייד און אָנקוועלן פון זײַן באַרימערײַ.

אז קעט צעשפּאַרט די אקסלען און טוט מיט די אויגן א וואָרף, ווײַזט זיך אויס, אז ניט ער, קעט, און די זאלצערס ברעכן דעם קריזיס אין זאלצערײַ, נאָר — פאַרקערט: אָט כאַפּט ער די באַלעבאַטים און פאַרשטעקט זיי אין כאָליעווע.

הוילע באַרימערײַ, נאָר ס'מאַכט גרינג אפן האַרצן.

איצט, ווען מע ברומט וועגן דער העכערונג פון די אַרבעט־שאָען — האַלט פּעטריק אין איין קוקן אף קעטן.

קעטס קײַלעכדיקע אויגן דערמאָנען אין ליאַמס, ווען מע האָט גע־מאַכט דעם שטרײַק בא הייזאַגטערן אין דראַטש. שטאָלענע, פאַר־אַקשנטע, — דאַכט זיך, אז די שאָ וועט קומען, וועט קעט עפּעס אזוינס צוטראַכטן — אז אַלע פּלענער דעם סוינעס וועלן באַלד צעריבן ווערן.

— מע זאָגט, אז יאָסי ליבערס ווערט באַלעבאָס — מרוקעט איינער.

א צווייטער ענטפערט:

— מירטשעם פורעם!

קעט האָט געשוויגן, אויסגעהערט, וואָס מע רעדט, ווי מע שפּאַרט זיך. שפּעטער, ווען סע שטיל געוואָרן, האָט ער א הייב געטאָן מיט די אקסל און צעגומען די הענט.

— יאָ!

— וואָס יאָ? — האָבן אופגעהויבענע קעפּ געפרעגט.

— הייזאַגטער מיט יאָסי ליבערס וועלן זיך בוצקען, און מירן טאַנצן אף זייער כאַסענע. אז מיר ווילן, קאָנען מיר זיי אָנזאלצן — סײַווי עפּע־נען זיך גיך די צוקער־זאוואָדן.

— וויאַזוי אָנזאלצן?

— „גיט, פּעטערלעך, א „נאַבאַווקע", און ווערט צעזעצט — וועלן מיר מער פון נײַן שאָ ניט אַרבעטן. ווילט איר ניט, איז פוילט איניי־נעם מיט אײַער טשעכאָן"... קיין אנדערע אַרבעטער וועלן מיר ניט צולאָזן, דאָס — א פּײַג!.. זאָלן אפילע צעזעצט ווערן!

2

וואקאָווסקי, דאָס פארזעעניש, רופט פעטריקנ צו די בלעכענע פּושקעס. פעטריק מאכט זיכ ניט הערנדיק, דאָס פארזעעניש שטייט אפ דער שוועל פונ דער פּושקע-קאמער אונ רײַסט זיכ.

יאָסי ליבערס האָט געלייגט דעם קאָפּ אונטערן הײַזאגטערנ אונ באקומענ אליינ דעם גאָלדענעם „פידראד“. בעסאָד האָט ער אָפּגעטאָנ שפּיצלעכ באם געזאלצענעם טשעכאָנ. הײַזאגטער איז געקראָכנ פונ דער הויט פאר רעציכע, געדראָט, נאָכגעלאָקערט אים צו פאקנ בא דער האנט אונ אָפּשלאָגנ די כריפּעס. ער האָט אָבער מוירע געהאט פאר יאָטלענ פארקאָכנ דאָ א געשלעג, האָט ער אלץ אָפּגעלייגט אפ סימ-כעסטוירע—דעמלט קאָנ מענ שפּאלטנ קעפּ.

אונ יאָסי ליבערס האָט זיכ אײַנגערעדט, אז פעטריק קאָנ אימ העלפנ. זאָל ער ניט זײַנ אזא וויסטער אקשנ, דער שייגעץ. יאָסי ליבערס האָט פײַנט אקשאָנים,—זאָל ער נאָר איבערנעמענ דעם „פידראד“, וועט ער אימ ארויסשמיצנ אפ צוויי שפּענדלעכ.

יאָסי ליבערס טראָגט זיכ גיכ דורכ די פּעסער אונ בערגלעכ זאלץ, אונ אינײנעמ מיטנ ווינט, וואָס זײַנ לאנגע קאפּאָטע לאָזט נאָכ זיכ, בורקעט ער פעטריקנ אינ אויער ארײַנ:

— קומ הײַנט צו מיר, באקומענ א בריוו פונ פערעלענ, צו דיר אויכ...

פעטריק דערוואַרט קוימ די שאָ אינאָוונט, צו לויפנ—קיינער זאָל ניט זענ—צו יאָסי ליבערס. אזוי האָט עס אימ ארײַנגעצויגנ אלע אפּדער-נאכט אינ א וויסטער אומפארשטענדלעכער געוווינשאפט, זיכ אויסבא-האלטנ—די זאלצערס זאָלנ כאָטש ניט דערזענ. באזונדערס האָט אימ געפּײַניקט, טאָמער דערוויסט זיכ קעט. קעט וואָלט עס זיכער ניט געטאָנ...

3

גוט בלוט האָט אונטערגעיאָגט פעטריקנ אינ די אָדערנ—פונעמ אָפּטנ באָדנ זיכ אינ דניעפּער, פונעמ ארבעטנ מיט די זאלצערס, פונעמ אויסהערנ קעטס רייד אונ אײַנזאפּנ קעטס פרײַנטשאפט.

אימ איז ליכטיק געוואָרנ, ווענ ער האָט זיכ דאָס לעצטע מאָל גע-

מאָסטן אין וואַסער, באַם שטיין, דערנאָך דעם שטיין אַרומגעכאַפּט, אָנגעצויגן אַלע קויכעס און אים אױפגעהויבן. ער פלעגט עס פרוּװן, און ניט געקאָנט. ער איז גיך אַרײַן אין די הויזן און דעם ערשטן זאַלצער, וואָס איז אים אַנטקעגן געקומען, א נעם געטאָן אים לייגן. פּעטריקן האָט זיך שטאַרק געגלוסט זײַן גערעכט אין קעטן: ער וויל אויך קאָנען זאָגן דאָס, וואָס בורעט אינוויינניק, אַזוי, זאָגן ווי קעט,—מע זאָל מוזן צוהערן.

וואָרעם אַזאַ ווייטעק: טאָמער האָט ער איינמאָל געפּרוווט אַפּלייקענען, וואָס איינער האָט דערציילט וועגן די טויטע אַפּ באַלטער יאַריד, האָט מען גאָרניט געוואָלט הערן, צו זײַן זײַט זיך ניט אויסגעדרייט. און אַז ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער ווייסט גוט, יענעם גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן: „טויטע ווערן צעפוילט, ווי-זשע קאָנען זיי אויפשטיין?”— האָט מען ניט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, מע האָט אים נאָר אָפּגעטריבן: „פּאַרנעם זיך מיט די שמאַטעס...”

דערציילט האָט יענער, אַז אַפּ באַלטער יאָר-מאַרק קומען זיך אויך מייסים צונויף. א קרעמערקע, באַ וועמען איינער האָט געדונגען טיכלעך, האָט אָנגעכאַפּט דעם קוינע פאַר דער קאַפּאָטע, ווײַל יענער האָט זיך זייער געאײַלט—האָט זיך זײַן פּאָלע פאַרהויבן, און זי האָט דערזען טאַכריכים. זי איז באַלד געפאַלן אין כאַלאָשעס. ווען מע האָט אָנגעהויבן זוכן, איז שוין דער מעס ניט געווען.—און אַזעלכע זאַכן הערט מען אויס.

וואַרט ער די שאָ צו גיין צו קעטן: יענער שליסט אויף זײַן אײַזערן צוגעשמידט קעסטל, נעמט אַרויס א ביכעלע און צוויי העפטלעך; זיי זעצן זיך אוועק אַפּן וואָגן אין שטאַל, און קעט לערנט אים לייענען און שרײַבן.

דער ליִמער אַפּן וואָגן אין יאָסי ליבערס צוגעמאַכטער שטאַל באַ די מאַגאַזאַנעס איז איבערגעמישט מיט געשיכטעס, וואָס כאַרכאַפּן דעם אָטעם. קעט טונקט אײַן די פּען און בלײַבט מיט איר אין דער לופט, פּעטריק הייבט אויך אויף די פּען פון דער מיט שורע און הערט:

— איין מאָל – כ'בין נאָך געווען א קליינער, כ'האָב געטריבן די פערד אין באַפּאָל, באַ יוקל דעם פאַרשלאָפענעם, קומען צו עטלעכע בעוורע און זאָגן: „שפּאַן טייקעס”. וווהין, וואָס — ווייס איך ניט, נאָר איך שטויס זיך שוין אָן, אַז ס'איז פון די „שוועסטער און ברידער”,

נאָר איכ בינ נאָרוואָס פונ באנ געקומענ, מיכ ארט ניט, וואָס די פערד זײַנענ מיד אונ איכ פייגער שלאָפנ. ווי שפאנט מענ, אז יוקל דרייט זיכ פאַר די אויגנ. גיי איכ אינ קאמער נאָכנ עמער אונ מיטנ מעסער — באצ אינ עטלעכע זעקלעכ האָבער.

„באלעבאָס!" — שרײַ איכ, — „ווער האָט דעמ האָבער צעשיט?" — לויפט ער ארײַנ, טוט איינער פונ די פרעמדע א מאכ צו דאָס טירל נאָכ אימ, אונ די קליאמקע אפנ פלעקל. אײַנגעשפאנט, אונ מיר כאפנ זיכ ארופ — אונ מע הייסט שמײַסנ קיינ מעטשעטנע. אפנ וועג יאָגנ אָנ נאָכ צוויי פורנ. באקאנטע פערד אונ באקאנטע טרײַבערס, נאָר די פאר-שוינענ פרעמדע. אינ מאטשעטנע פארנ קלויסטער בלײַבנ מיר שטיינ, אונ די כעוורע לאָזט זיכ צומ מאָנאָפאָל. מע רײַסט אופ די טיר אונ מע הייבט אָנ ארויסשלײַדערנ אינ דרויסנ די פלעשער בראָנפנ. אינוויי-ניק שרייט מענ, ליארעמט מענ, די פענצטער קנאקנ אונ די פלעשער פליענ, אונ א טײַכ פונ בראָנפנ גיסט זיכ. דער מאָנאָפאָלשטשיק לויפט ארויס מיט א רעוואָלווער. דער אוריאדניק איז אויכ אָנגעלאָפנ, אונ דאָס גאנצע דאָרפ שטייט אונ זעט, אז זיי קאָנענ נעבעכ גאָרניט מאכנ קעגנ די עטלעכע פרעמדע יאטנ. צעבראָכנ די מאָנאָפאָלקע, האָבנ זיכ די יאטנ ארופגעזעצט אפ די פורנ, אונ מיר פליענ קיינ ווילשאנ. ווידער א וואָרפ געטאָנ זיכ צו דער מאנאָפאָלקע, אונ טיל-טעל געמאכט. צוריק, אינמיטנ וועג, זײַנענ די כעוורע פונ די וואָגנס אראָפגעשפרונגענ, זיכ געזעגנט מיט אונדז — אונ ארײַנ אינ וואלד. איכ האָב פארשטאנענ, אז יוקל דער פארשלאָפענער טשאסעוועט שוינ אפ מיר מיט א דריק. כ'האָב צעיאָגט די פערד, אונ באמ וואלד, ער זאָל ניט זענ, בינ איכ אראָפגעשפרונגענ. סע שוינ פינצטער געווענ, כ'האָב זיכ פארטײַעט אונטער א בוימ. ער לויפט דורכ לעמ מיר מיט דער בולעווע אונ זעט מיכ ניט. ער מיינט — אפנ צעיאָגטנ וואָגנ זיצ איכ. האָב איכ שוינ ניט געטאָרט אפילע ווײַזנ זיכ אהינ אינ שטאָט ארײַנ: סקליארענקאָ פונעמ כוטער, פונ יענער זײַט טײַכ, האָט מיכ צוגענומענ צו זײַנ טשערעדע. איינמאָל איז דורכגעפאָרנ א פאיעטאָנ, אינמיטנ וועג זיכ אָפגעשטעלט, אונ דער שמײַסער רופט זיכ אָנ צו מיר: „יוקל דער פארשלאָפענער האָט דיר געלאָזט זאָגנ, אז דו זאָלסט קומענ אָפנעמענ די טאָרבע-פלעצע-לעכ, וואָס דײַנ מאמע האָט דיר צוגעשיקט"... בינ איכ ניט געקומענ, — צי ס'איז עמעס, צי א ליגנ...

און פארדערפאר, וואָס כ'האָב געפּאשעט, איז געווען די רייד אפ עסנ, און פאר די כליוונ רייניקנ און חעלפנ אינ הויפ און אינ שטוב אפ אלצדינג צו פאָלגנ, איג געווען די רייד, אז סקליארענקאָ לאָזט מיכ אָפ אפ ווינטער אינ שול מיט עסנ. און דאָרט, אינ טערניווקע זײַנען געווען סאָציאַליסטנ, בינ איכ אויכ געגאנגען אפ זייערע מיטינגען, כ'האָב ווייניק וואָס פארשטאנען, נאָר כ'האָב געוווסט, אז זיי מיינען אזוינע, ווי איכ.

אינ שול האָב איכ געלערנט אינײנעם מיטנ באלעבאָס זונ, וואָס האָט אלע עסנווארג געהאלטנ בא זיכ פארשלאָסנ אינ א קעסטל. מיכ פלעגט ער אלע טאָג האָדעווען נאָר מיט ברויט און מיט קעז, אז ס'איז מיר שוינ געגאנגען צוריק, און אלע אינדערפרי און אפדערנאכט מיר ארויסגעטיילט א האלב ציגעלע צוקער. אליינ האָט ער געגעסנ אי פוטער, אי כאזער-שמאלצ.

און בא אונדז אינ שול זײַנען געווען קריגערײַען: ווער ווען וועט באגראָבנ — די סאָציאַליסטנ, צי די שווארצע מייע. אינגיכנ האָט א קלאפ געטאָנ אינ אלע גרויסע שטעט, און בא אונדז זײַנען די ארבעטער פונ די זאוואָדנ ארויסגעגאנ מיט פאָנעס קיינ טערניווקע, און די טערניווקער זײַנען זיי געגאנ אנטקעגנ, באוואָפנט מיט ביקסנ, מיט שווערדנ: ווי עמעסע פעכאָטע און רײַטער זײַנען די רעוואָליוציאָנערנ געקומען, און מיט מוזיק. אויכ די גאנצע שטאָט איז געווען אופגעקאָכט און זיי נאָכגעגאנ. בא אונדז אינ שול האָט מענ אָנגעהויבנ זינגען ארבעטער-לידער. כ'האָב אויכ געקויפט פאר מײַנ גאנצ געלט א לידער-ביכל, נאָר ניט לאנג איז עס בא מיר געווען. דעמ באלעבאָס זינדל האָט מיר אלעמאָל געהייסנ באווײַזנ עס, און איכ האָב אָפּגעזאָגט, ווײַל ער פלעג אָפּלאכנ פונ די סאָציאַליסטנ. צום סאָפ האָב איכ אימ געגלייבט, אז ער וועט נאָר איבערלייענען און באלד אָפּגעבנ, נאָר כ'האָב מײַנ ביכעלע מער ניט געזענ.

דערנאָכ זײַנען אומגעריכט געקומען קאָזאקנ, האָבנ פארברענט עטלעכע הײַזער און איינעמ א פרעמדנ דערשאָסנ.. האָט מענ זיי אָפּגעענטפערט מיט דעמ זעלבנ: אונטערגעצונדנ די פריצימ אייגנס נאָכנ אנדערנ, און די גוראלניע בא אונדז. אינ אוועק א גאנג ארעסטנ און הארינעס, א סאַכ אונדזערע זײַנען אריבער די גרענעצנ, און א סאַכ אינ די וועלדער

אוועק. א פּאָר יאָר דערנאָך האָט מען גערעדט, אַז אין דעם וואַלד, אין יענעם וואַלד — לעבן די „וואַלד־ברידער".

נאָך אַזעלכע לימודים פּלעגט פּעטריקן דער קאָפּ זיך הייבן. ער האָט זיך קונציק אויסגעדרייט פון פירן יאַטלען אין שטאָט אַרײַן און אויסגעפירט זײַנס: מע האָט אים געשיקט צו די פישפּאַנגערס, צום כמורנעם וואַסיל.. דאָרט קאָן מען פּאַרנאַכט פרײַ זײַן, צו קעטן צוגיין.

4

הייזאַגטער האָט שטילערהייט דערווײַל געגרייט העכערן די אַרבעט־שאָען. די שאָבערס דערציילן שוין באַצרעס, אַז הייזאַגטער וועט באַ־זאָרגן מיט אַרבעט אַף ווינטער אויך, אויב, פאַרשטייט זיך, מע וועט פאַרענדיקן דעם זומער, ווי סע קער צו זײַן... ער וועט זיך שטעלן בויען צוויי נײַע מילן, נאָך אַן אַלײניצע. ער האָט שוין אָפּגעקויפט א פּאָסע־סיע. ער ווערט פון טאָג צו טאָג אָנגעשטאָפּטער. אויב ער וועט וועלן, קאָן ער ווינטער דאָס אײַז שפּאַלטן און כאַפּן טשעכאַן, — הייזאַגטער וועט אים שוין כאַפּן, אויב ער וועט וועלן.

מיטאַמאָל איז אָנגעקומען א פור מיט לאָמפּן. פון דויען קאַלעמוט־נעם בלעך, לענגלעכע, האָבן די לאָמפּן אויסגעזען, ווי סטורקאַטשן אָדער בילעוועס פון אָקסן־טרײַבער.

הייזאַגטער האָט אַרומגעשמײַעט איבער די אמבאַרן און די באַלמע־לאָכעס אָנגעוויזן די ערטער, וווּהין מע זאָל די סטורקאַטשן צוקרעמפּעווען.

האָבן די זאַלצערס פון אונטער די געבויגענע קעפּ געוואָרפן בליקן, און די ליסקע־שאָבערס האָבן זיך געווערטלט:

— אײַ, וועט זײַן פריילעך...

— ביז האַלב נאַכט אַרבעטן.

— כאָליערע..

— ווי לאַנג זאָגט ער!..

— אײַ־ אײַ, וועט זײַן פריילעך...

די זאַלצערס זײַנען שטום געוואָרן. פּעטריק, צווישן זיי, איז געווען צעטראָגן. ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ פון זײַן פאַס, אַלעמאָל געוואָרפן בליקן אַף קעטן. ווען יענער פלעגט ברענגען די זאַלץ, — דעם קאָפּ ניט אופגעהויבן, די ליפּן פאַרביסן.

הייזאַגטער האָט נאָך גאָרניט געזאָגט, — ער האָט צו טאָן מיט

די פּיש-פּאַנגערס, וואָס קירצן איִם די יאָרן... נאָר מע האָט געוואַרט פון שאָ אַף שאָ, אָט וועט ער עס זאָגן. דורך די שאָבערס האָט ער געגעבן אָנצוהערן קעטן, אַז ער זאָל בעסער באַצייַטנס אויסגעכאַפּט ווערן, ווייַל אים וועט ער דעם ערשטן אַרויסלאָזן די קישקעס.

וואָס צו ענטפערן אים, ווי אופצופירן זיך — האָט מען ניט געוווּסט, נאָר געפילט האָט מען, אַז מע וועט פאָלגן קעטן. קעט וועט שוין פאַר די זאַלצערס ניט אַוועק און הייזאַגטערן דעם וועג וועט ער ניט אָפּ-טרעטן.

יעדער פון די זאַלצערס איז געווען אַריינגעטאָן אין זיין געקאַטע-וועטער אַרבעט און געוואַרט: אָט-אָט וועט מען זיך אָנהייבן מיט די שאָבערס שלאָגן.

אַז יאָסי ליבערס האָט דערשמעקט, סע קאָן דאָ אופּרייַסן, האָט ער שטילערהייט געריבן די הענט פאַר נאַכעס. ער האָט זיך אונטערגע-כאַנפעט צו די זאַלצערס, געגעבן אָנצוהערן וועגן נייַע באַלעבאַטים איבערן פאָדריאַד, זיך פאַרכלינעט מיט מעגלעכקייַטן, וואָס שטייען אים פאַר, און ניט אויסגעהאַלטן, — ער וויל טאַקע הערן אַ מיינונג: ווי וואָלט עס אַלץ אויסגעזען, ווען ער, יאָסי ליבערס, ווערט באַלעבאָס.

די זאַלצערס האָבן שטיל געטאָן זייער אַרבעט, פון מאָל צו מאָל אַ קוק געטאָן אַפן פלאַפּלענדיקן יאָסי ליבערס.

קעט האָט זיך אויסגעגלייַכט און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— מייַן זיידע איז געווען אַ וואַלד-נעמער, פלעגט ער זאָגן: כ׳האָב ליב אַ באַלעבאָס, נאָר מיט דרייַ מנייַען: ערשטנס, ער דאַרף זייַן שטענדיק אַן אָוול — וועט ער קומען שפּעט אַפן טאָג; צווייטנס, ער דאַרף האָבן אַ קאַטאַר אין מאָגן — וועט ער ניט עסן מיט מיר אין וואַלד; דריטנס, ער דאַרף האָבן רעוומאַטיזם — וועט ער ניט שלאָפן מיט מיר אין „זעמליאַנקע". — הייַנט וואָס זאָלן מיר זאָגן יאָסי ליבערס, כעוורע?

יאָסי ליבערס האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט, — מע האָט צו הויך אַף אַ קאָל זיך צעלאַכט, מע קאָן אים פאַרשיטן, קאַליע מאַכן אינגאַנצן... ער איז אַוועק מיט פּעסטן באַשלוס, הייזאַגטערס כעזשבוינעס פּאַרט דערטאַפּן, — ער מוז דעם קראַסענקאָ, דעם „שייגעץ" ברעכן.

שוין אַ פּאָר טעג, אַז מע זעט ניט יאָסי ליבערס אַף דער זאַלצערייַ. וואָקאָווסקי האָט זיך די לעצטע טעג געשושקעט מיט אים אַפן

איער און איצט, אפ יעדנס כידעשנ זיכ, וואָס יענער איז ניטאָ, האָט וואקאָווסקי געשמייכלט:

— אהיימ געפאָרנ... מיסטאָמע... כ'וויס...

מע האָט בא אימ ביכלאל קיינ עק ניט געקאָנט דערגיינ, וועמעס צאד האלט ער. אָט סוידעט ער זיכ מיט דעמ, אָט מיט יענעמ, און מיטאמאָל שטעלט ער זיכ פאר עמעצנ איינ אזוי הייס און ווארפט זיכ אזוי אומראכמאָנעסדיק גאליק קעגנ קעגנער, אז דעמ ווייטיקנ דאכט זיכ: וואקאָווסקי ווייסט, וואָס ער וויל. א טאָעס — עפעס טוט זיכ די רעגע א קרימ בא אימ די בייזע צונג, און דער סאכאקל בלייבט, אז ביידע צדאָדימ זיינענ פונ אימ ארויס באשמוצט מיט די מיעסטע כויזעקלעכ און זילזולימ.

יאָסי ליבערס, אז ער האָט פונ אימ נאכעס — טוט ער א טשמאָק און א קוויק מיט די ליפנ, ווי ווענג א זיסער זאכ: „אכ, ס'א פארשווינדל מיט אלע פאזשאלעסטעס". פעטריק האָט געהאט פונ וואקאָווסקינ קאלטס און ווארעמס: ער האָט קיינמאָל ניט געוווסט, ווענ שאפט ער זיכ מיט אימ ערנסט, און ווענ כויזעקט ער פונ אימ. ער האָט אימ דעריבער ווייניק וואָס געפאָלגט, און יענער האָט פעטריקנ שוינ עטלעכע מאָל פארטריבנ.

יאָטלענ אינ פאָנעמ האָט וואקאָווסקי לעקעריש ארייננעקוקט, און ווענ יענער האָט זיכ נאָר אויסגעדרייט, האָט ער שוינ געהאט וואָס פונ אימ צו כויזעקנ: מיעס, כאָכמעדיק, קלוג-שטעכיק, — ארומ האָט מענ זיכ געהאלטנ באמ בויכ פאר געלעכטער. געכויזעקט וועגנ הייזאגטערנ און יאָסי ליבערס און דעמ פאָרעצ לוקיאנאָוו, קיינער האָט גאָר קיינ באזונדערס ניט געזענ אינ זיי, און ער האָט יאָ געזענ; קיינער האָט גאָר קיינ באזונדערס ניט געוווסט, און ער איז געווענ אָנגעשטאָפט מיט געשיכטעס וועגנ זיי און אפ אלצ א קענער און א מייווינ. מע דארפ אימ נאָר מאכנ א ווארע, אזוי ווערט ער באריידעוודיק.

— שאט-שאט, וועלנ מיר הערנ, וואָס וואקאָווסקי זאָגט...

— כא-כא, איר הערט וואָס וואקאָווסקי זאָגט, כא-כא.

— זאָגט-זאָגט, וואקאָווסקי, זאָגט עפעס א גוט וואָרט...

ער איז געווענ אכאָל א פארטיי-מענטש; אז עס איז געוואָרנ ענג, איז ער פונ די ערשטע געוואָרנ אויס און ניט געקאָנט אָנקוקנ די אנדערע, וואָס האָבנ זיכ ניט ליקווידירט. ער האָט געפונענ יאָטלענ און

באַקומען בײַ אים די אויסגעצייכנטע שטעלע, ווו טאָג דאַרף מען גאָר־ניט און זידלען קאָן מען א סאַך. ער האָט אַלץ אַזוי געדרייט אַרום די געשעפטן, אַז אָן זײַן אַרײַנמישן זיך האָט מען ניט געקאָנט אויסקומען, — דערפאַר האָבן זיך אַלע מיט אים גערעכנט, און אַלע האָבן אים פײַנט געהאַט.

וואַקאָווסקי שטייט אַף דער שוועל פון דער פּושקע־קאַמער און שרײַט צו פּעטריקן, ער זאָל שפּאַנען די ברישקע. יאַטל וויל אײַנשטאָט אַרײַן.

פּעטריק האָט דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן, דער מויעך האָט מיטאַמאָל אַלע קויכעס געוואָרפן אַף איין פּונקט: באַלד געפינען אַ אײַצע, ווי ניט צו פאָרן אינ שטאָט. ער טאָר איצט ניט אוועקפאָרן. דאָ וועט זיך טאָן כוישעך. אַלע ווייסן, וואַרטן, און ער, אינמיטנדרינען — אוועקפאָרן, גלײַך מיט אים קער זיך עס ניט אָן.

וואַקאָווסקי ווערט צעפּיקט, און פּעטריקן ווערט הייס פאַר יִיסורים, קעט האָט זיך צו אים צוגעבויגן:

— גיי, גיי, קראַסענקאַ, פיר אים אָפּ אינ שטאָט. דעם פאַרעץ פּאַסט ניט זײַן באַם אײַנפירן די נײַע רעפאָרמע... נאָר ווי לאַנג קרענקט ער!

— כ'וויל ניט. — האָט פּעטריק דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן.

וואַקאָווסקי איז ווי אַ מאַלפּע געשפּרונגען אַף איין אָרט, אַף דער שוועל פון ליסקע־קאַמער, געזידלט און געדראָט: אָט לויפט ער זאָגן דעם „באַרין“, אַז דער מייִסער „שייגעץ“ פאָלגט ניט. נאָר אָפּטרעטן פון דער קאַמער — טאָר ער ניט.

די זאַלצערס שטרײַקן

1

אַפּ אַלע צעשפּרייטע וואַסערן איז שוין געווען טונקל. פון מאָל צו מאָל האָט מען געהערט אַ „פּליאַכ־פּליאַכ" פון עפּעס אַ באַשעפעניש צווישן דיביימער, וואָס שטייען ביז די קני אין וואַסער.

אָדער ס'איז אַ באַשעפעניש, אָדער ס'איז דאָס וואַסער אַליין, וואָס מוט אַ קרעכץ אין דער שטילקייט, אָדער עמעצער אַ פאַרשפּעטיקטער פויעט פערד. קאָן זיין, ס'איז קעט פויעט די פערד.

שטיל שלאָפן אַלע. וועט אויך פּעטריק אַרייַנגיין צו די זאַלצערס אין אַ קורין איבערצונעכטיקן.

באַם זאַלץ־אַמבאַר האָט אַ געשריי אים געהייסן שטיין בלייבן. צוויי זייַנען צו. מע האָט זיך אַרייַנגעקוקט אין די פּנעמער און זיך דערקענט: היימישע זאַלצערס.

— וואָס שטייט איר דאָ? — האָט זיך פּעטריק פאַרכידעשט.

— מיר לאָזן ניט צו, — האָבן די צוויי עטוואָס אויפגעהויבן די בו־לעוועס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן.

— וועמען?.. וועמען?..

— מיר האָבן געוואָרפן די אַרבעט. ווייסט ניט?

פּעטריק האָט שיר ניט אונטערגעשפּרונגען: ס'האָט זיך טאַקע, הייסט עס, אָנגעהויבן, און ער איז דערביי ניט געווען. ווען ער האָט באַדאַרפט זיין, איז ער דאָ ניט געווען.

— וואָס הייסט? האָט ער אומגעדולדיק אַלץ געוואָלט וויסן.

— נעכטן האָבן מיר אָפּגעריסן די לאָמפּן, וואָס מע האָט אונדז אויפגעהאַנגען, און זיי באַנייט אַפּ יאָסי ליבערס.

— יאָסי ליבערס?

— יאָ, דער נייַער באַלעבאָס.

— באַנייט?..

— יאָ, מיט די לאָמפּן איבער זײַנע פּלייצעס.

— און הײזאַגטער?

— א גאנצער פּלאָנטער...

— וואָס-זשע?

— ער שרײַט, אז ענדיקן דעם סעזאָן וועט ער, ניט יאָסי ליבערס. פריער האָט ער זיך געוואָרפן אַפּ קעטן, נאָר ער האָט געכאַפּט א פּסאַק פון אים. איצט לעקט ער זיך אונטער. ער האָט אונטערגעשיקט וואַקאָווסקין צו קעטן, זיך איבערבעטן. „הײזאַגטער וויל מיט דיר לעבן בעשאָלעם,״ — האָט וואַקאָווסקי געזאָגט. קעט האָט אים ארויסגעוואָרפן.

— וואָס ווילט איר אויספירן?

— מיר ווילן נאָר נײַן שאָ ארבעט. נאָר איין מאָל אין וואָך זאָל דער באַלעבאָס ארײַנשמעקן אין זאַלצערײַ. דעם אוריאַדניקס דוך זאָל דאָ ניט געדאכט ווערן. די פרויען און קינדער אוועקנעמען פונעם זאַלצן — זיי שטעלן צום שאָבן.

— נו?

— נו, נאָכן פאַרשפּיל מיט די לאָמפּן איז שוין יאָסי ליבערס, קאָן מען זאָגן, אײַנגעגאַנגען, נאָר הײזאַגטער לאָזט ניט.

— ווער-זשע איז דער באַלעבאָס?

— פּאַשעט און פּראָסט. הײזאַגטער האָט אָפּגעהאַנגען א שלאָס. ער שרײַט, — דאָס געשעפט איז זײַנס. דעם גובערנאַטער וועט ער אראָפּברענגען, דעם קייסער, די קייסערינע. בלוט וועט זיך גיסן אין די גאַסן יענער, אז ער גייט ארײַן אין דער רעציכע, — יאָסי ליבערס מיט לוקיאַנאָוון וועט ער אין קייטן פאַרגיסן. ער איז אוועק אין שטאָט צו נאַטשאלסטווע.

— וואָס-זשע וועט זײַן?

— נימאָ מיט וועמען צו ריידן.

— און יאָטל?

— מע זעט קיינעם ניט. באַהאַלט זיך אויס.

— וואָס-זשע שטייט איר דאָ?

— די שאָבערס זאָלן ניט גיין צו דער ארבעט.

— זאָגט ווי פאַקט מען קעטן?. האָט פּעטריק שוואַר אָפּגעעטעמט.

— די כעוורע איז איצט אין ליסעהאָרער יאַר. קראַסענקאָ, ווייסט

גאָרניט, אז האָסט דאָ געהאט א גאסט? — דײַן מאמע איז געקומען צו דיר...

— ווו?

פעטריק איז צוגעזאָטן געוואָרן צום אָרט.

— אוואדע, — זאָגט דער זאלצער, — דאכט זיך, אז זי איז שוין אוועק צוריק. זי האָט אזוי געזשאלעוועט... גיי, קעט וועט דיר דערציילן.

פעטריק האָט זיך א ריס געטאָן.

2

ער איז א פארסאָפּעטער אָפּגעלאָפן די פיר ווערסט צום יאר און אינדערפינצטער דערקענט קעטן, וואָס האָט שטיל אגיטירט און זיך געהיצט. פעטריק איז צוגעלאָפן צו אים.

— לויף קיין ליסעהאָרע... — האָט קעט זיך איבערגעריסן און געכאפט פעטריקס צעטראָגנקייט, — די מאמע איז נאָך דאָ. זי איז בא מיר. ליגט דאָרט אפן אויוון. ניט געזונט, די מאמע. לויף.

פעטריק האָט זיך געדרייט, ס'איז אים ניט גוט געווען, ליסעהאָרע איז דאָך ווײַט, און ער מוז דאָ זײַן.

קעט האָט זיך צו אים צוגעבויגן:

— לויף! אין א פאָר שאָ ארום וועל'כ אויך קומען אהין.

פעטריק איז ארויס פון ראָד, זיך געדרייט א ווײַלע און אין טונקלעניש זיך אראָפּגעלאָזט לעבן א כאווער. מע האָט זיך אפּ אים מער ניט אומגעקוקט. מע האָט גערעדט. מע דארף זיך פאר גאָרניט שרעקן. ביז מיר פירן ניט אויס, וואָס מיר ווילן — ארבעט מען ניט. וואָס הייסט עס! — מע ציט די קליי, און אז ס'קומט צאָלן, שפּײַט מען אָן א קאָפּעקע אין דער האנט ארײַן.

ווען מע האָט פארענדיקט, זײַנען קעט און פעטריק אוועק א היים.

די עטלעכע ווערסט זײַנען פארשוואונדן אונטער זייערע פיס. ס'איז פאר זיי ארויסגעוואָקסן די כאטע. זיי זײַנען ארײַן. פעטריק איז ארום אפן אויוון, אין דער פינצטער האָט ער אָנגעטאַפּט טראנטעס.

— מאמע! — האָט ער מיט א פארכאפּטן אָטעם ארויסגעהויכט. און מיטאמאָל האָט אים א שלאָג געטאָן אין קאָפּ, אז ס'איז שוין ניט די מאמע. מעגלעך, אז זי וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אָנרופן. נאָר פון די שמאטעס און ברעטלעך האָט יאָ עפּעס ארויסגעקרעכצט.

קעט האָט צוגעטראָגן דאָס לעמפל צום אויוון. פּעטריק האָט אי־דער קנאַפּער שײַן קוים דערקאָנט די מאמע. זי האָט זיך אַזוי פאַרענ־דערט, אַזאַ פרעמד אויסזען, ווי ניט פון קיין לעבעדיקער זאַך. דאָס אויסגעהוילטע פּאָנעם אירס האָט געציטערט, זי האָט אַרויסגעשלעפּט אַ האַנט פון די צודעקעכצן. די האַנט האָט אויך געציטערט, גלײַך ס'איז איר קאַלט געוואָרן, וואָס זי האָט פּלוצעם דערפילט פּעטריקן לעבן זיך. ער האָט גיך געכאַפּט דאָס פעלצל און זי אײַנגעדעקט.

ווי פון טיפן שלאָף האָבן אירע קנייטשן פון פּאָנעם באַמיט זיך צו דערוואַכן, גלײַך זי האָט זיך געריסן פון אַ טיפער בלאָטע און געוואָלט זיך אָנכאַפּן אינעם זונס קאָל. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי שוין גערעדט. פּעטריק האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון איר שטערן.

זי האָט דערציילט, אַז ווײַבאַלד ליאַמס באָבע איז געשטאָרבן, האָט זי שוין אַליין אויך ניט געהאַט וואָס צו טאָן, און די קרענק האָט זי צום איבעריקן דערשלאָגן. האָבן שכנים געזאָגט, אַז דער זון אַרבעט בא הייזאַגטערן.

— בין איך געקומען צו דיר שטאַרבן. לאָזט זיך אויס, אַז דו שלײַ־יעסט זיך אַרום. כ'קוק זיך די אויגן אויס, און דו ביסט נישטאָ. יאָסי לי־בערס טעכטערל איז אויך געקומען און וואַרט אויך אָפּן טאַטן. טרייסט זי מיך, אַז דו וועסט קומען מיט איר טאַטן. ווען ניט קעט, וואָלט איך שוין איינגאַנצן געפאַלן. מיך אָפּגעהיט ווי אַן אייגענע מאַמע׳ ביסט קיין לײַט ניט, ווערסט קיין לײַט ניט, פּעטראָ... כ'שטאַרב שוין, און ווערסט קיין לײַט ניט...

ער איז געוואָרן שטאַרק צעמישט און זיך צעכליפּעט; — שטאַרב ניט, מאַמע, אָט וועסטו זען, איך ווער אַ מענטש... — האָט ער געכליפּעט.

קעט האָט דערציילט פּעטריקן, אַז צוויי מאָל האָט ער שוין גערופן דעם פעלדשער פון דער סטאַנציע. נעכטן האָט ער ניט געוואָלט גיין, דער פעלדשער — ער זאָגט, אַז סײַווי וועט שוין גאָרניט העלפן.

פּעטריק האָט גיך צעלייגט פײַער, געשטעלט קאָכן קוליש פאַר דער מאַמען, קעטן געבעטן אַכטונג געבן און אַליין געלאָפן צו דער סטאַנ־ציע, אַראָפּברענגען נאָכאַמאָל דעם פעלדשער.

אין טונקעלן צימער, וואָס האָט געשמעקט מיט רעפּועס און געוואַ־שענע ווונדן, איז אינדערמיט געשטאַנען דער לאַנגער דאַרער פעלדשער און זיך אָפּגעשלאָגן פון פּעטריקס בעטלעניש...

— אז סע וועט שוין גאָרניט העלפן, — האָט ער קאַלט געזאָגט, — זי וועט היינט־מאָרגן שטאַרבן.

— קומט, קומט, קומט נאָך א קוק טאָן.

— אז ס׳איז גאָרנישט, וואָס זי רעדט און זי איז באַם זינען.

— ס׳איז איר בעסער, קומט — זעט אליין.

— כ׳האָב קיין הילף ניט פאַר איר... כ׳וועל ניט גיין.

— כ׳טרעט ניט אָפּ, קומט, קומט.

— כ׳גיי ניט.

פּעטריק האָט עפּעס געמרוקעט און דערנאָך מיטאַמאָל א פאַל געטאָן אַפּ די קני, ארומגעכאַפּט דעם פעלדשער ארום די פיס און זיך צערעוועט:

— קומט ראַטעוועט מיין מאַמען.

דער פעלדשער האָט זיך געמוזט אָנטאָן און נאָכגעגאַנגען פּעטריקן אין דער פינצטערניש צופוס קיין ליסעהאָרע.

3.

דעם קלאַפּ האָט פּעטריק געכאַפּט פאַר טאָג. באַם פּולן זינען איז די מוטער געשטאָרבן. זי האָט געזאָגט:

— שווער מיר, אז וועסט ניט שיקערן, ווי דער טאַטע דיינער... ביסט קיין לייט ניט, ביסט גאָר קיין לייט ניט...

און פאַרלוירן דאָס לשון.

זי האָט זיך באַמיט אויפזעצן, ער האָט איר געהאָלפן. אירע הענט האָבן געשאַרעוועט אונטער זיך אין די שמאַטעס, עפּעס געזוכט. באַלד אָבער איז זי מיד געוואָרן און זיך צוריק אראָפּגעלאָזט אפן געלעגער. געמאַכט מיט די ליפּן, נאָר קיין רייד האָט פּעטריק ניט געהערט. זי האָט געקלאַפּט מיט דער האַנט אין געלעגער און ניט געקאָנט זאָגן וואָס.

פּעטריק האָט די האַנט אריינגערוקט הינטער איר אין דער שטרוי, און ארויסגעשלעפּט אן איינגעוויקלטע שמאַטע. ער האָט גיך צעגומען עס: אַלטע צוויי אויסלענדישע שיינע קאָנווערטן; אין זיי ליגן גרויסע פאַרב׳קע בויגנס פּאַפּיר מיט שיפן אפן בלויען יאַם. צוויי בריוו דערביי, וואָס הייבן זיך גלייך אָן, אז דאָס שיקט זיי דער מאַמען און פּעטראַן, שיקט פּאַכאָם, וואָס וווינט אין קאַנאַדע און מאַכט א לעבן. אָט מיט די שיפסקאַרטעס זאָלן זיי קומען צו אים.

דערווייל איז הייזאַגטער אראָפּגעקומען מיט א פּריסטאַוו און מיט

צווי זשאַנדאַרמען. ער איז געגאַנגען אַפּ פריִער, אין איין האַנט גע-טראָגן פּאַפּיר און מיט דער צווייטער געטיטשעט אין דעם און געוויזן אַפּ די באַזונדערע טיילן פון דער זאַלצעריי.

די מינוט איז אויסגעוואָקסן יאָסי ליבערס. אויך מיט אַ פּאַפּיר און אויך געטיטשעט אין דעם, טײַטלענדיק אַפּ דער זאַלצעריי, אַפּ דער קאַמער, דעם דניעפּער.

ס'האָט זיך אופגעהויבן אַ געשריי, אַ גוואַלד, און הייזאַגטער האָט זיך געוואָרפן אַפּ יאָסי ליבערס.

הינטער אַ קאַמער זײַנען געשטאַנען אַ כעוודע שאָבערס, וואָס האָבן זיך געקריגט, געקאָכט, געבורעט. וואַקאָווסקי האָט אַלעמאָל אַרײַנגעוואָרפן אַ הייס וואָרט, אונטערגעגעבן כיישעק, מע זאָל זיך כאַפּן שלאָגן. ער האָט צעהיצט, צערייצט, געהאַקט, דאָ אַפּן אָרט קונציק צונויפגעדרייט שקאָרים, וואָס האָבן צעבורעט די געבליטן און געיאָגט פאַרפאָרן אין די פּיסקעס אַרײַן. ווען עס צאַד ער איז, גיך שווער צו דערגיין, און אַז ער שטייט גרייט פּאַכדאָניש צו מאַכן פּלייטע, זעט מען אויך, — אָבער די הענט האַלט ער הינטן, און די עסעדיקע מיט גאַל-פאַרלאָפענע אייגלעך שפּרינגען פון אומגעדולד — סע זאָל זיך שוין אָנהייבן די האַריגע.

הענט און גוואַלדן האָבן זיך געהויבן, נאָר דער פּריסטאַוו האָט אַ געשריי געטאָן — מע וועט שיסן, אויב סע וועט ניט די רעגע שטיל.

ער האָט זיך געהייסן פירן צו יאָטלען.

יאָטל איז שוין אָבער אין שטיבל ניט געווען.

אַז מע איז אַרומגעלאָפן אים זוכן, האָט מען דערנאָך אַנטדעקט אַז דער טשעמאָדאַן איז אויך נישטאָ. האָט דער פּריסטאַוו באַפוילן הענגען שלעסער און פאַרכאַסמענען. די שליסלען האָט דער פּריסטאַוו צו-גענומען צו זיך. יאָסי ליבערס האָט זיך אײַנגעבעטן בײַ די זשאַנדאַר-מענס, זיי זאָלן אים דאָ אַליין ניט לאָזן: דער רויצייעך, הייזאַגטער, וועט אים אומברענגען. האָט אים די פּאָליציי מיטגענומען מיט זיך.

אַפּ הייזאַגטערן האָט די הויט געברענט. גרייט געווען אַש און פּאָ-רעך צו מאַכן פון אַלעמען.

ער וועט דאָ נאָר באַוואָרענען די נעצן און די ניט פאַרכאַסמעטע פּעסער טשעכאָן אַפּ אַ פאַרגעסענעם אַמבאַר, וועט ער באַלד פאָרן אין שטאָט צום גובערנאַטער, מע זאָל כאַפּן יאָטלען און אַ האַלבע שטאָט פאַרקאָווען אין קייטן.

אָבער נאָכ איידער עפעס, וועט ער זיי אָפשפילנ א שײַנעמ סימכעסטוירע, בלוט וועט זיכ גיסנ.

וואקאָווסקי איז שטילער פונ וואסער געוואָרנ, אונ ווענ הייזאגטער האָט געהייסנ טאָנ, וואָס מע דארפ, צו באוואָרענענ דאָס איבערגעבליבענע, האָט מיט וואקאָווסקינ געציטערט דאָס קאדאָכעס — ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבנ פאָלגנ, זײַנ קנופיע — אויכ, אונ מיט אימ די שאָבערס.

אָבער די זאלצערס האָבנ זיכ אָפגעזאָגט אונ אויכ די אנדערע ניט געלאָזט, קעט האָט געהייסנ געבנ פעטש יעדערנ, ווער סע וועט זיכ צורירנ צו הייזאגטערס ארבעטנ.

— לאָז דער הייזאגטער אויספילנ פריִער, וואָס מיר ווילנ. — אונ קעט האָט זיי געטריבנ, ווי מע טרײַבט הינט. וואקאָווסקי האָט שטילערהייט געבורעט צו זײַנ קנופיע:

— קומט זאָגנ דעמ הייזאגטער, אז קעט בונטעוועט.

הייזאגטער איז אָנגעלאָפנ, אונ נאָכ איידער ער האָט זיכ ארופגעוואָרפנ אפ קעטנ, האָבנ אימ עטלעכע אָנגעכאפט בא די הענט אונ זיכ אָנגעשטרענגט פארדרייענ זיי אפ הינטנ. דער גוואר האָט זיכ אָנגעבויגנ, אלע ביינער האָבנ א טרעשטשע געטאָנ, א האנט האָט זיכ ארויסגעריסנ אונ ארײַנגעפלויגנ איינעמ אינ פאָנעמ ארײַנ, יענער איז אָפגעשפרונגענ, נאָר אנדערע האָבנ זיכ ארופגעוואָרפנ.

— שטריק — האָט קעט א געשריי געטאָנ.

הייזאגטער איז געלעגנ א געבונדענער אונ געמוזט צוזענ, וואָס ארומ אימ טוט זיכ. אפ רעווענ אונ שעלטנ האָט ער שוינ קיינ קאָל ניט געהאט. מיט בלוטדאָרשטיקע פארלאָפענע אויגנ נאָכגעקוקט נאָכ קעטס מינדסטער טנוע. שוימ איז אימ אפנ מויל ארויסגעטראָטנ.

4

מיטנ פאָנעמ צו אימ איז געשטאנענ קעט, פעטראָ קראסענקאָ, די זאלצערס אונ דער גרעסטער טייל שאָבערס. קעט האָט געהייסנ וואקאָווסקינ מיט נאָכ עטלעכע שאָבערס זיכ שטעלנ הייזאגטערנ בא דער זײַט. מע האָט געפאָלגט, אונ קעט האָט געזאָגט:

— אזוי ווי דער הייזאגטער האָט זיכ אָפגעזאָגט אויספילנ, וואָס מיר האָבנ געפאָדערט, אונ דערצו נאָכ געוואָרפנ זיכ שלאָגנ, האלט איכ, אז וואקאָווסקי אונ אלע אנדערע אונטערלעקערס זאָלנ מיר דערווײַל נע-

מען אין א קעמערל אפ א שלאָס. ווײַטער האלט איך, אז מיט די נע-צן זאָלן דרײַ פון אונדז פאָרן אין שטאָט ארײַן פארקויפן און באצאָלן אלעמען פאר דער צײַט, וואָס די באלעבאטים האָבן זיך צווישן זיך גע-ריסן, און מיר האָבן ניט געקאָנט ארבעטן; צעטיילן, אז מיר זאָלן קאָנען איבערוואַרטן די פּאָר וואָכן, ביז די צוקער-זאַוואָדן הייבן אָן אר-בעטן... פּעטראָ קראסענקאָ נעמט אפ זיך אכטונג צו געבן, אז די אונ-טערלעקערס זאָלן זיך ניט ארויסרײַסן, איידער מיר מאכן א סאָף. לייגט פאָר, ווע‍מען צו שיקן אין שטאָט מיט די זאכן, און זאָגט, וואָס טאָן מיט הייזאגטערן.

מע האָט לאַנג גערעדט און אײַנגעטיילט די ארבעט. נאָכדעם זײַנען דרײַ, מיטן טשעכאָן און מיט די נעצן, געפאָרן אין שטאָט ארײַן.

אונטערן אופזוען פון קעטן און פּעטריקן איז הייזאגטער געבליבן געפאנגען, ביז מע האָט ניט פארענדיקט אלע כעזשבוינעס מיט די אר-בעטער, מיט די פישער.

און שוין גאָר אונטער דער נאַכט בא די זשאנדארמען, וואָס זײַנען ארויפגעקומען הייזאגטערן צוהילף, פּאקן די בונטאָווששיקעס, און זיך צעיאָגט מיט אָנגעשטעלטע סאבליעס איבערן ברעג, איבער די שליאכן — שוין גאָר אונטער זייער נאַז האָבן די לעצטע צוויי אפ אונטערוועגן און אומוועגן זיך אָפּגעטראָגן פון די פּלאַווניעס — קעט און פּעטראָ קראסענקאָ.

... און קעט מיט פּעטריקן האָבן זיך אהיים ניט אומגעקערט — דאָרטן האָבן הייזאגטערס לײַט נאָר געוואַרט, די פּאָר לײַט זאָלן זיך באווײַזן: אז מע וועט זיי כאפּן, וועט מען מיט זיי מאכן א קורצן סאָף.

קעט מיט פּעטריקן זײַנען געפאָרן קיין קאטערינאָסלאַוו, דאָרט איז עלקע, זיך זען מיט איר, באראטן זיך, דעריקער, זיך אויסדרייען פון דער פּאָליציי, וואָס הייזאגטער האָט צעשטעלט זיי איבערצוכאפּן.

אינהאלט:

זײַט

ל. וואָרטמאנ. לייב קוויטקאָ 3

1. אינ א זוניקנ טאָג 6

2. דער טאטע 16

3. באקאנטשאפט מיט פעטריקנ 27

4. טאָדרעס איז געקומענ 33

5. אופגעוואכטער האס 45

6. באמ פארבער 51

7. טשוועקעס 60

8. קאמפ 69

9. אָפגעשונדנ א טאָג 73

10. פעל 85

11. דער ארשינ 99

12. ראָסל-פלייש 103

13. די פרעמד צעשיידט 109

14. באגעגענישנ 115

15. אינ כערסאָנ 120

16. מיט די פארבערס 130

17. ארעסט 135

18. אינ וועג ארײַנ 141

19. פעטריקנ פירט א פארשווינ 145

20. א קוטשער בא די פיס 161

21. ארומ דעמ טשעכאָנ 169

22. די זאלצערס שטרקנ 180

Редактор Л. Вортман Технич. ред. И. Тененбаум
Корректор Р. Вин
Сдано в производство 21/IX—33. Подписано к печати 5/XI—33.
Формат бумаги 82×110 1/32, 11 3/4 п. л. 72000 зн. в п. л.
„Эмес" 261. Тираж 5000 экз. Уп. Главлита. В — 65525.

Тип. изд-ва „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. № 761.

שול-ביבליאָטעק:

סעריע ביז־אָקטיאבערשע
ליטעראטור.

פארלאג „עמעס"

מאָסקווע, סטאראָפּאנסקי, 1.

עס זיינענ דערשינענ אונ געפינענ זיכ אינ פארקויפ:

י. ס. ווײַסנבערג — א ש ט ע ט ל.

ספּעציעל באא־בעט פאר דער שול, מיט א פאָרעדע.
112 זײַטלעכ, פּרייז 80 ק., אינ אייננבונד 1 ר. 10 ק.

ד. פּינסקי — ד ע ר צ ײ ל ו נ ג ע נ.

ספּעציעל באארבעט פאר דער שול מיט אנ ארייננפיר־ארטיקל.
112 זייטנ, פּרייז 80 קאָפּ. אינ אייננבונד 1 ר. 10 קאָפּ.

מ. גאָרקי — ד ע ר צ ײ ל ו נ ג ע נ.

ספּעציעל באארבעט פאר דער שול, מיט אנ ארייננפיר־ארטיקל אונ באמערקונגענ.
246 זייטנ, פּרייז 1 ר. 20 ק. אינ אייננבונד 1 ר. 50 ק.
(סעריע סאָוועטישע שרייבער).

מ. דאניעל — י ו ל י ס.

ספּעציעל באארבעט פאר דער שול, מיט אנ ארייננפיר־ארטיקל אונ באמערקונגענ. (סעריע סאָוועטישע שרייבער).